STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06303

IN PARDES FUN YIDISH

Ezekiel Brownstone

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראָנשטיין

*

אין פּרדס פון יידיש

עסייען

סקולפטור — ב. מלחי

יחזקאל בראַנשטיין

יחזקאל בראָנשטיין



פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ה — 1965

E. BROWNSTONE

IN PARDES FUN YIDISH

Essays

יחזקאל בראָנשטיין / אין פּרדס פון יידיש

עסייען

צייכנער: ב. מלחי

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, ת"א, ישראל
„Hamenora" Publishing House
24, Zangwill Str. Tel-Aviv, Israel

©

Copyright 1965, by E. Brownstone
350 North Sweetzer Avenue
Los Angeles 47, California

נדפס בישראל תשכ"ה
Printed in Israel 1965

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

העברעיש איז... לשון קודש,

אָבער יידיש איז... לשון הקדושים

פראָפ׳ חיים וויצמאַן

ערשטער נשיא פון מדינת ישראל

...די לעזערס (און די קריטיקערס) וואָס האָבן הנאה פון זוכן חסרונות, האָבן קיין הנאה נישט פון לייענען. זיי זענען שלעכטע לעזערס, ממילא זענען זיי אויך שלעכטע קריטיקערס... ז. 132.

...די אמתע קונסט פון אמתער קריטיק ליגט... אין באַוואונדערן די וווּנדערס פון שאַפן, אין קלאָר מאַכן דעם זינען פון קונסט, נישט אין אויפדעקן דעם אומזין פון אומקונסט... קריטיק איז שיינקייט־זוכעניש; קריטיק איז ליבע... ז. 135.

ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער

געווידמעט

דעם אָנדענק פון

ה. לייוויק

ה. לייוויק

אייביק וועל איך דיך געדענקען,
תמיד זען דיך פונדערווייטן
און אָן אויפהער נאָך דיר בענקען,
ווי נאָך חלום פון פאַרצייטן.

איך וועל זינגען דיינע לידער,
קיינמאָל מער פון דיר געהערטע —
כאָטש פון תמיד אָן א מידער
פון די טעג-און-נעכט באַשווערטע.

דיינע לידער, דיינע דראַמעס,
פלייש-און-בלוט פון דיר געלעבטע —
זין פון איכות און פון כמות,
אין דער אייביקייט פאַרוועבטע —

וועלן זיך אַליין באַנייען
אין געדעכעניש פון דורות,
אין א לעבן אין א נייעם,
אין דעם רייץ פון דיינע תורהס

וואָס זיי ברענען מיט דעם פייער
פון דעם סנה און לעבן אייביק
אין דעם האַרץ פון פאָלק, וואָס טייער
וועט תמיד האַלטן דיך, ה. לייוויק.

א

אינהאַלט

אַריינפיר צו אָפּטיילונג א 11
ה. לייוויק ז״ל 13
וועגן די סאָנעטן פון מאַני לייב 15
א. לעיעלעס (צו זיין 75סטן יובל) 25
מלך ראַוויטש (צו זיין ווערן אַ בן שבעים) 27
ביסט געווען, ביסט געוואָרן, פון יעקב גלאַטשטיין 29
וועגן יעקב גלאַטשטיינס אַ זמר 33
דיכטער און קריטיקער (יעקב גלאַטשטיינס „פרייד פון יידישן וואָרט״,
פון אליעזר גרינבערג) 38
גבורה דורך בלוט (ישעיהו שפּיגל: און געוואָרן איז ליכט) 43
העברעישע דיכטונג פאַרברידערט צו יידיש־לשון (ש. שלום: לידער און
פּאָעמעס) 56
די בלוטיקע צוואה (יוסף רובינשטיין: מגילת רוסלאַנד) 63
אין שיין פון קדושים (משה שולשטיין: בלומען פון באַדויער) . . . 70
קוואַל פון יצירה (שלמה שנהוד: מיט חלום איבער תהום) 81
מיין היים, מיין שילד, און מיין וואָפן (י. מאַניק: אין טריט פון מיין
וואַנדער) 94
דיכטונג הינטערוועגס (אברהם זאַק: אויף פרעמדער ערד) 101
מיט אַן אייגן קול און אַן אייגן פּנים (ראַשעל וועפּרינסקי: די פּאַליטרע) 106
אלף כץ — די אמתע חתונה 115
מלכה לי — אין ליכט פון דורות 119
אַליין מיט זיך, פון אליהו רייזמאַן 127
איך האָב זיך אויסגעטרוימט אַ זון, פון אליהו רייזמאַן 132
פון ערשטן שניט (קלמן סגל: צו מיין נייער היים) 139
איך און דער ים, פון קעהאָס קליגער 142
די ראַם, פון משה שטיינגאַרט 149
ערב דעם חורבן פון וועלט און מענטש (יצחק גאָלדקאָרן: לאָדזשער
פּאָרטרעטן) 156
צווישן חורבן און אומקום (ישעיהו שפּיגל: די בריק) 166
פּראָזע פאַרברידערט צו דיכטונג (יעקב זיפּער: כ׳בין ווידער אין מיין
חרובער היים געקומען) 169
הערש פענסטער 178
די קליינע זשורנאַלן (עסיי) 180

*

אין דעם פּרדס פון יידיש-לשון פּרילינגט אייביק דער עץ החיים פון אונדזערע קולטור-ווערטן, אין דער קרוינונג פון די ווערק פון אונדזערע אנשי רוח — פעןמענטשן, וואָס בייטן-און-באַנייען זיך פון דור צו דור, מיט דעם רייץ און דער דינאַמיק פון די זיך אַלץ מערנדיקע און פאַרמערנדיקע אייביקע ווערטן.

אין דעם גאַנג און אין דער טראַגיק פון אונדזערע איבער-לעבונגען ווי אַ פאָלק, האָט אונדזער יידיש-לשון אויפגעכאַפּט די זעונגען פון אונדזערע נביאים און אַרויסגעהויבן דאָס געזאַנג פון די טריט פון משיח, וואָס האָט איר גופא דערהויבן, צוגעאייגנט און פאַרפּנימט מיט דעם נס און דער אייגנאַרטיקייט פון אַ קאָליר-פולן לשון, וואָס באַנייט זיך טאָג-טעגלעך מיט אַ ליידנשאַפטלעכן באַגער, צו לעבן אין אַן אידעאַלער סביבה פון אמת, יושר און שיינקייט, אין דעם וואַלד פון פעלקער און לשונות, דורך דער פאַרמיטלונג פון איר אייגענעם און אייגנאַרטיקן צושטייער פאַר דעם וווילזיין פון דער גאָרער מענטשהייט.

ה. לייוויק ז״ל

(כ״ז כסלו, תרמ״ט (דריטע חנוכה ליכטל), דעצעמבער 1888,

ב׳ דחנוכה, 26טער דעצעמבער, 1962)

הויב אויף דיין קול אין אַ געוויין
ביים קריעה־ריס, אין קלאָגן
נאָך דעם וואָס איז דאָ ערשט געווען,
ביים ערשטן קדיש־זאָגן.

פאַרגעס אין אַלץ — געדענק בלויז אים,
באַהעפט זיך מיט זיין נאָמען;
גיב־אָפּ אַ לויב צו גאָט און ריים
זיין גרויס־באַשאַף, זאָג: אָמן.

טו־אויס די שיך און שבעה זיץ
ביים ליכט וואָס פלאַמט, וואָס ציטערט;
מייד־אויס אין שפּיגל זיך צו זען,
מייד־אויס צו זיין פאַרביטערט.

מיש־אויף אַ בלעטל אין זיין בוך,
באַהעפט זיך מיט די לידער
וואָס ער האָט אויסגעווייטיקט דאָ,
און לעבט אין זיי איצט ווידער.

ווען י. ל. פּרץ איז נפטר געוואָרן, איז אונדזער יידישע ליטעראַטור טאַקע פאַריתומט געוואָרן. גליקלעכערווייז אָבער, נישט אויף לאַנג, ווייל אין משך פון בלויז עטלעכע יאָר איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון ה. לייוויק, וואָס איז געוואָרן ראוי און טאַקע שטופנווייז אויך זיין אָרט פאַרנומען, ווי דער פירנדיקער גייסט און דאָמינירנדיקער כוח פון אונדזער ליטעראַטור.

און איצט, אַז ה. לייוויק איז נפטר געוואָרן, זענען מיר אויף אַן אמת פאַריתומט געוואָרן און פאַרבליבן אָן אַ מוכיח, אָן אַ מאַנער און אויך אָן אַן אָנרעגער פאַר אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל, פאַר דער שליחות און אַחריות פון אונדזער וואָרט, דער גורם פון שעפערישע מעשים, אין דעם לבוש פון משיחישע זעונגען פון גאולה.

ה. לייוויקס מאַנונגען, וואָס זענען חל אויף דעם גאַנצן פאָלק, זענען איצט אַריבער אויף אייגענע קעסט; זיי מוזן און זיי וועלן געפינען אַ תיקון, אין דעם האַרץ פון דעם פאָלק, דורך די אייביקע ווערטן פון זיינע וואָגיקע ווערק — אָן אים גופא.

איצט געהערט שוין ה. לייוויק דער געדעכעניש פון די איצטיקע און שפּעטערדיקע דורות — דער אייביקייט.

ה. לייוויק וועט אונדז אַלע מאָל דינען ווי אַ מוסטערהאַפטער ביישפּיל פון אַ דיכטער, וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר דעם אמת פון זיין וואָרט, וואָס האָט זיך אידעיש אַריינגעפיבערט אין דעם סאַמע האַרץ פון דער יידישער ליטעראַטור, מיט דעם כוח פון דאָרנבוש אין מדבר — דעם סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרלענדט.

צוליב דעם וועט דער נאָמען ה. לייוויק לייכטן ווי אַ נר־תמיד אין די איצטיקע און אויך אין די נאָכקומענדיקע ווערטן פון אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש לשון.

וועגן די סאָנעטן פון מאַני לייב

אויב עמעצער פון אונדזערע נפטרים פּאָעטן האָט זיך פאַרדינט אַ באַזונדערן אָפּדרוק פון זיינער אַ סעריע לידער, וואָס זענען אַגב גרויס אין פאַרנעם, תוכן און פאָרעם פון אויסדרוק — איז עס אָן יעדן צווייפל מאַני לייב, דער צאַרטסטער ליריקער אונדזערער.

עס קומט דעריבער זיין פרוי, די איידעלע פּאָעטעסע ראַשעל וועפּרינסקי — אַ באַזונדערער יישר־כוח, פאַר איר באַמיונג אַרויסצוגעבן מאַני לייבס סאָנעטן דורך דעם פאַרלאַג „גאָלדענע פּאַווע”, פּאַריז, דערצו נאָך אין אַזאַ געשמאַקפולן, איידעלן לבוש.

דער סאָנעט, וואָס איז זייער קאָמפּליצירט אין זיין פערזן־געבוי, רייצט נאָך אַלץ די פּאָעטן פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס באַמיִען זיך אים צו באַהערשן אין דעם פולן רייץ פון זיין פאַרנעם, אין פאָרעם און אויך אין אינהאַלט.

בשעת אָבער די נישט־באַרופענע פּסעוודאָ־פּאָעטן אונדזערע רעדוצירן די סאָנעטן־פאָרעם, אין זייער געיעג זיך בלויז צו פּוצן אין איר, דערצו נאָך אין גאָר גרויסע כמות — צו דער קונץ פון וואָרט־און־פאָרעם אַקראָ־באַטיק, וואָס פאַרקריפּלט צום איבעריקן זייער אַזוי אויך שטאַמלדיק לשון און פאַרשעמט פשוט די דערגרייכונגען פון אונדזער באמת רייכער דיכטונג, איז די מערכה פון דעם סאָנעט, ווען ער פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ טאַלאַנטפולן און דערפאַרענעם פּאָעט, וואָס ווייסט דעפיניטיוו ווי אַזוי צו אָפּערירן מיט זיין לשון און סטיל אין דעם לבוש פון דער סאָנעטן־פאָרעם, אינגאַנצן אַן אַנדערע. איך וואָלט געזאָגט — אַ קרעאַטיווע און אויך, אַ קאָנסטרוקטיווע אין איר סטרוקטור און פאַרנעם.

דער טאַלאַנטפולער פּאָעט חלומט אויס זיין סאָנעט אויף דער פאָן פון זיין לאַנגיאָריקער דערפאַרונג, ווען אַלע זיינע דערגרייכונגען פאַרמירן זיך

אין זיין באַוווּסטזיין אין אַ ליידנשאַפטלעכן דראַנג, זיי צו פאַרגאַנצן, פאַר־סך־הכּלן זיין פרייד און זיין צער, זיין גאַרע טראַגישע באַציונג צו דעם לעבן, זיינע אַנשויונגען ווי אַ שליח־ציבור, יחיד, ייִד־און־מענטש אַנקליידן דווקא אין אַ סאָנעטן־פאָרעם, צו וועלכער ער האָט זיך יאָרן לאַנג געגרייט. אָבער — ערשט אין אַ רייפן עלטער, געוואָגט מיט איר זיך צו פאַרנעמען, ווי בכלל מיט אַן עבודת קודש, זיך באַמיט איר צו באַהערשן מיט דעם גאַרן כּוח פון זיין לירישן טאַלאַנט, אַזש פון דעם סאַמע בראשית פון זיין שאַפן.

אָט אַזאַ צוגאַנג האָט מאַני לייב געהאַט צו זיינע קלאַסישע סאָנעטן, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט מיט ברען און מיט יוגנטלעכן פייער, ערב און בשעת ער האָט זיי געשאַפן — צו מיר, און אָן יעדן ספק צו די גאָר אינטימסטע פען־חברים זיינע אין ניו־יאָרק — ביי אַ רייפן עלטער.

אַ צאָל פון זיינע ערשטע סאָנעטן אין אָט דער זאַמלונג, קענען דינען ווי אַ שליסל צו זיינע פּאָעטישע קרעדאָס אין אַלגעמיין.

אין זיין סאָנעט א. ב. ווערטער, למשל, באַקומט זיך ביי אים אַזאַ אַני מאַמין בנוגע זיין דיכטונג:

דאָס זיינען ווערטער פּראָסטע, וואָס שימלען
אין שטומען פאָלק, אין מיסט פון יריד;
איצט זינגען זיי דערהויבן אין אַ ליד

און הילכן אָפּ אין אַלע זיבן הימלען;
און הילכן אָפּ אין פאָלק, וואָס שטייט פאַרזאַמלט
און זאָגט זיי פאַרכטיק נאָך און שטאַמלט.

דאָ גיבן זיך דיר איבער אין אַ זייער קאָנדענסירטער פאָרעם די מיס־טישע דערפאַרונגען פון דעם פּאָעט מאַני לייב דעם זעער, אין רגעס אַזעלכע, וואָס קומען... ווי אַ בליץ און שרפען דאָס האַרץ... מיט דעם פייער פון אַבסאָלוטער יצירה, און הילכן שפּעטער אָפּ אין פאָלק, פון וועמען דער פּאָעט האָט זיי גענומען און דעם פאָלק באַלד צוריקגעגעבן אין אַ געלייטערטער פאָרעם, אין זיין דיכטונג, וואָס איז עכט אין איר אויסלייג.

דאָס וואָרט אין זיין מויל זוכט אַלעמאָל בלחש „פאַרקניפּן אַ ליד״.

נישט זעלטן פילט דער פּאָעט מאַני לייב, ווי אין זיין סאָנעט א. ב. ביים ים, אַז... אָט ברעכט עס אויף די צוים פון רו, אַ ליד... נאָר נישט צו מיין הויכן קול און נישט צו מיינע ליפּן... דער דיכטער טרייסט זיך בלויז דערמיט, וואָס —

...די פרוי נאָר ביי מיין זייט — איר באַשערט:
איר האָנט גיט צייכנס צו מיין האַנט — אַ צייכן אַז זי הערט.

אַז מאַני לייב דער ליריקער, גיט זיך אונטער זיין דורשט נאָך ווערטער ...וואָס זינגען־אויף ווי אַ געזאַנג פון האַרפן... אייגנט ער זיך באַלד צו, צו דעם ריטמישן אויפזינג פון זיין האַרץ. וואָס אידענטיפיצירט זיך אויף דעם איידלסטן און רירנדיקסטן אופן. רירנדיק, דערפאַר — ווייל, נישט שרייעוו־דיק־באַמבאַסטיש, נאָר איידל און שטיל, ממעמקימדיק, ווייטיקלעך טרעפ־לעך, אויף אַ חורבן־מאָטיוו אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש לשון, אין וועלכער ער איז געווען פּריוועליגירט צו שפּילן אַ דאָמירנדיקע ראָלע. ער ווייסט דעריבער צו דערציילן וועגן „זיי״:

איצט זיינען זיי אַ זכר נאָך פון יענער גוואַלד:
אַ צוויי־דריי ביימער פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

אין זיין פון אים קוים באַרירטער חורבן־טעמאַטיק איז מאַני לייב לגמרי נישט אַנדערש ווי אין זיין שטילסטער ליריק, וואָס איז אַדורכגעזעלט מיט דער הכנעה פון אַ נאַיוו־גלויביקן ייד־און־מענטש.

מאַני לייב געהערט בכלל נישט צו די שרייערס וואָס קריגן זיך אייביק מיט זייער באַשעפער. צוליב דעם אפשר דערגרייכט ער מער בכלל, מיט זיין בלחשדיקן זינגען, ווי די וואָס געוואַלדעווען און שרייען.

זיין אויסטענהן זיך מיט דעם באַשעפער טראָגט, אין קעגנטייל, אַ תפילהדיקן כאַראַקטער:

מיר האָבן לאַנג געוואָרט מיט תפילות אויף דיין קומען,
אַ שטילע עדה יידעלעך מיט פרומע בערד —

אַ, גואל, גוטער גואל אויף דיין ווייסן פערד! —
און ניט דערוואַרט מיר זיינען אַלע אומגעקומען.

וואָס, פרעג איך — קען שוין זיין תמימותדיקער און טראַגישער דערפון? מיט באַזונדערן צער רעדט דאָ דער דיכטער וועגן זיך, וואָס איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַני לייבס באַשיידנקייט, אין אַלגעמיין — אַזוי:

נאָר מיך — אַ קליין, קליין יידעלע האָט אויסגעמיטן
דער קאַלך־אויוון, זיין פייער און זיין בראַנד,
און ניט פאַרצערט אויף אַש מיט אַלעמען אין שאַנד

און ניט דעם שונאס קאַלטע שווערד האָט מיך פאַרשניטן, —
צו זיין אַ זכר, נאָר דערמאָנען און פאַרשעמען
— — — צו וועמען, גואל, וועסטו קומען היינט, צו וועמען?

וואָס ווירקט לויט מיין אָפּשאַצונג אַ סך שטאַרקער אַפילו פון ל. שאַפּירעס פאַרצווייפלטן אויסגעשריי: „לאָמיר שעלטן גאָט און שטאַרבן".

צוליב דעם איז מאַני לייבן טייער זיין ...פאַרגרויטע איסטבראַדוויי... פון אַלע רייכע גאַסן, ווייל זיי האָבן די פּיטנים אונדזערע, זיינע זינגענדיקע ברידער ...דאָס האַרץ פון פאָלק, געטריי און ריין פאַרקאַרבט אויפן ברוד פון יעדן שטיין, אין לידער־תפילות פון אַ נייעם סידור...

צוליב דעם אויך זיין סטאַיש געזאַנג צו דעם ערשטן טאָג פון זיין געבוירן און אַלע וווּנדער אויף דער וועלט דערזען:

איך זאַמל זיי דורך טעג און וואָרעם זיי און טראָג
צו לייגן זיי ביים קבר, וואו פיין שלאָפט איין
פאַר גליקלעכע ווי איך, וואָס וועלן קומען ווען.

דאָס איז די אַזוי גערופענע עשירות פון אַ יידישן פּאָעט אויף אונדזער זינדיקער ערד.

דאָס האַרץ פון דעם פּאָעט האָט אויך געדענקט אויסצוזינגען די ליבע צווישן מאַן און פרוי וואָס איז אוניווערסאַל, אייביק ווי די וועלט, אין זיינע ווונדערלעכע סאָנעטן, אויף אַ הינטערגרונט פון אַ פשטות וואָס איז בלויז

אים אַליין געוועזן אייגן, מיט זיין ספּעציפיש מאַני לייבישן חן, וואָס יום־טובט ביי אים אויף אין דער גאָרער וואָכעדיקייט פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

פאַר דעם פּאָעט מאַני לייב איז דאָס אויסדערוויילטע ווינקל אין אַ הויז — די קיך.

די ליבע וואָרצלט ביי אים אין דעם ערשטן אָנהויב, וואָס ער האָט נאָך אויפגענומען ...אין דער פאַרליבטער מאַמעס הייסער חופּה־נאַכט...

מיט אַן אמתן ציטער אין זיין האַרץ, זעט ער —

דיין ווייב ביים אויוון, ווען דער זאַטער פייער ברענט
מיט זינגענדיקע שמעקעדיקע פולע טעפּ,
זי שטייט פאַררויטלט, אין די בריסט פאַרלייגט די צעפּ,

און קנעט די זיסע קוגלען מיט די קליינע הענט.
און ווען זי זעט דיך אין דער קיך צעשמייכלט שטיין, —
פאַרשעמט זי זיך — אַ כלה־מיידל אין איר חן.

זיין אייגענע — מאַני לייבישע — שעמעוודיקייט טוּכט דאָ אויף, אין דער תמימות פון אַ כלה־מיידל אין איר חן.

פאַרכאַפּנדיק שיין, שעמעוודיק און איינגעהאַלטן זינגט מאַני לייב אין זיין סאָנעט ביים שוועל פון גליק, וועגן געגנבעטער, צו פאַר־באַטענער ליבע.

אָט די איבערלעבונג גיט זיך דיר איבער מיט דעם ציטער און דעם אַראָמאַט פון דער שפּירנדיקער עראָטיק, אָן אַ שמץ פון וווּלגאַריטעט, וואָס איז אַזוי אייגן דעם פּסעוודאָ־דיכטער — דורך די צאַרטסטע און די דינסטע איבערלעבונגען פון שלאָגנדיקע, פאַרליבטע הערצער, ווי דער זכר ...פאַרציט די שטריק ביים שוועל פון יענעם גליק...

דער דיכטער וואָס איז עכט אין זיינע איבערלעבונגען, איז אַלעמאָל שפּירעוודיק און זעעוודיק אין זיינע שעפערישע מעשים. צו וואָס ער רירט זיך צו, באַקומט זיך אַלעמאָל אַ בילד פון זיין אינטימסטער איבערלעבונג, אין דעם לשון פון זיין געפיל און נשמה — זיין דיכטונג. ער העלפט זיך

אָפּט אַרויס מיט אַ זעקסטן חוש, וואָס איז אים אַליין בלויז אייגן. צוליב דעם איז ער נישט גלייכגילטיק צו גאָרנישט, אַפילו צום טויט, וואָס איז פון לעבן פאַרהאַסט.

אַז מאַני לייב האָט ...געזען דעם טויט אין פרעמדע ווייסע הענט... האָט ער אים באַלד פאַרהיימישט צו זיך, און —

פון יענער רגע זע איך אויף דער וועלט דעם טויט
אין אַלץ, וואָס לעבט אין ווייס: אין אויפגעווייסטן בליט,
אין מוטערס מילך, אַפילו אין דעם טאָג אַליין,
אין זאַלץ אַפילו וואָס באַטעמט מיין ברויט;
און ווען דעם פנים פון דער ערד אַ שניי פאַרציט,
זע איך תכריכים איבער אירע יונגע ציין.

פון דעם איז צו זען, אַז אַפילו די זעונג פון טויט ווירקט אויף שעפעריש אויף דעם געמיט פון אַ דיכטער, וואָס וויל נישט און קען זיך אויך אָפּט נישט באַפרייען פון די ביטערסטע זעונגען זיינע, וואָס בעטן זיך ממש צו פאַרקליידן זיי אין ריטמישע געזאַנגען אין ווערטער ...וואָס זינגען־אויף ווי אַ געזאַנג פון האַרפן...

די דינסטע איבערלעבונגען וועגן דעם גרעסטן פון אומפאַרמיידלעכקייט — טויט:

אין גורל וואַרט אויף אַלעמען: צו שטאַרבן.

לאָזט זיך דערקענען אין די סאָנעטן: איך האָב געזען דעם טויט. דו ווייסט נאָר...; אין שפּיגל, און באַזונדערס אין דעם לירישן אויפּציטער פון מאַני לייבס סאָנעט „חברשאַפט“, וואָס פאַר־סך־הכלט זיך צו —

אַ בערגל שטויב איז דיין געביין.
און דו, דו רעדסט — און יענער האָרכט זיך איין —
און רעדן רעדסטו רייד ווי גראָז צו גראָז.

אין דער פּולסטער האַרמאָניע מיט דעם אוראַלטן דעוויז, אַז אָדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

דערמיט דערקלערט זיך אפשר דער אויסוואַל פון דעם דיכטערס וועג אין לעבן:

...גיין מיין וועג און זיין מיט גראָז ווי מיט אַ גלייכן,
און לערנען חכמה פון דעם גראָז, וואָס שווייגט און גרינט
און האָרבעט זיך נאָר אונטער טומלדיקן ווינט.

נישט אומזיסט האָט ער געוויילט זיין וועג מיט דער כוונה צו ...זיין מיט גראָז ווי מיט מיין גלייכן:

און לערנען חכמה פון דעם גראָז, וואָס שווייגט און גרינט
און האָרבעט זיך נאָך אונטער טומלדיקן ווינט.

וואָס האָט אים אויסגעהיט פון אייגענער פאַרשוועכונג און אויך אויפגעהיט אין אים די זויבערקייט פון האָבן געוועזן און פאַרבליבן דער צאַרטסטער ליריקער און אונדזער דיכטונג, וואָס האָט סטאָיש דערפירט זיין גערזאַנג צו דעם אויפבלוי ...פון דער וועלט אויף יענעם ברעג פון זאַכן, צו וואָס נישט יעדער דיכטער איז זוכה, און מיט דעם בלוט פון זיין הארץ, ווייטיק־דיק און קלוג לדורות אויסגעזונגען:

איצט שטיי איך אויפן וועג, וואו אַלע וועגן
פאַרשליסן זיך. דער וועג איז קורץ און שמאָל.
ער פירט מיך צו דעם נידער פון דעם טאָל.
דאָ שמייכלט מיר אַן אייביקע אַנטקעגן
די רו. און אַלע חכמות — דריב און דרויב
איך טרייסל אָפּ פון זיך ווי שטויב צו שטויב.

מאַני לייב וואָס קומט פון שטאַמען צווייי, לויט דעם עדות זאָגן פון זיין לירישן סאָנעט אַ מסורה — פון פראָסטע יידן און איידעלע תורה־יידן אין קאַפּאַטעס אַטלעסענע, איז אַ טיפּישער פאַרשטייער פון אַ פאַרלוירענעם דור, וואָס איז געבליבן שטעקן אינמיטן פון אַ טראַגישן פּראָצעס פון איבער־גאַנג, אָן אַ יחוס עצמו, און מיט ווייטיק בלויז געפרעגט ...וועלכן יחוס מיינעם זאָל איך איבערגעבן צו מיינע קינדסקינדער?...

דער טרויעריקסטער ס״ה זיינער, זינגט זיך אַריין אין אונדזער געמיט אַזוי:

...וויסטע טרוקעניש אַליין איז מיין מסורה.

וואָס פאַר אַ טראַגישער אמת עס ווייטיקט דאָ אַרויס פון אָט דעם איבערגעלאָדענעם פערז פון דעם ערלעכן און באמת עכטן דיכטער מאַני לייב!

צוליב דעם געזאָגטן, באַטראַכט זיך מאַני לייב בלויז, ווי אַ ...וואַר־האַפטיקער עדות פון גאָטס מעשיות און ער יחוסט זיך בלויז דערמיט, וואָס:

— ...איך בין אין ספר מיט מיין באָרד פאַרקריצט,
פון אים אַליין פון פעלדז אויסגעשניצט.

און כאָטש ער באַטראַכט זיך אַליין אין פנים פון דעם גוישן פאָעט, ווי —

...אַ ניט־באַדאַרפטער פאָעט ביי יידן,
געוואַקסן מיט ווילד־גראָז אויף ניט אונדזער ערד
פון זיידעס — מידע וואָגלער מיט פאַרשטויבטע בערד, —
וואָס נערן זיך אויף שטויב פון ספרים און ירידן;

שטערט עס אים נישט פונדעסטוועגן צו באַטאָנען, אַז —

...זינגען זינג איך אויף אַ פרעמדער וועלט די טרערן
פון וואָגלער אין אַ מדבר אונטער פרעמדע שטערן.

דאָס איז דער ווייטיקדיקער פאַטאָס פון אַ יידישן זינגער, אין אַ פרעמ־דער וועלט פון שנאה און פון קנאה, גאַרער רשעות, וואָס האָט ווי דער ספינקס אין מדבר גלייכגילטיק דאָ צוגעזען דעם גרעסטן חורבן אונדזערן און — געשוויגן...

די ווייטערדיקע טעמאַטיק זיינע דאָ, אָטעמט מיט די טערפקע ריחות פון אַמאָליק יידיש לעבן, אויף דער גרענעץ פון דעם טרויעריקסטן איבער־גאַנג צו שכחה, אין זעלטן אויסגעהאַמערטע, קאָנצענטרירטע אין וואָגיקן

תוכן סאָנעטן, ווי „קרעמער", „אליהו הנביא" און „שלאָף פון אַלטע לייט", וואָס כאָטש אַזוי קאָנדענסירט און צימצומדיק אויפגעפּאַסט, האַלטן זיי אין זיך אויף די גאָלדענע צויטן פון שטייגעריש יידיש לעבן און ווייגען זיך אין דיר אַריין מיט דער גאָרסטער טראַגיק פון אָפּגאַנג, וואָס מאַני לייב האָט פאַר אונדז אויף אייביק קאָנאַניזירט אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, דווקא אין דער קאָמפּליצירטער פאָרעם פון ד ע ם סאָנעט.

אין דעם ליגט זיין דערגרייכונג און אונדזער געווינס.

אינטערעסאַנט איז, ווי אין זיין סאָנעט צ ו מ י י ן ס אָ נ ע ט, יחוסט זיך מאַני לייב מיט זיין פאָלקישן אָפּשטאַם —

פון ערלעכע, נאָר ניט רייכע טאַטע־מאַמען:
פון בלאַטיקער קאָבצאַנסק און „בערל מיטן באַס",
וואָס שלעפּט זיך מיט זיין קליאַטשע יידיש צום פּאַרנאַס,
זיין רום פון נאָך זיין טויט ביים לעבן ניט פאַרזאַמען.

און כאָטש ער איז זיכער אַז ער וואָלט זיין „סאָנעט געקאָנט פאַרפּוצן שליפיק מיט נייע פלינקע גראַמען", ווייסט ער באַשטימט —

...אַז יעדער נייער גראַם פון יענע קינצלער
קלינגט פאַלש, ווי די מטבע פונעם פאַלשן מינצער.

וואָס איז אים, מאַני לייבן — פרעמד; נישט אייגן און דערווידער אין זיין גאַנג אין אונדזער דיכטונג, אויף דער פאַן פון זיין געבענטשטער תמימות און פשטות.

אין אַ צוזאַמענטרעף מיט זיין שכנס הונט „טאָם", לאָזט זיך מאַני לייב דערקענען אין דער פולסטער טראַגיק זיינער ווי אַ מענטש, וועמנס גורל איז ענלעך צו דעם גורל פון אַ הונט, ער זינגט וועגן דעם טיילווייז אַזוי:

איך רייד פאַר אַלעמען און פאַר אונדזביידן
דעם עלנט אַלעמענס אַרויס צו ריידן,
און דריי זיך מיט די רייד ווי אין אַ ראָד

צו בילעניש, ווי דו, ווען די לבנה העלט —
און שטיי אַליין ביים אָפּגרונט פון דער וועלט.

די אָפּשפּיגלונג פון דעם טראַגישן גורל פון דעם מענטש אויף דער וועלט, אין די לויטערסטע סאָנעט־געזאַנגען פון דעם אומפאַרגעסלעכן פּאָעט: מאַני לייב.

א. לעיעלעס

(צו זיין 75סטן יובל)

דער ערשטער אויפטריט פון א. גלאַנץ־לעיעלעס אין אונדזער דיכטונג, אין דעם יאָר 1918, מיט זיין לידער־בוך לאַבירינט, איז געווען און איז פאַרבליבן ווי אַן אַקט פון מרידה, קעגן דעם איינגעשטעלטן נוסח פון אונדזער פּאָעזיע; דער אָנזאָג פון באַנייונג פון יידישן ליד, אין זין פון שפּראַך, פאָרעם און אינהאַלט, וואָס האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה פאַר אונדזער דיכטונג, און אים גופא דערפירט צו אַ געשטאַלט, אַ קאָלירפולע, אייגנאַרטיקע און שעפערישער פּערזענלעכקייט אין אונדזער ליטעראַטור.

די געגנערשאַפט, אַפילו חוזק — מצד אונדזערע דעמאָלטדיקע וואָרטזאָגער און פירער צו זיין דיכטונג, האָט אויף אים גליקלעכערווייז געהאַט, אַ פאַרקערטע ווירקונג.

מיט דער גבורה פון זיין טאַלאַנט, וויסן און עקשנות, האָט ער מיט דער צייט, מיט דער מיטהילף פון זיינע מיטצייטלער: יעקב גלאַטשטיין, נ. ב. מינקאָוו, ב. אַלקוויט און אַנדערע — גורם געווען אַ נייע ריכטונג אין אונדזער דיכטונג: דעם אינטראָספּעקטיוויזם, אָדער — אינזיכיזם, וואָס האָט באַלד רעוואָלוציאָניזירט אונדזער דיכטונג, איר אַ שטויס געטאָן צו דורכויס נייע דערגרייכונגען.

מיט דעם כוח, ליידנשאַפט און אָנווענד פון די קולטורעלסטע מיטלען פון דער וואָרטקונסט, דער עיקרשט — זיין אָריגינעלן צוגאַנג צו זאַכן און געשעענישן, האָט ער זיין אייגן ליד דערפירט צו אַזעלכע הויכן, אַז מיט זיין אָריינברענגען אין אונדזער דיכטונג, ווי אַן אויסגעשפּראָכענער אינאָוואַטאָר — כמעט אַלע פאָרמען פון דער פּערזנקונסט, איז זיין איינפלוס אויף זיינע מיטצייטלער אין די נאָכקומענדיקע דיכטער אונדזערע, פאַק־

טיש — אונדזער רומפולע און רייכע דיכטונג אויף יידיש־לשון! — פאַר־בליבן, ווי אַן אייביקע דערמאָנונג פון אַ קעמפערישן, וועלטלעך־יידישן פּאָעט, וואָס איז בייײגעשטאַנען אַלע נסיונות; פאַר זיך אַליין אויסגעקעמפט און דעראָבערט אַ בכבודיקן שטול אין דער סאַמע מזרח־וואַנט פון אונדזער ליטעראַטור, און גלייכצייטיק געהאָלפן אונדזער דיכטונג דערהויבן צו קאָלאָסאַלע ווערטן.

אין זיין אומדערמידלעכן גאַנג באַרג־אַרויף אין אונדזער דיכטונג, האָט לעיעלעס געגראָבן און געאַקערט אין דער טיף, און אין דער ברייט. ער האָט דערביי פון זיך אַרויסגעצויבערט די שיינקייטן פון וועלט, ייד און מענטש, אין די קאָמפּליצירטסטע פאָרמען פון דיכטונג, דורך דעם אָנווענד פון אַזאַ שפּראַך־עשירות, וואָס איז בלויז אייגן אַ פון גאָט־געבענטשטן פּאָעט, וואָס איז דורכאויס אָריגינעל אין זיינע המצאות און אין זיין אויפפאַסונג פון ליד אין אַלגעמיין. צוליב דעם, זיין קרעדאָ אין דער פאָרעם פון אַ ליד, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דעם אמת פון זיין האַרץ־און־געוויסן, וואָס זינגט זיך טיילווייז אַזוי:

בלויז דער, וואָס דערהערט זיין אייגענעם ניגון,
איז נישט קיין גר אין געהיים־לאַנד פון ליד,
איז אַ תושב אין היימלאַנד פון ליד.

און ווייל אַ. לעיעלעס האָט דערהערט זיין אייגענעם ניגון אין דעם וואַלד פון זיינע באַלד אומצייליקע לידער, איז ער, ווי אַ פּאָעט, לדור דורות פאַרבליבן אַ תושב אין דעם היימלאַנד פון ז י י ן ליד, וואָס איז גלייכצייטיק געוואָרן און פאַרבליבן דער קנין פון פאָלק, אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון.

מלך ראַוויטש

(צו זיין ווערן אַ בן שבעים)

ביים אָפּשאַצן די ליטעראַרישע ווערטן פון אַ שריפטשטעלער איז וויכ־טיק אויסצוטיילן און באַלייכטן די דיכטערישע פּערזענלעכקייט וואָס שטייט הינטער זיי, כדי צו וויסן און באַשטעטיקן, צי ער גופא איז בלויז אַ נאה דורש און נישט קיין נאה מקיים, אָדער — אַ נאה דורש ונאה מקיים.

מיר ווייסן למשל, פון אַ פאַל ביי די אומות העולם, ווען ביי דעם טראַגישן צוזאַמענבראָך פון אונדזער ציוויליזאַציע אין די באַציִונגען צווישן פעלקער, האָט אַ קנוט האַמסון זיך באַוויזן אין אַ פאַרקערטער געשטאַלט ווי מיר האָבן אים געקענט, לויט זיינע, ביז דאַן, קינסטלערישע דערגרייכונגען.

מיר געדענקען עס לגנאי, און מיר וועלן קיין מאָל פון אים נישט אַרונטערנעמען דעם פלעק פון זיין געפאַלנקייט.

אין אונדזער ליטעראַטור, עס זאָל אונדז צו קיין גנאי נישט זיין — זענען ליידער אויך דאָ פאַלן, ווען שריפטשטעלער זענען אין לעבן, אין זייערע האַנדלונגען בין אָדם לחברו, עקסטרעם אַנדערש ווי אין זייערע ליטעראַטור־אַרבעטן, וואָס זיי פאַרשעמען נישט זעלטן.

אין דעם פאַל פון אונדזער יובילאַר — דעם קאַלירפולן שריפטשטעלער מלך ראַוויטש, מוזן מיר מיט פרייד באַטאָנען זיין אויסגעהאַלטנקייט, אַפילו תמימות — אין זין פון לעבן־און־האַנדלען — ווי אַ ליכטיק־עטישע פּערזענלעכקייט, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט זיינע שאַפונגען, וואָס זענען אַ כבוד פאַר אונדזער ליטעראַטור און אויך אַ כבוד פאַר אים גופא, וואָס טיילט אים אויס ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט מיט דער פולסטער אַחריות און געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר זיין וואָרט, וואָס ער באַמיט זיך ביז איצט און אונטער אַלע אומשטענדן, צו דערפירן צו אַ שלימות און

אַ דאָמינירנדיקן כוח אין אונדזער ליטעראַטור, אין די אַלע שרייב־פאָרמען מיט וועלכע ער אָפּערירט.

און באַניצן באַנוצט זיך מלך ראַוויטש מיט גאָר אַסך ליטעראַטור־פאָרמען, אין וועלכע ער איז מער ווי היימיש, אויף דער פּאַן פון אַן עטיש־פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויונג, וואָס פאַרכאַפּט אַלע מאָל מיט דעם עטישן איינשטעל און ערלעכער באַציִונג זיינער צו מענטשן און געשעענישן.

פון וועלכן קוק־ווינקל מיר טרעטן נישט צו צו זיין קאַלירפולער, שע־פערישער עבודה, מוזן מיר באַוווּנדערן די חשיבות פון ז י י ן פערזענלעכ־קייט וואָס זוניקט פון איר אַרויס, און רופט צו זיך אַרויס גרויס דרך־ארץ אין לויבן.

צי מ'איז יאָ מיט אים מסכים צי נישט, איז ער אין אונדז אַלצאיינס גורם אַ געפיל פון דערהויבונג און פאַרערונג, פאַר זיין אויסגעהאַלטענער עטישקייט און באַגאַבטקייט, צו קענען זיך מאַכן קלאָר אין אַלע ליטעראַטור־פאָרמען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך.

זיין ליד און זיין עסיי, זיינע צימצומדיקע פען־פּראַפּילן, זיין פילאָזאָ־פירנדיקע פּובליציסטיק, פעליעטאָן און רעצענזיע, קומען זיך ערגעץ ווי צונויף און באַשיינען אים מיט דעם ערנסט, עכטקייט און גאָרער ערלעכקייט פון אַן אינטערעסאַנטן און קאָמפּליצירטן שריפטשטעלער, וואָס ווייסט וואָס ער וויל און קומט אַלע מאָל אָן, דאָרט ווו ער וויל און באַדאַרף אָנ־קומען, צו דער פרייד און דער באַגייסטערונג פון זיינע לייענער און פאַרערער, פון וועלכע איך בין שטאָלץ צו זיין איינער פון זיי.

ביסט געווען, ביסט געוואָרן

פון יעקב גלאַטשטיין

דער זעער וואָס איז געבענטשט מיט טאַלאַנט, זיינע זעונגען צו פאַרוואַנדלען אין דיכטונג, באַדאַרף אויך זיין מסוגל צו קענען באַהערשן זיין טעמאַטיק, איר נישט פאַרוואַסערן מיט אַן איבערפלוס פון רייד, אַפילו — בילדער; איר אַריינפאַסן אין אַ ראַם פון צימצומדיקן אויסדרוק אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, וואָס זאָל מיטרייסן דעם לייענער, אים דערהייבן צו דער מדרגה פון אַליין ווערן שעפעריש, און זיין ביכולת ממשיך צו זיין אין זיין דמיון דאָס, וואָס דער דיכטער האָט באַוווסטזיניק, צי אומבאַוווסטזיניק נישט דערזאָגט. די מעטאָדע פון נישט־דערזאָגן עפּעס אין אַ ליד, קען און מוז פירן צו אַ נייעם, שעפערישן אָנרעג דעם דיכטער גופא און נישט זעלטן אויך אַ מיטשעפערישן לייענער.

ווי אַ מוסטער פון אַזאַ צוגאַנג פון אַ דיכטער צו זיין טעמאַטיק, קען אונדז דינען דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין, כאָטש ער איז נאָך אַלץ אַ צו באַריידעוודיקער פּאָעט, וואָס איז שוין אָבער אין אַ היפּשער מאָס דערפון אַרויסגעוואַקסן און מיט יעדן נייעם לידער־בוך זיינעם, איז מער קאָנטיק זיין רייפקייט און צימצומדיקער אויסדרוק; דער אומבייט זיינער פון חכמהן זיך — אויף נאַטירלעכן קלוג־זיין און פאַרטיפטער פשטות, אָן דעם אָנווענד פון אַן אויסגעחכמהטער, אימפּראָוויזירטער לעקסיק, וואָס האָט ביי אים צו מאָל געקלונגען באַנאַל, גאָרנישט זאָגנדיק, אָפט אַפילו פאַרשעמט זיינע אָריגינעלע שפּראַך־המצאות, מיט וועלכע קיינער קען ביז איצט נישט קאָנקורירן.

יעקב גלאַטשטיינס זאָגערישע פּראָזע וואָס קוואַלט אַרויס פון זיינע לידער, גיט זיי צו אַ ספּעציפיש גלאַטשטייניש חן און כאַראַקטער, וואָס פאַרגאַנצן זיך אין דעם אויסלייג פון אַן אָריגינעל ריטמישן לשון, וואָס

אָטעמט מיט דער גרויסקייט פון לירישער דיכטונג, וואָס איז אין זיך כולל די איבערלעבונג פון ווייטן אַמאָל, דורך דעם אָנרעג פון אַ הײַנט־צייטיקער וואָר, אין דעם אָנגעזיכט פון זאָרג און חלום, פאַר־און־פון דעם ווייטן עתיד לבוא.

פון אָט אַזאַ מין כאַראַקטער איז זיין ביסט געשען, ביסט געוואָרן, פון זיין לידער־בוך דעם טאַטנס שאָטן, אין וועלכן ער זינגט:

כ׳קען אין דיין ליכטיק פנים נישט קוקן,
ווּנדערלעכע צעשטראַלונג.

וואָס דריקט אויס זיין פריידיקסטע איבערלעבונג פון דעם נס ישראל.

פאַר יעקב גלאַטשטיין, וואָס באַטראַכט זיך מיט נישט ווינציק רעכט, ווי „...אַ קינד פון תוכחה...“ איז אָט די ווּנדערלעכע צעשטראַלונג, די „...זעונג פון אַלע אָנהייבן ביז אַלע ענדן...“ פאַר וועלכע ער שטייט —

ווי פאַר אַ ברענענדיקן דאָרן.

און —

מיט אַ ציטערניש טו איך זאָגן:
ביסט געשען, ביסט געוואָרן —

וואָס איז זיינער אַ קרעדאָ, וואָס ברויזט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן פּאַטאָס און טיילט אים אויס ווי אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט אויף יידיש־לשון, וואָס איז אין זיך כולל די פרייד און דעם טרויער פון אַ פאַרפייניקט פאָלק, וואָס ביים סאַמע שוועל פון אונטערגאַנג, דערהערט עס פלוצעם דאָס געזאַנג פון אַחרית הימים און, ווי דורך אַ כישוף —

ס׳שפּראָצט אַריין דער מאָרגן
דורך די פענצטער פון דער טויטער שול,
מיט געזאַנג:
תחית המתים.

און בײַם אַנגעזיכט פון אַט דער װוּנדערלעך־גרויסער זעונג זײַנער, רופט ער מיט באַגײַסטערונג אויס צו זײַן לאַנד:

איך עס דיך און טרינק דיך אַרײַן
אין אַלע מײַנע אברים.
כ׳פאַרפעסטיק די פיס און איך טאַנץ.

דערבײַ אָבער זאָל געדענקט װערן, אַז דער דיכטער איז גלײַכצײַטיק װאָך צו דעם אַמאָל פון זײַן פאָלק און זײַן לאַנד, װאָס לעבט אין זײַן תפילה און געדעכעניש. און כאָטש ער האָט זיך פון אים אָפּגעפרעמדט, איז ער אָבער איצט צו אים געקומען „...מיט נאָענטקייט און מיט שפּרינגונג...״ און דאָ ערשט גייט אַװעק אַ מזמור פון ארץ־ישראל, װאָס איז בײַ אים „...אַ מקוים־געװאָרן חומשל פון אַ קלײן חדר־ייִנגל...״

אַזוי פאַרבינדט זיך בײַ יעקב גלאַטשטיין דער עבר מיט דעם עתיד, אויף דער פאָן פון פרייד און באַגײַסטערונג פאַר דער הײַנטצײַטיקער מדינת ישראל, װוּ —

...אַפּילו ס׳װײַבערישע טײַטש־חומש
מוז מקוים װערן.

כאָטש, לויט די רייד פון זײַן טויטן טאַטן —

...דו, חכם עתיק, האָסט נישט געגלויבט...

צוליב דעם אַזאַ גרענעצלאָזע פרייד, אַז — װי שוין דערמאָנט —

כ׳קען אין דײַן ליכטיק פּנים נישט קוקן,
װוּנדערלעכע צעשטראַלונג.

און דאָס לעצטע געבעט זײַנס איז:

לאָמיך רוען אויף דיר אײביק
גוטע, געדולדיקע ערד;
לאָמיך בלײַבן אויסגעשטרעקט אויף דיר.

פון דעם איז צו זען, ווי יעקב גלאַטשטיין פאַרוואַנדלט זיינע זעונגען אין דיכטונג, מיט דעם כוח פון זיין שפּראַך־עשירות, וויזיע, געבענטשטער פּשטות, פאָרעם, אינהאַלט, ריטעם, עכטער ליריק, נאַציאָנאַל־געשיכטלעכן הינטערגרונט, האַרץ, געפיל און נשמה. צוליב דעם דער אויספיר: אַ וווּנדערלעך אינספּירירנדיקע שאַפונג פון אַ דיכטער, וואָס קען און זאָל אונדז דינען ווי אַ מוסטער פון אמתער דיכטונג, וואָס ציטערט־אויף דיין האַרץ מיט לויב און מיט בענטשונג, ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר יעקב גלאַטשטיין.

וועגן יעקב גלאַטשטיינס אַ זמר

ס'איז אפשר ניט קיין צופאַל וואָס יעקב גלאַטשטיינען איז באַשערט געווען די זכיה, יאָ, די זכיה! — אויסצוזינגען די פרייד פון בטחונדיקן ייד מיט דעם נס ישראל, אין ליד און אויך אין פּראָזע, וואָס באַגעגענען זיך ביי אים ווי צוויי שטראָמען אין דעם אויסגוס פון איין טייך.

גערעכט איז אליעזר גרינבערג ווען ער וויזט אָן אין זיין קריטישן אַנאַליז, א. נ. יעקב גלאַטשטיינס „די פרייד פון יידישן וואָרט", אַז זיין עסייאיסטיק לייכט נישט זעלטן אַרויס פון זיין ליד און — אויך פאַרקערט: דער ריטעם פון זיין פּאָעטישן לשון און וויזיע וויברירט אין זיין עסייאיסטישער פּראָזע, וואָס דערהויבט זיין וואָרט צו דעם סינטעז פון אַ וואָגיקן און איינהייטלעכן אויסדרוק אין ליד און אין פּראָזע.

ביים לייענען גלאַטשטיינס דריטע סעריע לידער אַ זמר אין זיין בוך די פרייד פון יידישן וואָרט, קומט דיר אויפן זינען זיין פרעכטיקער עסיי: דריי לירישע דערמאָנונגען צום בר־מצווה פון מדינת ישראל אין זיין פּראָזע־בוך, „מיט מיינע פאַרטאָג־ביכער", וואָס דעמאָנסטרירן און באַשטעטיקן אָט די השערה מיינע, ווי אַ געשעענעם און גוט אויסגעפירטן פאַקט.

גלאַטשטיין זאָגט אונדז דאָרט טיילווייז אַזוי:

„אַוודאי איז יעדער ייד מחויב זיך אויפצוכאַפּן אין דער פרי און באַלד אַ טראַכט טאָן וועגן ישראל, מיט דעם ניגון פון אַ מאָרגן־תפילה. דאָס איז אונדזער איינציקע יונגע יידישע פרייד. מיר, דער דור וואָס האָט עס דערלעבט, נאָך אַזוי פיל דערשטאָרבן, קען ניט לעבן אָן דעם טרייסטנדיקן ניגון אין אונדז, אַז מיר זענען אַ טייל פון ישראל".

דאָס איז די ערשטע דערמאָנונג.
און אין זיין צווייטער דערמאָנונג, זאָגט ער אונדז:

איך שטיי אין דרויסן פון מיין פאָלקס גרויסן יום־טוב (ווייל אין גלות — י.ב.)... אָבער איך האָב פּשוט נישט קיין כח צו זיין אַזוי פונווייטנס. איך, וואָס האָב געטראָגן אין זיך אַ חלום פון מיינע חדר־יאָרן, האָב ממש קיין כח נישט צו שפּינען ווייטער דעם ניגון, ווען עס איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ באַשייד פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן חלום.

און ווייטער:

ווען ס'האָט זיך געעפנט „כנסת ישראל" האָב איך אויף אַן אמת פאַרשטאַנען אַזאַ וואָרט ווי זכיה. די אַלע וואָס האָבן עס געזען מיט די אייגענע אויגן, האָבן געהאַט אַ גרויסע זכיה. מיר האָט די מדינה פון היינט געגעבן אַ נייעם פּאַספּאָרט אויף אַ רייכער, נאָגנדיקער בענקשאַפט.

אָט די רייכע, נאָגנדיקע בענקשאַפט גלאַטשטיינס, דער חלום פון זיינע חדר־יאָרן — וועגן וועלכער ער רעדט אַזוי באַגייסטערט אין זיינע „דריי לירישע דערמאָנונגען" אין זיין ריטמישער פּראָזע, געפינען אַ גאַר פּאָעטישן תיקון אין זיינע חנעוודיק־רירנדיקע לידער, א. ג. אַ ז מ ר, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר ד ע ם המשך פון זיין פּראָזע, אין דער פאָרעם פון לירישע לידער.

גלאַטשטיין רעדט אַלעגאָריש פון זיין פּאַספּאָרט פון חוץ־לארץ, וואָס ער האָט ביז איצט ניט פאַרמאָגט. „איצט אָבער — באַטאָנט ער מיט פרייד — איז מיין פ ר ע מ ד געוואָרן לעגאַליזירט: איך בין געוואָרן אַ געזעצלעכער בירגער פון אַ פרעמד, וואָס האָט ערגעץ אַ היים", וואָס איז דער אייגנטלעכער זין און די פרייד פון זיין איצטיקן זינגען — די פאַרוואַנדלונג פון זיין פּראָזע אין עכטער דיכטונג.

מיט דעם כח פון זיין וואָרט, וואָס ניגונט זיך אַריין אין דיין האַרץ און נשמה, צווינגט ער דיך ממש צו גלויבן, אַז —

די פאַרגלותטע קייטן מיינע
אויף די הענט
זענען איצטער
צימבלען פון פרייד.

און דו ביסט מיט אים מסכים, אַן ווידערשטאַנד, אַז —

צו אונדזער לשון, פאַרייִנגט
מיט ניי־געשאַפענע קלאַנגען,
זינגט שוין לאַנג מיין לשון פאַרבענקט
מיט אַלטע טייטשן און געזאַנגען.

און אַז מ׳רעדט שוין פון לשון, מעג דאָ געזאָגט ווערן אַזוי הויך ווי מעגלעך — אַז אין ליכט פון יעקב גלאַטשטיינס איינציק און פראַכטפול ליד: רעד צו מיר יידיש, פאַרבלאַסן און פאַלן אַוועק אַלע דיסקו־סיעס וועגן יידיש און העברעיש, וואָס ווערן בטל בשישים אַנטקעגן זיין האַרציקסטן אויפזינג:

רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד
און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא.

וואָס איז דאָס שענסטע געזאַנג צו אונדזער מאַמע־יידיש.

גלאַטשטיינס לידער זענען דאָ פאַרוואָרצלט אין די טראַגישסטע נאַציאָ־נאַל־יידישע איבערלעבונגען, פאַרוועבט אויף דער פאָן פון היסטאָרישע הינטערגרונטן. אינטערעסאַנט איז דער עיקרשט צו באַמערקן, זיין עטישער, טיפיש־יידישער צוגאַנג צו אונדזערע טראַגיש־יידישע איבערלעבונגען. אין זיין פּאָעמע קיביאַ, זינגט ער טיילווייז אַזוי:

און אַז מיר וועלן די געפאַלענע ציילן,
וועלן מיר די טרויעריקע וואונדן היילן
מיט רחמים, מיט גלויבן;

(וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער איינשטעל אין לעבן — י. ב.)

אַז אפילו אויפֿן פֿעלד פֿון שלאַכט,
אין דער פֿאַרשעמטער, פֿינצטערער נאַכט
מוזן אונדזערע זין זיין ליכטיקע יידן.
ניט קיין אַנפּאַלערס,
נאָר באַשיצערס, זיגערס, הויך דערהויבן.

ווי שטאָלצע „שטראַלנדיקע יידן" — אין נוסח פֿון גלאַטשטיינס טיפּיש־יידישע אַנשויונגען.

אין זיין באַגייסטערונג און פֿאַרליבטקייט אין זיין באַנייטן לאַנד, געפֿינט דער דיכטער אַ סינטעז פֿון גבורה און דויער אין אַן אויסגעשפּראָכענער גאַנצקייט, וואָס —

פֿון דעם שימל פֿון דער גרויסער וועלט
אין אונדזערע ביינער,
האָסטו אַ בריק אויפֿגעשטעלט
און פֿון אַלע צעוואָרפֿענע
יידישע שטיינער
אַ מאָזאַאיק פֿון איין בויענדיקן ווילן.

מיט וועלכן יעדער איינער מעג און זאָל שטאָלצירן.
דער דיכטער וויל נישט אַנדערש ווי האָבן, אַז —

אין דער איצטיקער גרויסער שעה
הויב אָן מיט דעם —
זע, ס'איז דאָ!

און אַז —

פֿון שטאַרקייט איז אַרויס זיסקייט.
פֿון ספֿיקייט איז אַרויס אָנהויב.

צוליב דעם זיין שטאָלצער אויפֿזינג, אַז —

מיינע אָרעמגיטער זיינען בלוי מיט בלי,
אין צעוויטיקטער שפּע.

און אַז —

דאָס קליינע לאַנד ווערט וואָרעמער
פון דער גאַנצער וועלט
מיט גאָטס פּנים.

און אַז, בשעת —

מיר איילן דאָס לאַנד איינצוּנעמען
אין טאָג פון יום טוב:
מיר זענען אַלע ייד.

וואָס איז בכלל אַן עיקר אין יעקב גלאַטשטיינס וועלט־און־ייד באַנעם. און טאָקע צוליב דעם, זיין אומאויפהערלעך געזאַנג פון —

מיר ווען טאָן און האָרכן,

אין פולן הסכם מיט אונדזער אור־טראַדיציע און גלויבן. טיילווייז אויך דערפאַר, ווייל —

דעם יידישן קרעכץ איז בייגעקומען
די חדווה.

אַזוי אַרום פאַררונדיקט זיך זיין געזאַנג צו דעם דעוויז, אַז —

די ערשטע יאָרן פון מתן־מדינה
זיינען יאָרן פון שמחה.

צו דער פרייד פון אַלעמען, אין דעם ווונדערלעכן אויפזינגג פון זיינע תוכיק־וואָגיקע לידער א. נ. אַ זמר.

דיכטער און קריטיקער

יעקב גלאַטשטיינס פרייד פון יידישן וואָרט, פון אליעזר גרינבערג

יעדער ליטעראַטור־קריטיקער וואָס איז באַהערשט פון אַן אייגענעם געוויסנהאַפטן איינשטעל אין זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור־ווערטן, איז אַנדערש פון דעם שריפטשטעלער מיט וועמעס ליטעראַריש־קינסטלערישע אַרבעטן ער באַנוצט זיך פאַר אַן אַנאַליז, אָפּשאַץ און קריטישער באַלייכטונג, וואָס דינען אים ווי אַן עמוד־אש, צו באַלייכטן די מיסטישע לאַבירינטן פון יענעמס שאַפונגען, וואָס ווערן דורך דעם פּראָצעס אויך פאַרוואַנדלט במילא אין זיינער אַן אייגענער אָריגינעלער שאַפונג.

צוליב דעם וואָס אונדזער ליטעראַטור־קריטיק באַוועגט זיך טיילווייז צווישן פּראָפעסיאָנעלע, האַלב פּראָפעסיאָנעלע און נישט־פּראָפעסיאָנעלע הענט, איז זי אַ נישט־אָרגאַניזירטע און ליידט נישט זעלטן דערפון, וואָס זי פירט קאַלקולירטע, בוכהאַלטערישע חשבונות, וואָס באַזירן זיך מער אויף קליקע־פּאָליטיק: אייגענע מענטשן — איבערשאַצן, דעם — אונטער־שאַצן, און יענעם — טאָטאַל פאַרשווייגן, אַנשטאָט אָפּצושטעלן זיך אויף דער עכטקייט פון אַן אָביעקטיוון אָפּשאַץ פון ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט.

אַ דאַנק אָט דעם צושטאַנד פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, האָבן זיך ביי אונדז אַרויסגערוקט צו דעם פאָדערגרונט פון אונדזער ליטעראַטור, אַ צאָל טאַלאַנטירטע און געוויסנהאַפטע פּאָעטן און פּראָזע־שרייבער, עסייִיסטן — וואָס פאַרטונקלען נישט זעלטן אונדזערן אַ היימישן „פּראָפעס־יאָנעלן" ליטעראַטור־קריטיקער, מיט דער עכטקייט פון זייערן אַ פּירוש, אַ מאָל אויף אַ פאַרווינקלטן, און אָפּט אַפילו אויך אויף אַן אָנגעזעענעם שריפטשטעלער מיט אַ גאָר גרויסן נאָמען.

פאַר אַ ליטעראַטור־קריטיקער, דערצו נאָך אַ ניט־פּראָפעסיאָנעלן —

צו שרייבן היינט וועגן די קינסטלערישע ווערטן און דערגרייכונגען פון אזא קאמפליצירטן שריפטשטעלער ווי יעקב גלאַטשטיין, וועגן וועמען עס איז שוין אַגב זייער אַ סך געשריבן געוואָרן — און איינצייטיק אָנהאַלטן דעם גלייכגעוויכט פון לאָגיק און נישט אַריינפאַלן אין אַ טאָן פון ווידער־האַלונג ביז באַנאַליטעט, איז כמעט ווי אוממעגלעך. סיידן — דער באַ־טרעפנדיקער קריטיקער פיבערט מיט אָריגינאַליטעט, איז אַליין איבער־געלאָדן מיט אַ געבענטשטער שעפערישקייט, רייכער ערודיציע און מער פון אַלץ, מיט אַן אָריגינעלן צוגאַנג צו ליטעראַטור־ווערטן, און ער קאָן אַרויסכישופן און אַרויסאַנטפּלעקן נאָך נישט־דערפאָרשטע, שעפערישע מאָ־מענטן און עלעמענטן, אין דעם אויסלייג פון זיינע קינסטלערישע ווערטן.

דער פּאָעט און ליטעראַטור־קריטיקער אליעזר גרינבערג, געהערט, מיר דוכט — צו יענער קאַטעגאָריע שעפערישע קריטיקערס, וואָס ווייסן און זוכן וואָס זיי ווילן. און ווילן וויל אליעזר גרינבערג זען ביי יענעם — ווי ביי זיך גופא — דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע און בעסטע. גרינבערג איז אויך קוואַליפיצירט עס צו טאָן. און טאָן טוט ער עס ווי בעל מחשבות, אים צו לאַנגע שעפערישע יאָרן — מיט ליבשאַפט צו זיין אָביעקט, אָן וועלכער מען קאָן זיך נישט צורירן צו אַ צווייטנס אַרבעט, עס מוז געטאָן ווערן אין פולן הסכם מיט דעם קריטיקערס קינסטלעריש־עטישע אָנ־שויונגען, קענטעניש, וויסן און באַגאַבטקייט.

אליעזר גרינבערגס בוך יעקב גלאַטשטיינס פרייד פון יידישן וואָרט איז זיכער באַשיידן אין אויסזען און אין דער קליינער צאָל זייטן וואָס עס פאַרנעמט, צוליב דעם אָבער איז עס גרויס אין פאַרנעם, תוך און תוכן, טיף־און־פאַרטיפט, אַ דאַנק זיינע איינגעבוירענע, קולטיווירטע אייגנשאַפטן ווי אַ פּאָעט און אויך עכטער און געוואַגטער ליטעראַטור־קרי־טיקער. ער איז איבעראַשנדיק מיט זיינע המצאות און נישט זעלטן מיט זיין דערפינדערישן אַריינדרינגג אין דעם תוך פון גלאַטשטיינס פערז צי אַ ליד, וואָס צווינגט דיך ממש עס אויפצוזוכן און דערמיט זיך (צום וויפלטן מאָל) זיך באַהעפטן און עס אַליין איבערלעבן.

צוליב דעם וואָס גרינבערג גלייבט, אַז... אַ דיכטערס אַ ניי בוך, מוז ערגעץ ווו זיין פאַרבונדן מיט זיין פריערדיקן שאַפן... באַניגנט ער זיך

ניט בלויז מיט אַנאַליזירן גלאַטשטיינס נייסטן לידער־בוך, א. ג. פּרייד פון יידישן וואָרט, נאָר ער באַרירט אויך די הויפּטמאָטיוון, תוכן און געבוי פון גלאַטשטיינס פריערדיקע לידער־און־פּראָזע ביכער, וואָס ער פאַרבינדט, ווי אַן אמתער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער — לאָגיש, זאַכלעך און, דער עיקרשט — עכט, מיט די איצטיקע לידער זיינע, ניט נאָר ווי אַ המשך פון זיין אַנהויב, מיטן און איצטיקער געלייטערטקייט, מיט זיין צימצומדיק, וואָס איז ביי אים נישט קיין פלוצעמדיקער ...איבערגאַנג פון איין פאַזע פון זיין שאַפן צו אַ צווייטער... נאָר איז בפירוש אַ פּועל־יוצא פון גלאַטשטיינס ...פאַרשאַרפן און פאַרשפּיזן זיינע פריערדיקע קינסטלערישע סענסיביליטעטן ; ווערן מער דירעקט, אַגרעסיוו, שמידן האַרטער דעם לירישן און מעדיטאַטיוון סקעפּציטיזם, וואָס פלעגט זיך אָפט אַריינגנבענען אין זיינע יוגנט־לידער... אליעזר גרינבערג הייבט דערביי גלייכצייטיק אַרויס ביי גלאַטשטיינען ...פון אַלע פאַרשיידענע זשאַנערן, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך — אַן איינהייטלעכקייט, אַ המשכדיקן אידעישן פאָדעם וואָס בינדט ערגעץ־ווו צענויף אויף אַן אייגנעם און אייגנאַרטיקן אופן, זיינע צענטראַלע מאָטיוון.

און טאָן טוט עס דער געראָטענער אליעזר גרינבערג מיט דער עכט־קייט, פאַרערונג און גאָרער ליבשאַפט פון אַן עכטן ברודער־פּאָעט, אַן פּניות, און מיט דער גאָרער פרייד מיט די דערגרייכונגען פון זיינעם אַ בן־עיר און בן־הדור, וואָס איז אין אונדזער סביבה ליידער אויך אַ זעלטנקייט.

גרינבערג פאַרטיפט זיך אין די גרונט עלעמענטן, תוך און תוכן פון יעקב גלאַטשטיינס שאַפונגען, מיט דער עכטקייט און דעם כוח פון אַן איידעלן און באַגאַבטן ערודיט, וואָס בלאַנדזשעט נישט אין זיינע השערות און פאַראיינפאַכט זיי מיט דער פּשטות פון זיין לשון.

אַזוי למשל, ווייזט ער אָן, ווי די ווערטער אין גלאַטשטיינס לידער... זענען געסדרט און צענויפגעפּאָרט מיט דער גרעסטער פאָרזיכט... און זיין געוויינלעכער חוש פאַר צימצום איז אין דעם נייסטן בוך לידער... נאָך צימצומדיקער ווי אַלע מאָל... וואָס איז אַגב כאַראַקטעריסטיש פאַר גרינבערגן אַליין, אין דעם ליכט פון דעם לשון מיט וועלכן ער אַליין באַנוצט זיך בכלל אין זיין זייער קאָנדענסירטער, זאַכלעך קלאָרער און גלייכצייטיק אויך

פאַרטיפטער אויפפאַסונג און אַנאַליז פון גלאַטשטיינס פּרייד פון יידישן וואָרט.

צו גרינבערגס שבח מעג אויך דאָ דערמאָנט ווערן, אַז ער האָט אַפילו דעם מוט צו ציטירן ש. ניגערס אַ זאָג „וועגן ...מיין יינגערן קאָלעגע... יעקב גלאַטשטיין... וואָס... איך בין איינער פון דער גרויסער צאָל באַוווּנדערערס זיינע...״ וואָס נישט יעדער מיטציייטלער פון גרינבערגס דור און סביבה וואָלט עס גערן געטאָן...

מיט דער גענויקייט און דער געוואָגטקייט פון אַ דערפאַרענעם קריטיקער ווייזט גרינבערג אָן אויף דעם איבערגאַנג ביי יעקב גלאַטשטיין פון דעם פרייען פערז, אַ פאַרעם וואָס איז גאָרנישט אַזוי פריי ווי מ׳קען מיינען... צו מעטער און גראַם... וואָס גיט צו זיינע לידער... „אַ גרעסערע מוזיקאַלישע געצאַמטקייט, אַ מער וואַריאירטע און פאַרכאַפּנדיקע מעלאָדישקייט״.

אליעזר גרינבערג טרעט אויך דאָ שאַרף און געוואַגט אַרויס קעגן „מאָדערניזם״.

ער ברענגט דאָ אַרויס דעם אונטערשייד פון באַוווּסטזיניקער קונצנמאַכעריי, אונטער דעם אויסרייד פון מאָדערניזם — „און דעם ווערט פון ...עכטער נייקייט און עכטער אָפּפרישונג...״ ער ווייזט דערביי מיט רעכט אָן, אַז — ...גלאַטשטיינס שאַפן איז אַלע מאָל אַן אָפּפרישנדיקער, שעפערישער כוח אין דער יידישער פּאָעזיע... און אַני הקטן וויל צוגעבן: אַן די שמדשטיק פון פּרעטענזיע אויף מאָדערניזם, וואָס איז נישט זעלטן וווּלגאַר, דורכויס זינלאָז, ביי אונדזערע באַוווּסטזיניקע קונצנמאַכערס.

און דווקא צוליב דעם, וואָס גרינבערג איז, ווי געזאָגט — אַ באַגאַבטער ליטעראַטור־קריטיקער, דער מחבר פון דריי וואָגיקע און ווערטפולע ביכער ליטעראַטור־קריטיק — איז ער מיט דער מיינונג, אַז — „...קריטיק וועגן און איבער לידער — מעג זי זיין די סאַמע שעפערישסטע — קאָן קיין מאָל נישט פאַרנעמען דאָס אָרט פון די לידער גופא. לידער, טענהט ער — מיט רעכט! — „מוז מען לייענען און איבערלעבן, אַז זיי זאָלן ווערן אונדזערע אַן אייגענע לעבנס־דערפאַרונג...״.

צוליב דעם זאָל דאָ אין קורצן געזאָגט ווערן: חשובער לייענער! ווער

דו זאָלסט נישט זיין און ווי דו זאָלסט זיך נישט געפינען — באַניגן זיך נישט מיט לייענען, אָפּשאַצן און פאַרשטיין אליעזר גרינבערגס זעלטענעם פּירוש איבער גלאַטשטיינס פרייד פון יידישן וואָרט, נאָר באַמי זיך אַליין ערשט דערנאָך, ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו לייענען גלאַטשטיינס גייסטע און אויך פריערדיקע לידער־און־פּראָזע ביכער, וואָס שפּיגלען אָפּ אויף אַ קינסטלערישן אופן די פרייד פון יידישן וואָרט און די טראַגיק פון יידישן לעבן, אין דעם געהויבענעם און געלייטערטן לבוש פון אונדזער פריידיק־ווייטיקדיקן לשון יידיש, וואָס איז און באַדאַרף אונדז אַלע זיין ליב און טייער, ווי עס איז דעם שריפטשטעלער יעקב גלאַטשטיין און זיין קריטיקער — אליעזר גרינבערג.

גבורה דורך בלוט

ישעיהו שפיגל: און געוואָרן איז ליכט

כדי צו געדענקען און נישט צו פאַרגעסן, צו געדענקען און נישט פאַר־געסן איז אַ מוז פאַר אַ היינטצייטיקן ייד־און־מענטש — דעם נאָך אַלץ אומבאַגרייפלעכן חורבן אונדזערן, איז אַבסאָלוט נויטיק פאַר יעדן איינעם פון אונדז זיך צו פאַרטיפן אין אונדזערע כראָניקעס, און פון צייט צו צייט זיך מתדבק זיין מיט די קינסטלערישע ווערטן פון אונדזערע מקוננים, וואָס האָבן פאַראייביקט און באַמיען זיך אויך איצט צו פאַראייביקן אונדזער צער און ווייטיק, אין זייער ליד און פּראָזע.

אונדזער חורבן־ליטעראַטור וואָס באַשטייט פון באַלד אומצייליקע פאַר־צייכענונגען פון נאָמענלאָזע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן פריער, פאַר דעם חורבן — קיינמאָל נישט געחלומט פון שרייבן, פאַרמאָגט שוין אויך אַן אוצר פון קינסטלערישע ווערק פון יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן אַליין דורכגעמאַכט דעם חורבן און אויך אַ צאָל ווערטפולע שאַפונגען פון פּאָעטן און פּראָזאַיקער, וואָס זענען „אין טרעבלינקע נישט געווען״.

ישעיהו שפיגל איז איינער פון די גאָר געציילטע, הויך־טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער אונדזערע, וואָס האָט געהאַט דעם אומגליק אַליין איבער־צולעבן דעם גאַנצן חורבן אונדזערן און אויך די זכיה צו ווערן „צו אַלע טויטע — זייער טויטן־זינגער״, לויט די מוסטערהאַפטע, פּאַטעטישע ווערק זיינע, אין ליד און אין פּראָזע.

דער צער פון זיינע איבערלעבונגען האָט זיך אויף אַזוי פיל אַסימילירט מיט זיינע געבלוטן, אַז ער קען זיך פּשוט מער נישט באַפרייען פון דעם „יידן־טויט אין טרוים״, וואָס גייט אים נאָך אין חלום און אויף דער וואָר. צוליב דעם, דער ווייטערדיקער אויפזינגג פון זיין „טויטן־זינגער״:

איך קאָן נישט פון מיין שלאָף פאַרטרייבן זיי שוין מער,
די טויזנט פנימער פון יידן האַלב־פאַרקוילטע;
זיי רינגלען אַרום מיין בעט מיט ברענענדיקע בערד
און שטיקן מיך אין שלאָף מיט פויסטן איינגעקנוילטע.

אין שוואַרצע שויבן פון אַנשטערנדיקע נעכט
עס קלאַפּט צו מיר דער ווינט מיט טויזנט דאַרע פינגער;
פון חלום כ'גיי אַרויס און זעץ זיך אויף דער טרעפּ
און ווער צו אַלע טויטע — זייער טויטן־זינגער.

זיין וואָרט אין אַלגעמיין, צאַרט ווי עס איז, געלייטערט און איידל, טראָגט אין זיך ...דעם ווייטיק פון אַ חלף־שניט... ער איבערטרייבט דעריבער אויף אַ האָר נישט, ווען ער זינגט וועגן דעם, אַז —

די גנאָד פון וואָרט איז הייליק אין מיין יידיש ליד,
ווי הייליקער דאָס לעבן איז פון יעדן טויט.

און לויט דעם עדות־זאָגן פון זיינע איבערלעבונגען, ווי זיי באַקומען זיך אין זיינע ווערק — איז ער גענוג געווען פאַרהיימישט מיט די משונה־דיקסטע טויטן פון דעם היטלערישן גיהנום, צו קענען זיין און פאַרבלייבן דער טויטן־זינגער פון יענער אומגליקלעכער תקופה אין אונדזער פאָלקס־לעבן, אין אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור.

די חורבן־טעמאַטיק פון זיין בוך און געוואָרן איז ליכט, איז פונדעסטוועגן נישט קיין מאָנאָטאָנע. און נישט מאָנאָטאָן איז זי דערפאַר, ווייל ער איז זייער שפּאָרעוודיק מיט דעם אומגאַנג פון זיין וואָרט און דעם אָנווענד פון זיינע זעונגען אין זיין ליד, וואָס טיילט זיך אַלע מאָל אויס מיט אַ נייער ווענדונג אין זיין איבערלעבונג, וואָס פאַרוואַנדלט עס אין ...אַ נס פון הונדערט טויזנט... אין וועמענס בילדלעכן אויפזינג, ער אַליין איז אַנזעעוודיק ווי דער עדות און דער קרבן פון זיינע אומגעווייינלעכע איבער־לעבונגען.

צוליב דעם געלינגט אים אַלעמאָל צו געפינען נייעם אויסדרוק פאַר

טעמעס, צו וועלכע ער ווערט נישט מיד זיך אומצוקערן מער ווי איינמאָל, ווי דער אָנדענק פון זיין טאַטע־מאַמע, זיין געבורטס־שטאָט באַלוט און ענלעכע מאָמענטן פון זיינע טראַגישע איבערלעבונגען.

זיינע קלאָג־לידער לאָזן זיך נישט גרינג ציטירן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים: זיי זענען אויך אַזוי פיל פאַרוואָרצלט אין אונדזער חורבן, אין זייער גאַנצקייט און געראָטענעם אויפזינג, אַז ס׳איז אַ שאָד זיי צו ברענגען אין אָפּגעריסענע סטאַנזעס. זיין ליד **איך קני פאַר דיר**, למשל, לייענט זיך טיילווייז אַזוי:

אוי ווי איז מיר, מיין היים, און אַלע מיינע ברידער,
וואָס קלאָגן איצט ירמיהוס אַלט געוויין אויפסניי;
אַ פעלד אַ וויסט — דאָס האַרץ, וואָס פלאַקערט ווי אַ דאָרן
און וויל פאַרברענט נישט ווערן נאָך אונדזער בראָך און וויי.

— — — — — — — — — — — — —

ס׳איז נישט באַשערט געווען דיר מיט דער ביקס און מעסער
אויפשטיין קעגן שונא און אָנצינדן מרידה;
ווייניסטו אינדערשטיל... און ס׳איז דער יאָמער גרעסער
ווי ס׳יידישע געוויין אין אַלע איכה־לידער.

כדי אָבער צו געניסן פון דער פולסטער איבערלעבונג פון דעם דיכטער, איז אַבסאָלוט נויטיק צו לייענען דאָס ליד אין זיין פולער גאַנצקייט, כדי פון זיך גופא צו קענען אַרויספיבערן **דעם צער** און **די טראַגיק** פון אָט דעם איכה־מאָטיוו, אויף דעם גורל פון זיין שטאָט באַלוט.

ווי אַ קרבן פון דער היטלערישער מגיפה, טיילט זיך דער דיכטער ישעיהו שפיגל אויס פון אַ סך פון זיינע מיטצייטלער דערמיט, וואָס דער גאַנצער אומגליק אונדזערער אין די קלענסטע דעטאַלן, האָט זיך אין אים אויפגעהאַלטן און פאַרשפיגלט אין זיין געמיט, מיט דעם כוח פון רענטגען־שטראַלן, וואָס ער האָט בשעת מעשה און אויך שפּעטער אַריינגעוויטיקט מיט דער גבורה און דער אוממיטלבאַרקייט פון **זיין** צימצומדיק וואָרט אין **זיין** דיכטונג, וואָס וועט אונדז אייביק דינען ווי אַ דערמאָנונג

אָן דעם שוידער און פאַרברעכן פון אונדזער יאָרהונדערט, לגבי אונדזער פאָלק.

פאַר דעם קינסטלערישן אויג פון ישעיהו שפּיגל, איז קיין זאַך נישט געבליבן פאַרהוילן. פון טויזנט פעלדזן, למשל, באַמערקט ער, איז ...אַ גרויע קלויזן־וואַנט געקושט פון פלאַם... פאַרבליבן —

און איך — איך טראָג אַ זעקל זאַמד פון פוילנס ערד דער שוואַרצער,
כ׳טראָג מיין חלום, כ׳טראָג מיין היים די פאַרברענטע
כ׳וועל זעצן זיך אין דעמער־שעה ביי ווערבעס שטילע
און תפילה־טאָן צו שטערן די געשענדטע.

די תפילה זיינע איז בכלל אַ שטילע, נישט קיין הויך־שרייענדיקע — שוין צוליב דעם אַליין, ווייל די שטילקייט איז זיין וואָרט, און —

אין שטילקייט ליגט מיין תפילה צו דער נאַכט.

און טאַקע צוליב דעם, וואָס אין זיין פאַרצווייפלונג איז ער נאָך מסוגל אַרויסצותפילהן אַ תפילה צו דער נאַכט, זאָגט אים זיין אינטויציע אונטער, אַז —

פון ים קומט אָן דער ווינט און כ׳הער, ס׳האָט אויפגעוואַכט
אַ נייער הימל, וואָס וועט אַ נייע פרייד אונדז געבן.

דאָס זינגט פון אים אַרויס די אַנונג און פאַרויסזעונג פון אַ פאַר־פייניקטן פּאָעט, וואָס חלומט פון ליכט אין זיין לאַנגער נאַכט, פאַר זיין פאָלק און פאַר דער גאַרער מענטשהייט.

אונדזער פיל געפּרוווטער דיכטער ווערט נישט מיד צו זינגען ווידער און ווידער אַמאָל, וועגן דעם טרויעריקסטן גורל פון זיין טאַטע־מאַמע. אַלע מאָל אָבער באַקומט זיך ביי אים אַ נייע טרער, פון אַ דורכויס נייעם נשמה־קוק־ווינקל פון זיין צעווייטיקט האַרץ. ער זינגט:

וואָס זאָל איך טאָן איצט, אָ, מאַמע הייליקע?
דאָס אויג איז אויסגעטרוקנט פון דער טרער.
אַ מענטש דאַרף האָבן וואָס אַרומצונעמען —
אַ בערגל זאַמד, אַ בערגל ליבע ערד...

וואָס איז אים אין זיין טיפסטן צער, ליידער נישט באַשערט.

צי אין אַ ליד וועגן זיין טאַטן:

אונטער אַ בערגל אַש — דער חלום פון מיין היים,
און די סאָסנע וואַקסט אַלץ אויפן טויטן ליים,
אויף איר גרינער צווייג הענגט נאָך דאָרט די שטריק,
און מיין טויטער טאַטע וויגט זיך דאָרט אין וויגט.

און אין אַן אַנדער ליד, א. נ. ת פ י ל ה צ ו מ י י ן ט אַ ט ן, ווענען ער זעט נאָך ...ביים קנויטן־לעמפּל, איבער אַלטן סידור... בעט ער זיין טויטן טאַטן:

זיך שטעלן פאַר יעדן קריגער מיט זייער פייער־שווערד
און שלאָגן אונדזער שונא מיט דונערן און בליץ.

וועק־אויף דאָס טויטע פאָלק, און זאָל זייער טויטער שאָטן
פאַראויסגיין אין דער שלאַכט, אין הייליקן געפעכט;
ס׳איז אונדזער קאַמף פאַר פריי אונדזער לעצטער באַרטן,
ס׳זאָל נישט דער טויט פון פאָלק אויף אייביק זיין פאַרשוועכט.

אָט דער קרעדאָ זיינער, דינט אים טיילווייז ווי אַ דעוויז און ליידנ־שאַפטלעכער באַגער נאָך דערלייזונג אין ז י י ן ליד.

די אייגנאַרטיקייט פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט דריקט זיך אַלעמאָל אויס אין דעם כוח פון זיין אויסדרוק, פאַרנעם, און ווירקונג פון זיינע מעשים, אין די פון אים באַשאַפענע קונסט־ווערק זיינע.

און דאָס וואָס איז גילטיק אין אַלע פאָרמען פון קונסט, איז אויך אין זיך כולל און גילטיק פאַר דער דיכטונג וואָס איז עכט, ווירקט און

מוז ווירקן אויף דעם מיטשפּעדרישן לייענער, וואָס איז נישט עגאַל אין זיין באַנעמונג און אויפפאַסונג צו דעם וואָס דער דיכטער טראָגט אים אונטער צו לייענען.

ישעיהו שפּיגל זעט מיר אויס צו זיין אַן אייגנאַרטיקע שעפּערישע פּערזענלעכקייט אין דעם זין, וואָס דער צויבער פון זיין וואָרט האָט דעם כוח צו אילומענירן דייך באַוווּסטזיין; אויף אַ וווּנדערלעכן אופן דיך אַריינציען אין דעם חושך פון זיינע איבערלעבונגען און אין דיר אַרויסרופן דעם שאַרפסטן צאָרן, ווייטיק און פּראָטעסט, קעגן די פּייניקער און מערדער פון אונדזער פאָלק, אין דעם חושך פון אונדזער יאָרהונדערט.

ישעיהו שפּיגל האָט זיינע אינטימסטע איבערלעבונגען אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן צוגעאייגנט צום פּרט און דעם כלל, וואָס זענען אַגב נישט סותר איינע די אַנדערע.

איןביידע פאַלן, זעט ער מיר אויס צו זיין דער טויטן־זינגער פון פאָלק, דער גרויסער, קאָלעקטיווער קרבן פון דער גרעסטער אַכזריות צווישן מענטשן בכלל.

מיט יעדן נייעם ליד זיינעם וועגן טאַטע־מאַמע, דערפירט ער זיין וואָרט צו אַ נייעם מאָמענט פון קדושה, וואָס איז אַגב אָנווענדבאַר אויף דעם כלל, וואָס איז אַלצאיינס אין זיך כולל דעם פּרט. ער זינגט, למשל, וועגן זיינע עלטערן, צום וויפלסטן מאָל — טיילווייז אַזוי:

אין יעדן טוי־טראָפּן איך זע די טרער מיין מאַמעס.
אין יעדן ווינט־פליסטער — די תפילה פון מיין טאַטן.
און איך אַליין — איך טראָג די ברכה און די קללה
אויף מיין האַרץ פון אַלע, אַלע צייטן.

און אין אַן אַנדער ליד:

דורך רויכיקע שוועלן, מיט הייליקע טריט,
מיט יידן און תהילים־געזאַנגען,
מיין טאַטע — אַ פּראָסטער, פּשוטער ייד —
דער ערשטער צום טויט איז געגאַנגען.

וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אונדזערע טאַטעס און מאַמעס פון יענער היטלער־תקופה, און שניידט זיך אײַן אין האַרצן ווי אַ וווּנד. צי די באַלאַדע אין די בערג, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דאָס לעבן און אומקום פון ...מײַן פעטער, דער קברן... וואָס האָט אַמאָל טויזנטער יידן געטאָן זייער הייליק רעכט —

נאָר מיר, דעם קברן, אוי ווײַ,
קומט קיינער ניט טאָן מײַן רעכט,
זוך איך אַ ייִד דאָ אַרום
אין די פינצטערע נעכט.

און די טענה זײַנע איז, אַז ווען עמיצער וואָלט אַפילו אים זוכן אויפן הייליקן אָרט, וואָלט ער נאָר דעם ווינט דאָרט געפונען. און דער לאַגיש־סטער אויסוועג זײַנער און עצה, איז:

דעריבער, מײַן טײַער שוועסטער־קינד,
ווי דו וועסט נאָר טרעפן אַ שטיין
טאָ זעץ זיך אַוועק אינעם ווינט
און דײַן פעטער, דעם קברן, באַוויין.

ס'אַר אַ מאָדנער גורל פון אַן אויסגעהרגעט פאָלק, אין די קינה־לידער פון אַ פּאָעטישן פאָעט!

נישט אומזיסט איז די אינטימסטע תפילה זײַנע:

אַ, שענק מיר דאָס וואָרט כ'זאָל קענען באַקלאָגן
מיליאָנען בית עלמינס אָן קברים.

וואָס איז אים, מיר דוכט — באַוויליקט געוואָרן.

און אַז ער געפינט שוין יאָ דעם קבר פון זײַנעם אַ טויטן חבר, איבער וועמען ס'וואַקסט אַ בוים, איז דער גרוס זײַנער פון דער היים און פון דער מאַמען זײַנער, אין קורצן אַזאַ:

שלאָף רואיק דאָ, מײַן זון, פאַרוויגט פון ביימער־שטאַמען —
דאָס איז דער גרוס צו דיר פון דײַן טויטער מאַמען.

דער געבוי פון זיין פערז קומט ביי אים אַרויס אַזוי נאַטירלעך און נישט געקינסטלט, אַז דער ריטעם פון זיין ליד האַרמאָנירט אַלעמאָל מיט זיין מחשבה און דער וויזיע זיינער.

דאָס בילדלעכקייט פון זיין יידיש־לשון איז אויף אַזוי פיל קלאָר, דערפינדעריש און טרעפלעך, אַז די מעטאַפאָרן זיינע פאַרכאַפּן דיך מיט זייער ראַפינירטער פשטות און זעלטענער שיינקייט, אויף דער פאָן פון זיין דורכויס פאַרטיפטער חורבן־טעמאַטיק. אָט איז אַ קלאָרער ביישפּיל:

שימערדיק גאָלד אויף וואַלדיקן שליאַך —
די זון האָט איר קרוין דאָ פאַרלאָרן;
ווי הירשן, געפאַנגען פון בהלה און טויט,
זיינען געפאַנגען די קינדערשע יאָרן.

אַ זעלטענע עשירות פון בילדער, מיט דער וויזיע פון טויט אַריינגעוועבט — אין איין קאָנדענסירטער סטאַנזע פון קורצע פיר פערזן!

זיינע חורבן־געזאַנגען פאַרבינדט ער נישט זעלטן מיט געשיכטלעכע פאַקטן פון אַמאָליקן לעבן, וואָס דינען אים ווי אַ הינטערגרונט פאַר אַ סינטעז צווישן היינט און דעם מאָרגן.

פון צייט צו צייט פאַלט אויך זיין בליק אויף באַשטימטע אידייאישע מאָמענטן, אין די ווערק פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע קלאַסיקער. אין זיין ליד צו י. ל. פּרץ, למשל, זינגט ער טיילווייז אַזוי:

דו האָסט געוואָלט די יידן דיינע פירן איבער חורבות
פון וועלט צו שבת אייביקן, וואָס וועט די גרויע וואָך באַזיגן!
אַצינד גיי איך, — אַ קינד פון חורבן, אויף די אַשן באָרוועס
און זוך אין זיי דעם פלאַם פון פאָלק — דעם גילגול פון
אַ ניגון.

וואָס וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף זיין אומרויִקן גייסט, וואָס זוכט אַ תיקון אין זיין ליד, אין דינסט און אין די אינטערעסן פון דעם פאָלק.

ב

געזאַנג אין דער פינצטער, איז אַ נאָמען פון אַ סעריע לידער וואָס ישעיהו שפיגל האָט גשריבן אין געטאָ. דאָ, ווי אין די אַנדערע לידער פון זיין בוך און געוואָרן איז ליכט, איז די טעמאַטיק פון די לידער — חורבן.

אַלע זיינע לידער אָן אויסנאַם, שניידן זיך אַריין אין דיין געמיט, האַרץ און זכרון, מיט דעם פייער פון דעם דיכטערס איבערלעבונג. ביים לייענען אָט די לידער זיינע, זיצסטו צוזאַמען מיט אים ווי אַ פאַרמשפּטער אין דעם חושך פון דער נאַכט און דו וואַרטסט אויף דעם שונא —

און פּלוצים — ס׳האַרץ, ס׳האַרץ בלייבט שטיין,
ס׳גייט עמעץ אויף די שטיגן;
ס׳איז נאָר אַריין — דער ווינט, דער ווינט —
געפונען טויט אונדז ליגן.

דער דיכטער קען שוין דאָ... דעם טויט פון אַלע טויטן... זעט אַדרבא און הערט אַליין, ווי ער זינגט טיילוויז וועגן דעם:

איך קען שוין איצט די פּיין פון אַלע פּיינען,
די נאַכט, וואָס גייט אויף אונדז מיט חלף רויטן;
כ׳הער יידן זינגען אין פאַרברענטע קלויזן
דאָס הייליק ליד פון אַלע אונדזערע טויטן.

איך קען שוין איצט דעם וועג צו אַלע תהומען —
דעם תהילים־גאַנג פון אונדזערע עלטער־זיידעס;
וועל איך ווי אַ מויער דאָ אין וואָגל־וועג פאַרבלייבן
און זיין אויף דורות אייער שטומער עדות.

וואָס ער איז אָן יעדן ספק געווען און אויך פאַרבליבן, אַ דאַנק זיין קינסט־לערישער באַמיונג אין אונדזער הייַנטצייטיקער דיכטונג און פּראָזע, אויף יידיש לשון.

געדענקען און נישט פאַרגעסן — דאָס איז דער דעוויז און פּאַראָל פון אונדזער היינטצייטיקער חורבן־ליטעראַטור.

ישעיהו שפּיגל, ווי איינער פון אונדזערע שטאַרקסטע און אויסגעשפּראָכנסטע מקוננים — פאַרזאָגט עס אונדז אויף זיין אייגענעם און אייגנאַרטיקן אופן, דורך דער פאַרמיטלונג פון ז י י ן ליד און אויך ז י י ן פּראָזע.

כ׳וועל נישט פאַרגעסן

איז זיין גרויס געוויין־געיאָמער, וואָס וויינט זיך אויך אַריין אין דיין געמיט.

ווי ווינען איצט אויף מיר די געטאָ־הימלען —
גאָט אַליין זיצט שבעה אין פאַרדעקטן שפּיגל. —
ווען ס׳איז דער אָוונט־שטערן אויפגעגאַנגען,
בין איך געשאָכטן נאָך געלעגן אויף דיין וויגל.

זינגט ער אַריין אין אונדזער געמיט און זכרון וואָס לאָזט זיך נישט, ווילט זיך נישט, און טאָר בפירוש נישט פאַרגעסן ווערן.

אין דעם חושך פון זיין געטאָ־לעבן, האָט אונדזער דיכטער אין זיך אויך אַריינגעצערט דעם גאַנצן עלנט פון אונדזערע קינדער, וואָס ער האָט מיטגעלעבט און מיטגעליטן. אָט איז אַ פראַגמענט פון זיין געטאָ־וויגליד:

די וועלט האָט גאָט פאַרמאַכט,
און אומעטום איז נאַכט —
זי וואַרט אויף אונדז מיט שוידער און מיט שרעק —
מיר שטייען ביידע דאָ,
אין שווערער, שווערער שעה,
און ווייסן ניט וואוהין ס׳פירט דער וועג.

וואָס קאָן שוין זיין טראַגישער פאַר דעם באַוווסטזיין פון אַ מענטשן וואָס ווייסט, פילט און פאַרשטייט, אַז ...די וועלט האָט גאָט פאַרמאַכט און אומעטום איז נאַכט?

ג

נאָך אַלע גילגולים פון צער, ווייטיק און צאָרן, ניגונט אויף ביי ישעיהו שפּיגל דאָס געזאַנג פון טרייסט און פון בטחון, אין דער סעריע לידער זיינע, א. נ. ל ו י כ ט נ ד י ק ע ש ט ע ר ן, ווי דער קאָנסעקווענטער דראַנג צו ווידערגעבורט און לעבן, אויף דעם זעלבן הינטערגרונט פון זיינע פריער־דיקע חורבן־מאָטיוון, צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס —

די שיינקייט פון דער וועלט איז ביי אונדזער שוועל ניט
געשטאָרבן —

לויט דעם דעוויז פון אונדזער עם קשי־עורף, און אויך דערפאַר, ווייל —

אויף אונדזער צונג ברענט נאָך פון ליכט אַ ווייסער צייכן
פון ליבשאַפט מענטשלעכער, און נישט פון שנאה.

און דער עיקרשט דערפאַר, ווייל —

אין שאָטן־טאָל איך הער דאָס קול פון אַלעביינער,
און יעדעס גרעזל דאָ — מיין הייליק גרויסער וואָפן.
אין זוימען פונעם ליכט, וואָס שטאַרבט ניט אויף דער ערד,
אין זוימען פונעם בלוט — ליגט חלום און נצחון.

אַזוי דערטיפט זיך אונדזער געפּלאָגטער פּאָעט צו דער זעונג פון חלום און נצחון, דאָס געזאַנג פון אַ ח ר י ת — אין די זוימען פון ליכט און אין די זוימען פונעם בלוט, וואָס שטאַרבט בפירוש נישט, לויט זיין השערה — אויף דער ערד.

ישעיהו שפּיגל געפינט אַ טרייסט דווקא אין יעדער ברענענדיקער וואַנט, ביי יעדן יידישן הויז, וואָס גיט אים מוט צו זינגען וועגן דעם, אַז —

איך ברויך ניט קיין מצבות זיי זאָלן שטיין אַן עדות —
ס׳איז יעדעס זאַמדל דאָ — אַ פייער־זייל צו גאָט.

און מיט נישט ווינציקן פּאַטאָס רופט ער אויס:

דאָס האַרץ מיינס כ׳טראָג אַנטקעגן ווי אַ ברענענדיקן טאָוול
צום פלאַקערדיקן דאָרן אין מיין טויטער היים;
און ווי אַמאָל, אַמאָל ביי די וואַסערן פון בבל,
גייט אויף אין מיר די טרייסט אויף בלוטנדיקן ליים.

אין דעם ליגט דער אויסוועג צו זיין פאַרצווייפלונג און אויך דער שליסל צו דערלייזונג.

אָן כאָטש ער זינגט וועגן דעם, אַז זיין האַרץ איז ...אַן אָוונטיקער, טונקעלער ברונעם... פילט ער אָבער גלייכצייטיק און ער ווייסט, אַז —

...ס׳טליעט אין זיין טיפעניש אַ שטערן — מיין בטחון.

וואָס באַגלייט אים ווייטער אין זיין מיפולן וועג און בענקשאַפט נאָך דערלייזונג, ווייל —

ס׳איז אַ נס געשען — אַ נס פון ליכט און ברויט,
געהייליקט האָט די וועלט זיך אין אַלע אירע טרערן.
כ׳שטיי־אויף פון דיין אַש — און פון דיין בלוט און טויט
גייט־אויף די ערד אויפסניי מיט לויכטנדיקע שטערן.

וואָס דערמאָנט אָגב אָן דעם לעגענדאַרישן פעניקס, וואָס קומט צוריק צום לעבן באַלד נאָך זיין אומקום.

פּאָעטן לאָזן זיך אָפט פירן און באַהערשן פון זייער אינטויִציע, ווי קינדער פון דערוואַקסענע מענטשן.

ישעיהו שפיגל געהערט צו יענע זעלטענע וואָרט־קינסטלער אונדזערע, וואָס לאָזן זיך בלינד נישט פירן פון זייער אינטויִציע. ער באַהערשט זיין אינטויִציע, און נישט זי אים, — ווי אַ געניטער דיריגענט באַהערשט זיין אָרקעסטער. זיין כוח הצימצום דינט אים ווי אַן עמוד־האש, צו קענען פון זיך אַרויסקריגן דעם מאַקסימום פון זיינע קינסטלערישע נייגונגען און אילוזיעס, אין דער מעגלעכסט־קורצסטער פאָרעם און געשטאַלטיקונג. צוליב דעם ליידט נישט זיין דיכטונג פון ליטעראַרישע פגימות — רעטאָריק און

קונצמאַכעריי, וואָס פאַרטונקלען אַלעמאָל דעם עצם זין פון דיכטונג און רעדוצירט זיך צו דער פלאַכקייט פון פסעוודאָ־דיכטונג.

אין זיין באַמיִונג צו געבן אַ תיקון אונדזער חורבן אין ז י י ן דיכ־טונג, האָט ער גלייכצייטיק פון זיך אויך אַרויסגעליכטיקט די זעונג פון גבורה און אויך פון בליִונג.

אויף פאַרמעט גראָ און ווייך פון ווייסלדיקן שטראַנד
דער בלינדער סופר שרייבט פון גבורה די מגילה;
ער גראָבט פון אַש דאָס אות — דאָס רויטע אות פון זאַמד,
ביז די פאַרשעמטע ערד בליט־אויף אין שמאָלער מילע.

און אין צוגאָב צו דער מגילה פון גבורה, וואָס דער אַלטער סופר שרייבט — זינגט דער דיכטער אויף זיין אייגענע מגילה פון גבורה אין זיין ב ו נ ק ע ר־ ב אַ ל אַ ד ע, וואָס פאַר־סך־הכלט זיך צו דעם דעוויז, אַז —

קידוש השם און קידוש העם —
איז אויפגיין צו גבורה דורך בלוט און דורך פלאַם!...

צום געדענקען און נישט פאַרגעסן — לדור דורות — אויף אַלע אייביקייטן.

העברעיִשע דיכטונג פאַרברידערט צו יידיש־לשון

ש. שלום: לידער און פּאָעמעס. יידיש — חיים באַרקאַן

לידער וואָס ווערן איבערגעדיכטעט פון איין לשון אין אַ צווייטן, קענען, ענטוועדער אַרויסקומען מעכאַניש, שפּראַכלעך קאָרעקט, אָן אַ נשמה — און פאַרלירן זייער אָריגינעלן, פּאָעטישן אַראָמאַט, אָדער — דורכ־אויס קינסטלעריש, מיט אַן עודף נאָך דערצו, אויב, נאַטירלעך, דער איבערדיכטער איז אַליין געבענטשט מיט טאַלאַנט, ווי אַ צוגאָב צו זיין פולשטענדיק באַהערשןביידע שפּראַכן, און דערביי אָנווענדן די וויזיע פון אַן אייגענער איבערלעבונג, אין זיין אייגענעם לשון.

דער פּאָעט חיים באַרקאַן, האָט דאָס דוכט מיר, איצט דעמאָנסטרירט אויף זייער אַ געראָטענעם אופן, מיט זיין איבערדיכטונג, נישט ווי ער אַליין רופט עס אָן באַשיידן: איבערזעצונג — פון די לידער און פּאָעמעס פון ש. שלום פון העברעיִש אויף יידיש.

מיר דוכט, אַז ביים איבערדיכטן לידער פון איין לשון אין אַ צווייטן, איז דורכויס נישט נייטיק זיך צו האַלטן שטרענג ביי דעם אָריגינאַל, נישט אין דער טעכניק און מעטריק, אַפילו אויך נישט פּינקטלעך צו דעם רעיון און דער זעונג, ווייל דאָרט, ווו אין דעם אָריגינאַל איז עפּעס נישט־דערזאָגט, מעג זיך דער איבערדיכטער מיט טאַלאַנט, משתתף־זיין צו דער אָריגינעלער שאַפונג און עפּעס מוסיף זיין, ווייל די טואונג גופא פון איבער־דיכטן אַ צווייטנס ווערק, פאַרברידערט אים במילא צו דעם באַטרעפנדיקן דיכטער. איז אויב ער איז נאָך עפּעס מוסיף צו דעם וואָס דערגאַנצט די אָריגינעלע שאַפונג, באַקומט זיך במילא אַ בשותפותדיק און סינטעטיש ווערק פון צוויי מחברים.

אויב ש. שלום גיט צו אין זיין באַשיידענעם אַריינפיר, אַז חיים באַרקאַנס „שליסל צו די איבערזעצונגען איז ליבשאַפט — האָבן זיך געעפנט (צוליב

דעם — י. ב.) פאַר אים די טויערן פון געזאַנג און די איבערזעצונגען זיינען גוט און רירנדיק מיט זייער געטריישאַפט... וואָס קומען פון הארץ און נשמה", בין איך מיט אים מער ווי מסכים און איך זאָג: די איבערדיכטונגען פון דעם פּאָעט חיים בארקאַן זיינען אויף אַזוי פיל געראָטן, אַז אַ סך פון די לידער און פּאָעמעס לייענען זיך, מיט דער הנאה פון אָריגינעל פאַר־טראַכטע און געשאַפענע ווערק אויף יידיש־לשון.

וואָס איז שייך דער טעכניק פון מעטער און גראַם, איז ביז גאָר אינטע־רעסאַנט, ווי אַזוי חיים בארקאַן אָפּעריִרט איןביידע לשונות און ער פאַר־ברידערט אויף גאָר אַ געראָטענעם אופן אַ גראַם אויף יידיש, מיט אַ גראַם אויף העבעריִש, וואָס קומט ביי אים אַרויס זייער חנוודיק, תוכיק און דער עיקרשט — וואָגיק, געדאַנקנרייך און אויך בילדלעך.

ס'איז אָבער אויך גוט צו וויסן, אַז חיים בארקאַן האָט דאָ צענויפגע־נומען לידער „פון מיינע העבעריִשע לידער־ביכער פון עטלעכע תקופות", לויט ש. שלומס עדות זאָגן אין זיין דערמאָנטן אַריינפיר — וואָס שטעלט פאַר אונדז פאַר דעם פּאָעט ש. שלום, אין זיין פולער גאַנצקייט.

עד כאן וועגן דער איבערזעצונג. —

צוליב דעם דורכויס יידישן כאַראַקטער פון די ל י ד ע ר א ו ן פּ אָ ע מ ע ס פון ש. שלום, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, וואָס הויבן זיך אָן מיט דעם ליד ש ח ר י ת, וואָס לייענט זיך במילא ווי אַ תפילה:

> אין גרויסן באַגינען, ס'ליגט נאָך ערד אַ שטילע,
> בין איך אויפגעשטאַנען צו מיין שחרית־תפילה.
> איך רייד ניט אַ וואָרט און מיין צונג איז שטום,
> נאָר ס'רינט אויס מיין לעבן אין אַ תפילה פרום.

זיין תפילה וואָס איז פאַרוואָרצלט אין אַ צונג וואָס איז שטום, ווי יעדע תפילה בלחש — איז אָן יעדן ספק מער רירנדיק פון אַ תפילה בקול רם. די ערשטע ש. שלומס — גרייכט אָן יעדן ספק דאָרט ווו זי וויל און באַדאַרף אָנקומען.

די ל י ד ע ר א ו ן פּ אָ ע מ ע ס פון ש. שלום טראָגן כמעט אַלע אַ תפילהדיק־רעליגיעזן כאַראַקטער אויף אַזוי פיל, אַז שוין די נעמען זייערע

אַליין, רופֿן אין דיר אַרויס אַ רעליגיעזן ציטער, וואָס דערמאָנען אין אונדזערע אמתע תּפֿילות פֿון אונדזער רעליגיעזער ליטעראַטור פֿון פֿאַר־צייטנס, די שאַפֿונגען פֿון באמת גרויסע פּאָעטן.

ניט אומזיסט רופֿט ש. שלום אָן איינע פֿון זיינע פּאָעמעס: **אין נוסח פֿון אַן אַלטער תּפֿילה**, אין וועלכער ער זינגט טיילווייז אַזוי:

פֿון דעם טאָג וואָס אַברהם האָט געפֿירט יצחקן צו דער עקידה,
ווערן מיר געפֿירט יעדן טאָג צו דער שחיטה און צו שרעק
און צו ליידן;
אַ קינד און אַ זויגלינג לעבן דער מאַמען, דער בכבודיקסטער
אין דער עדה —
אונדזער צונג איז שוין צוגעקלעפּט צום גומען פֿון באַוויינען
אַבידה נאָך אַבידה.

אַזוי אויך זיין תּפֿילה מיט דעם נאָמען **כּענני בפּתח**.
און וואָס איז די תּפֿילה פֿון דעם פּאָעט ש. שלום?

לאָז מיך מיין גאָט, אָ, זיין ווי איך בין,
ווען די מנורה אויף מיר וואַרפֿט אין פּראַכט איר שיין,
כ׳זאָל לויטער באַנעמען ביז דעם טויט דעם זין,
וואָס זי סודעט מיר ליב, וואַרט אויס, וואַרט איין.

און ווייל ער ווייסט און ער פֿאַרשטייט, אַז „ניט דער וואָס זינגט איז דער עיקר, נאָר די שירה פֿון האַרץ אַליין", זענען זיינע **לידער און פּאָעמעס** אויף אַזוי פֿיל געראָטן און אינטערעסאַנט, אַז זיי לייענען זיך מיט דער הנאה און דער סאַמער עכטקייט פֿון תּפֿילות, וואָס קומען ביי אים טאַקע, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס — פֿון האַרץ אַליין.

און שטאַרבן וויל ער —

מיט אַ צעגלאַנצטן טראָפּן טוי
אויף אַ בעכער פֿון אַ בלום.
— — — — — — — — — —
מיט דער זון אין אַ טאָל אין דער נידער...

ביים לעבן אָבער וויל ער אומבאַדינגט, אַז —

(ס׳)זאָל אייביק מיין פענצטער שטיין אָפן צו דער וועלט
און צו דעם ייד.

דער ייד און דאָס יידישע פאָלק, ווי מיר וועלן באַלד זען — איז ביי אים דער סאַמע עיקר־עלעמענט פון זיין לעבן און שאַפן.

פון דער נאַטור אַן אָפּטימיסט, כאָטש אַ טיף־ליידנדיקער ייד־און־מענטש, האַלט ער אַלע מאָל אין זיך אָן דעם באַלאַנס פון כי טוב, און ער זינגט:

כ׳זינג ניט מער פון וויי און שרעק,
און איך פאַרגיס ניט מער קיין טרער.
— — — — — — — — — — — — — —
זינג איך אַלץ פון פראַכט, כי טוב,
גיי אַנטקעגן טאָג מיט בלומען,
אַ טאָג מיט זון און גאָלד לרוב,
וואָס וועט באַלד קומען.

און דער טאָג מיט זון און גאָלד איז טאַקע געקומען און געפונען אַ תיקון אין זיין לידער־סעריע: ישראל —

פון דער הויך די ברכה נידערט,
מדבר ווי אַ גאָרטן ווערט:
ס׳האָט אַ פאָלק זיין היים שוין ווידער,
האָט צו ערד זיך אומגעקערט.

זינגט ער מיט דער פרייד פון אַ שטאָלצן ייד־און־מענטש, וואָס פילט מיט אַלע זיינע חושים דעם אייגענעם באָדן אונטער זיינע פיס און דעם אייגענעם הימל איבער זיין קאָפּ.

זיין האַרץ צעעפנט זיך מיט דער אמתער ליבשאַפט זיינער צום פאָלק און זיין נסימדיק באַנייט לאַנד.

אָ, ביי אונדז האָט דער יחיד אויפשטייגן געדאַרפט צו די העכסטע רקיעים,
כדי קומען צוריק און דערקענען, אַז גאָטס פאָלק זיינען אַלע נביאים
און וואָס טיפער מ׳לאָזט זיך אין נידער, און וואָס העכער און העכער מ׳פליט,
אַלץ מערער מ׳פילט זיך געלייטערט ביי דעם ליכט פון דעם פשוטן ייד.

דער פשוטער ייד, דאָס פאָלק אין אַלגעמיין — פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין זיין קאָנצעפּציע פון ייד־און־מענטש. אים שענקט ער אַוועק זיין האַרץ און נשמה, און ער ווידמעט אים די גאָב פון זיין טאַלאַנט.
דער דיכטער איז אַזוי באַהערשט פון דער פרייד פון זיין חלום וואָס ער האָט געחלומט, און אַגב אויך דערלעבט צו זען פאַרווירקלעכט — אַז אין זיין עקסטאַז רופט ער אויס:

האָב געוויינט ווי אַ קינד: צי איך חלום אַצינד?
אָ, אמת, קיין זאַך אויסגעטראַכט.
קומט, ברידער, צו גיין —
אָ, איך קען ניט אַליין
דערטראָגן דעם נס, אָט די פּראַכט!

אַזוי קען בלויז אַ דיכטער, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן פאַרוואָרצלט און פאַרליבט אין זיין פאָלק.
ביז גאָר רירנדיק זיינען זיינע לידער א. ג. לידער פון אומקום — אַ זעלטענער צושטייער צו אונדזער דיכטונג פון־און־וועגן חורבן. דער ס״ה פון אָט די לידער באַקומט זיך אין דעם אויפזינג, אַז —

די גאַנצע וועלט האָט געצונדן די שריפה,
זיך צוגעקוקט קאַלט צו דער סעודה, דער טריפער,
און געטרונקען ,לחיים׳ בציבור.

אין דעם סאַמע העכסטן גראַד פון זיין פאַרצווייפלונג, טוליעט ער זיך אָבער צו, צום „שטיקל לאַנד פון דעם ייד״ און ער זינגט:

איך דריק צו מיין לייב דיך, און זינג דיר אַ לויב
און נידעריק איך זעץ זיך אין דיין הייליקן שטויב
מיט די וויינען און געשרייען פון די איינציק געבליבענע,
שוין די לעצטע פאַרטריבענע.

אין אָט די „לעצטע פאַרטריבענע״ געפינט ער אַ טרייסט, וואָס מוטיקט אים ממשיך צו זיין זיין שירה און באַגייסטערונג צום פאָלק און דעם פריער דערמאָנטן פשוטן ייד אין אַלגעמיין.

אַ באַזונדערן, גרויס־קינסטלערישן ווערט, האָט די פּאָעמע א. נ. ירושלים, וואָס פיבערט ממש מיט דער דינאַמיק פון אַלע רמ״ח אברים פון דעם דיכטער.

איך וועל זיין ווי אַ פידל צום אומעט פון דיין פראַכט,
אַ פוס־בענקל צום טרויער פון דיין שכינה, אָן אַ היכל...

זינגט ער אין עקסטאַז. און ווייטער —

דיינע מויערן, ירושלים, כ׳וועל באַגנעדיקן מיט ציטער.
דיינע שטיינער כ׳וועל באַטויען מיט מיינע טרערן.
מיט יעדער שקיעה, וואָס אין מערב דיינעם צינדט זיך,
ברענגט מיין לעבן אַ קרבן פון אינגאַנצן דיך באַגערן.

און ווייל ער זינגט דערפון, אַז —

דורך שטורעמס און טרערן כ׳בין געקומען אַהער,
דיך אויסצולייזן פונעם טויטן־טאָל

איז ער זוכה צו זינגען:

לאָמיר טאַנצן, מיין ברודער, מיר זיינען זוכה, עס טאָגט —
אויף אַ הייליקן פעלדז מיט אַ האַמער מיר קלינגען;
טויזנטער יאָרן מיר זיינען געזעסן און געקלאָגט,
לאָמיר הייבן איצט די פיס, לאָמיר טאַנצן און זינגען!

צו וואָס ניט יעדער דיכטער וואָס לעבט אפילו אין ישראל, איז זוכה. זיין געזאַנג פון עמק, פיבערט מיט מעשה־בראשית, ווען —

עס בייטן זיך די טעג, כ׳גיי אַרום מיט מיין געמיט
צווישן ברידער וואָס בויען זייערע היימען אין רעגן.

און דער שכר זיינער איז:

אין זומפּ און אין טייכלעך איך זינג אַלץ מיין ליד,
און פּראַצעווע אָן אויפהער אויף אַלע מיינע וועגן.
מיט דער תבואה אין פעלד עס לעבן די מענטשן,
מיטן ים און מדבר, מיטן בוים און די שטערן,
און ווייסן נאָר איינס: צו אַרבעטן און בענטשן
דעם ווונדער פון דער וועלט, די נשמה, דעם קערן.

דער דיכטער איז דאָ ניט קיין זייטיקער באַאָבאַכטער. ער אַליין איז אַ טייל פון דעם ווונדערלעכן בראשית, וואָס איז גורם צו פאַרוואַנדלען דעם עמק אין אַ מוסטערהאַפטן, פרוכטבאַרן געגנט. זינגט ער טאַקע וועגן דעם אַזוי:

עס בייטן זיך טעג, כ׳גיי אַרום מיט מיין געמיט
צווישן ברידער וואָס בויען זייערע היימען אין רעגן.
אין זומפּ און אין טייכלעך איך זינג אַלץ מיין ליד,
און פּראַצעווע אָן אויפהער אויף אַלע מיינע וועגן.

צוליב דעם אפשר פאַר׳סך־הכלן זיך זיינע געזאַנגען צו זיין פּאַעטישער השערה, אַז —

פון צווישן די בלעטער רעדט אַרויס מיין לעבן...

אין די ווונדערלעכע געזאַנגען פון זיינע **לידער און פּאָעמעס**, אין דער איבערדיכטונג פון דעם דיכטער חיים באַרקאַן.

די בלוטיקע צוואה

(מגילת רוסלאַנד, פון יוסף רובינשטיין)

צוליב דעם וואָס די שליחות פון אַ דיכטער ליגט אין דער עכטקייט פון זיין איבערלעבונג אין דעם תוכן פון זיין וואָרט, איז אַבסאָלוט נויטיק, אַז זיין וואָרט זאָל אין זיך אָפּשפּיגלען דעם אויפהעל־און־דעם־אויפּקוועל פון די זעונגען זיינע, וואָס זאָלן אין זיך אויפהאַלטן דעם אמת פון שיינקייט אין דער שיינקייט פון דעם אמת.

אין זיין ליידנשאַפטלעכן באַגער דאָס אַלץ צו דערגרייכן, לאָזט זיך נישט דער דיכטער פירן פון זיין אינטויציע, וואָס דינט אים אַלצאייגס ווי אַ קאָמפּאַס צו באַלייכטן די לאַבירינטן פון זיינע אַנטפּלעקערישע חזיונות. נאָר, ער באַמיט זיך גאָר, אין קעגנטייל, איר צו באַהערשן און איר שטעלן אין דעם דינסט פון זיין באַוווסטזיין, אין פולן הסכם מיט זיינע אַנשויונגען און דערפאַרונגען, אין דעם ליכט פון זיין דערקענטעניש.

ווען אַ דיכטער אָפּערירט מיט אַקטועלע געשעענישן פון דער טראַגישסטער וואָר, ווי עס איז דער פאַל מיט יוסף רובינשטיין אין זיין בוך מגילת רוסלאַנד — שפּאַנט ער אין זיין אינטואיציע, ווי אַ צוגאָב צו אַלע זיינע קולטיווירטע פּאָעטישע מיטלען — אין דער דינסט פון זיין געוויסן, וואָס פיבערט ממש מיט דעם פייער פון דעם דאָרנבוש אין מדבר, וואָס פאַרטונקלט קיינמאָל נישט די עכטקייט פון זיין איבערלעבונג. צוליב דעם איז דאָ זייער אַנזעעוודיק די ...ווירקלעכקייט וואָס האָט דעם מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ פיזישן און גייסטיקן שקלאַף...

דער תוכן פון מגילת רוסלאַנד באַשטייט פון אַ גרעסערע צאָל נאַראַטיווע פּאָעמעס, אויף דער פאָן און הינטערגרונט פון די טראַגישע איבערלעבונגען פון אונדזער צייט, אין דעם געמיט פון אַ פּאָעט, אַ וואָגלער, וואָס איז אין זיך באַמיונג זיך צו ראַטעווען פון דעם היטלער־גיהנום,

אַריינגעפאַלן אין אַן ענלעכן גיהנום — דעם אַזוי־גערופענעם „סאָוועטישן גן עדן״.

שוין ביי דעם ערשטן אָנבליק פון די רויטע טאַנקען איבער קאָוועל, דערפילט זיך אונדזער דיכטער, ווי ...אַ ייד אַן אַבל... ביי ...דעם ערשטן רויטן מאַרש, דעם ערשטן סטאַלין־לויב... ער ווערט דאָ צעריסן פון ווייטיק און ער טאָר דערביי גאָרנישט זאָגן —

אַפילו וואָס אין פוילן טוט אָפּ היטלער — (ווייל — י. ב.) ס׳איז דער פאַקט.

דאָ קומט באַלד פאַר אַ באַגעגעניש מיט אַ בריגאַדע שרייבער אַזש פון קיעוו, מיט דעם דיכטער איציק פעפער בראש, וואָס דערציילט דעם עולם ...וואָס פאַר אַ גליק ס׳האָט אונדז געטראָפן, וואָס עס האָט פאַרנומען די ראַטן־מאַכט איצט לויט דעם פאַקט, די ווייסרוסישע ערד...

אויב מיר זאָלן אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז „קלאָרקייט און פּלאַנמעסיקייט כאַראַקטעריזירן דעם גרויסן מייסטער״, לויט וואָלט וויטמאַן — איז עס מער ווי אָנגעמאָסטן אויף דעם דיכטער יוסף רובינשטיין, אין דעם אויסלייג פון זיין רירנדיק בוך: מגילת רוסלאַנד, אין וועלכן, פּלאַנמעסיקייט און קלאָרקייט פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

מיט דעם כוח פון אַ זעקסטן חוש, דעקט ער אויף די דינסטע און די טראַגישסטע מאָמענטן אין דעם לעבן און שאַפן פון אונדזערע סאָוועטיש־יידישע הרוגי מלכות, ווי אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ רופט זיי אָן.

יוסף רובינשטיין ווייסט צו דערציילן, אַז אַפילו די מער טאַלאַנטירטע סאָוועטיש יידישע שרייבער, ווי פּרץ מאַרקיש, למשל — האָבן אויך געבראַכט מיט זיך די זעלבע סטאַלין־לידער. דער דיכטער ראַסין —

וויי שיין, ווי קלוג ס׳איז סטאַלינס וואָרט...

און אַ דריטער —

ס׳איז סטאַלין קלוג, ס׳איז סטאַלין גרויס...

די טראַגישקייט דערפון באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס —

נאָר הינטער וועגט מיט זיך אַליין, מיט אויגן נאַריש־קלוגע

דאָרט זיצט דער דיכטער אין דער נאַכט אַליין און לאַכט
פון זיך און וויינט.

אויף דעם גורל זיינעם און אויך — אויף אונדזערן.

רובינשטיין רעזומירט זיינע איינדרוקן אַזוי:

כ׳האָב צוגעקוקט זיך, צוגעהערט און דאַן דערזען ערשט קלאָר
דעם גאַנצן אומגליק דאָרטן, וואָס די גרעסטע פיינט אַפילו
דאָס האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט — אַ שוואַרצע, בייזע וואָר.

און אָט די שוואַרצע, בייזע וואָר, גיט זיך אונדז **איבער מיט אַלע אירע גרוילן דורך די נאַראַטיווע פּאָעמעס רובינשטיינס, וואָס האַלטן אונדז געשפּאַנט מיט דער עכטקייט פון זיינע איבערלעבונגען, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער פּאָעמע פון זיין בוך.**

ווי אַ קאָנקרעטער ביישפּיל קען דאָ דינען די פּאָעמע א י ן ב ע ר ג ע ל ־ ס אָ נ ס ש ט ו ב, מוסטערהאַפט־און־מייסטערהאַפט אַדורכגעפירט — אין וועלכער די טראַגישע פּערזענלעכקייט פון דוד בערגעלסאָן, אין זיין סאָוועטישן גילגול — קומט צום אויסדרוק, אין אַ סביבה פון תמימותדיקער האָפענונג, פינאַלער מורא און שרעק. אָט רופט בערגעלסאָן אויס:

ס׳וועט אונדזער לאַנד אַלץ מער און מער צעבליען זיך,
צעוואַקסן...
ס׳איז סטאַלין גרוי־ס!...

און פּלוצים באַמערקט רובינשטיין דעם אומבייט אויף בערגעלסאָנס פּנים, און ער באַטאָנט:

דאָס איז נאָך אַלץ די אַלטע שרעק, וואָס וואַכט אין זיין געמיט,
ווען וואַרטן פלעגט ער אין דער נאַכט, צי וועט מען היינט
נישט קומען,
און קוקן, קוקן צו דער טיר, צי הערט מען נישט קיין טריט...

און בשעת רובינשטיין דערציילט בערגעלסאָנען וועגן אונדזער חורבן

אין פּוילן, איז כאָטש בערגעלסאָן פאַרשטייט און נעמט עס אויף מיט אַלע פּיבערן פון זיין נשמה; און כאָטש ער ווייסט אויך, אַז —

די ראַטן־מאַכט איז איצט שותף אויך צום רויב און בלוט — — —

און אַז —

פאַר מיר האָט ער קיין מורא נישט, נאָר גלייכער איז און בעסער
דעם צונג צומאַל נישט צוגעווינען ריידן אָפן, פריי.
איז לערנט מען זיך האַלטן ס׳מויל פאַרמאַכט אויף טויזנט שלעסער —
סאיז גלייכער, אָט די שטומעניש צו אָפּהיטן געטריי.

„אָט די שטומעניש" פון אונדזערע מאַרטירער־שרייבער, די סאָוועטיש־יידישע הרוגי מלכות — פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דעם לשון און סטיל פון די ווייטיקדיקע, נאַראַטיווע פּאָעמעס אין יוסף רובינשטיינס מגילת רוסלאַנד.

דער גאַנצער פּיין און ווייטיק פון אונדזער דיכטערס איבערלעבונגען, אין זיין וואָגל איבער די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דעם רחבותדיקן סאָוועטן־לאַנד, אַריינגערעכנט שוין אַ טייל פון די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס, שפּיגלען אָפּ אין די פּאָעמעס זיינע, אין וועלכע ער איז מקיים דעם פאַרזאָג פון זיינע מיטליידנדיקע ברידער:

פאַרגעס אונדז נישט — געדענק! אויב דו וועסט פאָרט דעם וועג געפינען,
זאָל בלייבן אונדזער פּיין אין דיין געדעכעניש פאַרקריצט.

און לויט די רייד פון נסתר:

איר פאָרט אַהין — טאַ, שרייט, טאַ שרייט! זאָל אייער שטימע מאָנען!
און זאָל די וועלט דערוויסן זיך ווי אונדזער בראַך איז גרויס!...

וואָס ער האָט אָן יעדן ספק דורכגעפירט אויף אַן עטיש־עסטעטישן און געוויסנהאַפטן אופן, וואָס וועט פאַרבלייבן ווי די בלוטיקע צוואה פון אונדזערע אומגעקומענע סאָוועטישע הרוגי מלכות.

ב

ביים לייענען און איינלעבן זיך אין דעם בוך מגילת רוסלאַנד פון יוסף רובינשטיין, טאָר מען נישט פאַרבייגיין זיין ליריק.

דער לירישער דיכטער, זאָל געדענקט ווערן! — איז ענלעך אין דער סענסיוויטעט פון זיינע נשמה־איבערלעבונגען, צו דעם פילבאַרן און איידעלן מעכאַניזם פון אַ סייסמאָגראַף, וואָס נעמט־אויף און רעגיסטרירט יעדן אויפריר און יעדן ציטער פון דער ערד, ווען־און־ווו ער זאָל נישט פאַר־קומען. צוליב אָט דער אייגנשאַפט זיינער, איז דער ליריקער אַלעמאָל וואַך צו זיינע איבערלעבונגען און, ווי פריער שוין געזאָגט — רעגיסטרירט דער לירישער דיכטער און ער היט אָפּ אין זיין דיכטונג, זיין צער און פרייד, אומעט, יאוש, פאַרצווייפלונג, טרייסט, האָפענונג, גלויבן און בטחון, מיט דעם כוח פון אַ זעקסטן חוש.

און יוסף רובינשטיין איז אַ ליריקער, וואָס איז געבענטשט מיט טאַ־לאַנט, זיין ליריק צו פאַרוועבן אין דעם אויפזינג פון פּשטות אין קלאָרקייט, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דעם פולן פאַטאָס און דער עכטקייט פון זיינע איבערלעבונגען.

אין זיין נע ונד זיין הינטערוועגנס, נאַקעט און באָרוועס, נישט זעלטן אויך פאַרהונגערט, קראַנק, מיד און נישט־דערשלאָפן, איז ער פונדעסטוועגן נישט גלייכגילטיק צו דער גרויזאַמקייט און ווילדער שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע לירישע לידער און פּאָעמעס, צומאָל אַפילו אויף דער פאָן און הינטערגרונט פון אַ תנ״כישער שיינקייט, ווי, למשל, אין זיין פּאָעמע אַלמאַ אַטאַ — דער פאָטער פון די עפּל — אין וועלכער ער דערהויבט זיך צו דער איבערלעבונג פון זיין וויטסטן, פּרי־מיטיוון אַמאָל, און ער פילט... אויף זיך דעם אָטעם איצט פון גאָט...

ווי, למשל, פרעג איך — קען מען נישט זיין גערירט פון אַזאַ בילד אין

פערזן, וואָס ער מאָלט אין די בולטסטע קאָלירן פון אַ וואַכזאַמען באַוווסט־זיין אין זיין פּאָעמע מיין נייע היים, אין געציילטע פיר סטאַנזעס? איך ציטיר דאָ בלויז די ערשטע צוויי:

פון הויכער קראָפּיווע, פון ווילד־גראָז געלבלעך קלעטערט
אַ שטיבעלע צונויפגעקלעפּט פון שטרוי און ליים.
דער דיל — אַן ערדענער. איך שלאָף אויף פּראָסטע ברעטער.
מיט מיר וואוינט אויך אַ קאַלב — דאָס איז מיין נייע היים.

עס טרעפט אין שלאָף דערפיל איך אויף מיין פּנים
אַ שאָרסטקן, פייכטן גלעט, וואָס וועקט מיך אומגעריכט.
איך כאַפּ זיך אויף און זע — אין שיין פון דער לבנה
דאָס קעלבל מעלה גרהט, לעקט מיר מיין געזיכט.

דער פּאַטאָס און די בילדלעכקייט פון אָט דער קליינער פּאָעמע אַליין אין אַ סביבה פון קדמונים, איז גוט געענוג דיך צו פאַרכאַפּן מיט דער רירנ־דיקער גרויסקייט פון אָט דער איבערלעבונג, וואָס טיילט אויס דעם דיכטער יוסף רובינשטיין, ווי אַן אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט אין אונדזער באמת רייכער דיכטונג אויף יידיש לשון.

און אַזעלכע לידער זענען ביי אים פאַראַן אַ סך.

אינטערעסאַנט איז, אַז אונטער די גרויליקסטע אומשטענדן פון זיין נע ונד זיין, טליעט נאָך ביי אים „דער גלי פון ווערטער". און כאָטש ער באַקלאָגט זיך, אַז —

ס'איז גאָרנישט דאָ: קיין כח נישט, קיין העמד נישט,
קיין קאַמאַשן —

פיבערט אין אים פאָרט „אַ פונק פון בטחון", וואָס פילט אים אָן „מיט זינגעוודיקער פרייד".

זיינע לידער פון בטחון זענען אַדורכגעזעלט מיט דער העלזע־ערישקייט פון נבואה צוליב דעם, ווייל אים —

...איז באַשערט געווען צו לעבן אין אַ דור,
צו זיין דער זון פון זינדיקסטן, דאָך היילינקסטן יאָרהונדערט.
איך האָב זיך אַליין געלערנט צו פאַרשטיין די גרויע וואָר
און האָב דערפילט דעם שטילן גאַנג פון קומענדיקע וואונדער.
ווייל ווער עס האָט געגעכטיקט אויף אַ שטיין אַמאָל,
אויף דר'ערד
און האָט די נעכט זיינע געטיילט מיט שריפה־שיין און שטערן,
וועט אויסלעשן אין אויג ביי זיך די אָנגעגליטע טרער
און וועט דורך בלינדער, טויבער נאַכט דעם טראָט פון
טאָג דערהערן.

די זכיה צו דערפילן „דעם שטילן גאַנג פון קומענדיקע ווונדער" און אויך „דעם טראָט פון טאָג דערהערן", געהערט, לויט מיין מיינונג — בלויז צו יחידי סגולה — די סאַמע אויסדערוויילטסטע דיכטער אונדזערע, פון וועלכע דער ליידנדיקער דיכטער יוסף רובינשטיין איז אָן יעדן ספק, איינער פון זיי.

אין שיין פון קדושים

בלומען פון באַדויער, פון משה שולשטיין

ס'איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס ביים פאַרענדיקן לייענען דעם ווייטיקדיקן בוך די סאָוויעטישע הרוגי מלכות פון דעם ליטע־ראַטור־פאָרשער און קריטיקער אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, איז מיר אָנגעקומען און איך האָב באַלד גענומען לייענען דעם לידער־בוך בלומען פון באַדויער, פון דעם טאַלאַנטירטן פּאָעט משה שולשטיין.

שוין ביי דעם ערשטן באַריר מיט די לידער זיינע א. נ. אין שיין פון קדושים ביסטו אונטער דעם איינדרוק, אַז אָט די לידער און פּאָעמעס זענען דער פּאָעטישער המשך פון דעם מערקווירדיקן און פיינפולן בוך פון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, אָדער — פאַרקערט.

דאָ, ווי דאָרטן, טויכן פאַר דיר אויף די נשמות פון אונדזערע סאָוועטיש פאַרפייניקטע הרוגי מלכות, אין דער מראה פון דער שוידערלעכסטער ברוטאַליטעט פון אַן אָרגאַניזירטער מאַכט, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס בשעת די פּראָזע־אַרבעט פון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ באַגרענעצט זיך צו פאַקטן וואָס זענען אַלצאיינס מיטרייסנדיק מיט דעם כוח און דעם געמעל פון דער טראַגיק און עמאָציאָנעלער איבערלעבונג פון דעם מחבר, דאָמענירט דאָ די וויזיע פון דעם פּאָעט משה שולשטיין, אין דעם צימצום פון זיינע פּאָעטישע מיטלען: ריטמישער לשון, בילדלעכקייט און מעטאַפאָריק פון אַ פּאָעט מיט פאַרנעם, וואָס איז אָגב טאַקע געווידמעט און ...גע־הייליקט דעם אָנדענק פון די יידישע שרייבער און קינסטלער אין דעם ראַטנפאַרבאַנד... וועגן וועלכע ער זינגט אין זיין פּאָעטישן אַריינפיר:

האָב איך געקליבן בלומען פון באַדויער
פון ווערטער — אות צו אות און טראָף צו טראָף,

צו זייער נישט־פאַרגייענדיקן דויער.
כבין זייער נישט־פאַרמעקטער עפּיטאַף.
פון מיין פאַרשעמט־געהייליקט יידיש כתב
האָב איך געקליבן בלומען פון באַדויער.

פון דער פאַרוואַנדלונג זיינער אין אַ נישט־פאַרמעקטן עפּיטאַף, באַ־קומען זיך אַזוי אַרום בלומען פון באַדויער, קלאָר און פאַר־שטענדלעך, אין דעם אויפזינג פון גאָר פּאַטעטישע לידער, וואָס זענען אין דיר גורם די טראַגישסטע איבערלעבונג פון אונדזער צייט און דור, און רעגן דיך אָן: צו געדענקען און נישט פאַרגעסן די מעשים תעתועים פון אַ פּסעוודאָ־קאָמוניסטישער געזעלשאַפט מיט דורכויס פאַלשע פּרעטענזיעס.

אין דעם זין האָבןביידע, פּאָמעראַנץ — אין זיין פּראָזע, און שולשטיין — אין זיין דיכטונג דערגרייכט, וואָס זיי האָבן געוואָלט: לדור דורות פאַר־אייביקט אונדזערע סאָוועטישע הרוגי מלכות אין דעם האַרץ, געוויסן און געדעכעניש פון אונדזערע געשיכטלעכע און קינסטלערישע ווערטן: אונ־דזער ליטעראַטור.

שוין די נעמען אַליין פון שולשטיינס לידער, א. ג. אין שיין פון קדושים, ברענען זיך אַריין אין דיין געמיט און זיכרון, מיט דער טראַגיק פון זייער תוכן.

אָט זענען עטלעכע פון זיי: באַלאַדע וועגן טויט פון פּרץ מאַרקיש; אין אויסגעהאַקטן וואַלד; די געקוילטע מוזע; דאָס לעצטע ליד פון פּרץ מאַרקיש; די פידל פון דוד בערגעלסאָן; ביינאַכט אויפן בוידעם פון יידישן מלוכה־טעאַטער און ענלעכע טעמעס, וואָס טרייסלען דיך פאַנאַנדער מיט דעם חושך פון זייער אויסלייג פאַר אונדזערע היינטצייטיקע הרוגי מלכות

די טענדענץ פון דער טעמאַטיק פון אָט דעם ציקל לידער איז, אָפּ־צושפּיגלען די טראַגיק פון אונדזערע סאָוועטישע הרוגי מלכות אין היינט־צייטיקע קינות, אין דעם לשון פון אונדזערע קרבנות, מיט וועלכן זיי גופא האָבן זיך שעפעריש אויסגעלעבט אין דער עכטקייט פון זייערע איבער־לעבונגען, אין דעם שאָטן פון אַנוסים — אין שייכות מיט זייערע אילוזיעס

לגבי דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס זיי האָבן אין זייער תמימות באַדינט, אידעאַליזירט און פאַר איר זיך אויך מקריב געווען.

אין זייער צער אויף דעם גורל פון פרץ מאַרקיש, דערזינגט זיך אונדזער פּאָעט צו דער זעונג פון דעם שאָטן פון דיקטער, איבער וועלכן —

— די קויל האָט קיין שליטה נישט געהאַט —
ער באַווייזט מיר דעם שטיין, ווי זיין ליד איז פאַרשריבן,
פאַרקריצט מיט זיין בלוט ווי אויף אוראַלטן פלאַט.

עס קומען דאָ בילדער אויף בילדער, וואָס שטייגן איינע די אַנדערע אַריבער מיט דעם שווידער פון וווּלגאַרסטן ציניזם, געוואַלט, פאַרשטומונג און געזעצלעכן מאָרד. פרץ מאַרקיש, למשל, רעדט צו זיינע פייניקער טייל־ווייז אַזוי:

...איידער איר וועט מיין חלום דערמאָרדן,
דערפילט כאָטש מיין וואונטש און מיין לעצטן פאַרלאַנג:
לאָזט צום האַרצן מיר צושפּיליען מיין לענין־אָרדן —
דעם שכר און דעם לויב פאַר מיין טרוים און געזאַנג!

מיט וועלכן ער האָט קאַנטיק זיך אַמאָל שטאַרק איבערגענומען, אַפילו שטאָלצירט. און אַז זיין פאַרלאַנג ווערט דערפילט, רופט ער אויס: איצטער שיס, חבר תליון! און —

פון ערד ביז צום הימל אַ רויך איז פאַרשוואונדן,
אַנטפּלעקט ווי אַ טוך האָט זיין שמייכל פון דאַנק.
אויפן האַרץ פונעם דיכטער זיין בלוט פון די וואונדן —
דער שכר און דער לויב פון זיין טרוים און געזאַנג.

אַזוי אַנטפּלעקט פאַר אונדז משה שולשטיין דעם גרויל פון דעם „אַקט פון גערעכטיקייט" פון דעם סאָוועטישן רעזשים.

די געקוילעטע מוזע, דער געוויסן פון אונדזער פּאָעט — לאָזט אים נישט צורו. זי פאַרפאָלגט אים אויף יעדן שריט און טריט:

— דו פּאָעט, ס'איז דיין פּען אויך מיין חלף געווען.

און —

— ווערסט פּאָעט, נישט אין ערגעץ אַנטרינען פון מיר.

דער פּאָעט, אין געגנטייל — וויל גאָרנישט אַנטרינען! מיט ווייטיק אין זיין האַרצן טראָגט ער דעם שאַנד־צייכן פון אונדזער גרויליקסטער צייט. צוליב דעם טאַקע רופט ער אונדז ...זיצן ביים טיש און שווייגן ווי אָבלים... אויף דעם גורל פון אונדזערע סאָוועטישע הרוגי מלכות.

זיין דיכטערישער אומרו דערלויבט אים אָבער קיין מאָל נישט אונ־טערצוציען אַ סך־הכל פון זיינע אינטים־דיכטעריש־יידישע איבערלעבונגען אין שייכות מיט אונדזערע הייגצייטיקע הרוגי־מלכות. צוליב דעם ווערט ער קיין מאָל נישט מיד אונדז אונטערצוטראָגן זיינע שטימונגען און מחשבות, אין דער פאָרעם פון גוט פאַרטראַכטע און גוט אויסגעפּירטע לידער.

און יעדער פּערז וואָס ער צויבערט פון זיך און פאַר אונדז אויס, איז ביי אים אַדורכגעזעלט מיט דעם גליענדיקן פּאַטאָס פון זיין איבערלע־בונג, וואָס צווינגט דיך ממש זיך צו פאַרשותּפן צו זיין צער.

דער געפיל פון ספקות, וואָס דינט אַלעמאָל ווי אַ שעפערישער כוח אין די קינסטלערישע עבודות פון אַ פּאָעט — מיידט אויך נישט אויס דעם זינגער פון די לידער און פּאָעמעס **אין שיין פון דורות**:

> אפשר גאָר באַדאַרף מען נישט קיין שבחים און קיין רייד,
> ווען די קעפּ ווי אַש־באַשיטע זענען פינצטער־כמאַריק.
> ווי די זיידעס פלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט,
> לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק.

איז דערינער דער לאַגישסטער אויסוועג פון זיין צער.

צו דעם שבח פון משה שולשטיין מעג דאָ געזאָגט ווערן, אַז גערעכט איז ער. ביים זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, כאַריק און פון אַלע אַנדערע אומ־געקומענע הרוגי מלכות אונדזערע, וועלן מיר אין זיך במילא פאַר׳נר־תמיד׳ן און הייליקן זייער אָנדענק, אין דעם ליכט פון זייערע שעפערישע מעשים טובים.

רירנדיק, אַפילו סימבאָליש — איז זיין פּאָעמע **די פידל פון**

דוד בערגעלסאָן, וואָס איז אפשר ...ס׳אייכציקע פאַרמעג, נישט אויסגעפליקט מיט רוגזה ביז צום שורש...

אַזוי אויך די פּאָעמע אַ נאַכט מיט דעם נסתר, אין וועלכער דער נסתר דעקלאַרירט:

— אַך, ענדלעך האָט איר זיך צו מיר אויך דערקליבן,
איך וואַרט דאָך אייך אָפּ יעדע שעה, יעדע רגע,
כ׳וויל זיין וואו די פריינט מיינע זיינען פאַרבליבן.

וואָס איז נישט נאָר אידענטיש מיט דער פּראָזע־שילדערונג פון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, נאָר איז דער עיקרשט ביז גאָר רירנדיק אין דעם אופן פון דער פּאָעטישער אויפפאַסונג, אין וועלכער —

די מאַשבאַר־משפחה, למדנים און יחוס,
באַגלייט איר באַשעפער אַרויס פון זיין דירה.

און —

געשטוינט האָט אַ שטערן, און הויך פונעם קרעמל
געשטאַלט צו דער וועלט האָט דאָס ליכט פון דערלייזונג.

צו דעם וויטיק און דער שאַנדע פון אונדזער דיכטער־מקונן און די לייענער זיינע.

נישט אומזיסט זינגט ער אין זיין ביי דער הייליקער קופּע וועגן זיך:

איך שטיי ווי אַ ליכט אַ פאַרשטעקטער אין זאַמד,
אין רויטקייט פון אייגענער חרפה צעפלאַמט.

די חרפה פון אונדזער יאָרהונדערט מיט אַלע זיינע קולטור־און־ציווי־ליזאַציע דערגרייכונגען.

און אין אַן אַנדער ליד פאַר־סך־הכלט ער די אַגאָניע זיינע אַזוי:

צעטראָטן איז דער גרוב, די שפּור — פאַרפאַלן,
ווי לעקערטס קבר דורך פאָן וואַלן. —

צו יענעם פעלד, צו יענע גראָזן,
ווער וועט מיט אונדז אַמאָל זיך לאָזן?

אין דעם אויפקלאַג פון אָט די און ענלעכע קינות זיינע, ליגט זיין דערגרייכונג ווי איינער פון אונדזערע טאַלאַנטירטסטע זינגער פון חורבן אונדזערן.

נאָך אַלע גילגולים פון פּיין, ווייטיק, צאַרן און בושה, דערשלאָגט זיך אונדזער דיכטער צום אוהל פּרץ, דער נר תמיד און לייכט־טורעם פון אונדזער רענעסאַנס אין אַלגעמיין, דאָס פּוילישע יידנטום — בפרט, און ער תפילהט טיילווייז אַזוי:

איך בעט דיך, זאָלסט זיך טיילן איצטער, טעמפּל מיינער און געצעלט,
מיט שבת־יום־טובדיקע יידן, קברלאָזע, אָן אַ שפּור פאַרלאָרן.
זיי אויך פאַר כאַריקן, פאַר קולבאַקן און האַפּשטיינען די לעצטע וואוינונג,
פאַר אַלע ריטער און קדושים פון מיין אומה און מיין שפּראַך,
גיב רו דאָרט מאַרקישן און בערגעלסאָנען אונטער דיין געוועלבטן דאַך,
און ס׳גאָלד פון דיינע אותיות טראָגן זיי אויף די קעפּ, ווי קרוינען.

אָט דער לירישער אויפזינג צו אונדזער באמת גרויסער און אומפאַרגעסלעכער פּרץ־געשטאַלט, דריקט אָן יעדן ספק אויס אונדזער אַלעמענס צוגעבונדנקייט צו דעם פאָטער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און איז זייער כאַראַקטעריסטיש מיט זיין געבעט־געוויין, אין וועלכן ער זוכט אַ תיקון פאַר די וואָס זענען נישט זוכה געווען צו האָבן אַ ברעטל, אַ שטיין, — אונדזערע קברימלאָזע הרוגי מלכות.

אַ באַזונדערן תיקון קריגט ביי שולשטיינען, פּרץ מאַרקיש, וועמענס גרויס מלחמה־ווערק שטייט ...בשכנות מיטן ספר תנ״ך...

שוואַרץ דער איינבאַנד און פון טיטל רויט איז יעדעס אות,
ווי די האַרץ־וואונד פונעם דיכטער נאָך דעם ביקסן־שאָס.

וואָס ווערט פון אים פאַרהמשך׳ט אין זיין פּאָעמע **דאָס לעצטע ליד פון פּרץ מאַרקיש**, וואָס ביטערט ממש מיט דעם אויפזינג פון זיין גורל, וואָס ער, מאַרקיש, ...האָט אין זיינע נעכט פאַרגעאַנט...

פון אַ גאָר באַזונדערן גרויס־קינסטלערישן ווערט און כאַראַקטער זענען די לעצטע דריי פּאָעמעס פון דעם ציקל **לידער אין שיין פון קדושים**.

די פּאָעמע **די פאַרלוירענע שטים** דערמאָנט מיט איר נשמה־ציטער, אין דער הייליקייט פון אַ יום־כיפור שטימונג ביי נעילה, מיט איר היינטצייטיקן הינטערגרונט פון דעם יאָר 1943, הינטער פאַרהוילענע פענצ־טער אין פּאַריז, ביי דעם אויפבליץ פון אַ קוים הערבאַרער און געצוימטער ראַדיאָ, פון וועלכער עס כישופט זיך אַרויס דער אָנזאָג:

ביים מיקראָ איז דער דיכטער פּרץ מאַרקיש.
ביים מיקראָ — און ביי מיר אין באַהעלטעניש צו גאַסט.

אָט די איבערלעבונג גיט זיך דיר איבער מיט דער פולסטער טראַגיק פון אומקום, ווען דער דיכטער פרעגט:

און זי, די שטים, איר נאָכקלאַנג כאַטש וואו איז איצט, וואו

און דער ענטפער איז:

אַ קברים־שטילקייט בלויז איז מיר נאָך איר געבליבן,
אַ שטילקייט און אַ רו, וואָס גיט מיר נישט קיין רו...

דער זין, חכמה און שיינקייט פון דיכטונג וואָס איז עכט, ליגט אין איר כוח אויפצוורודערן דעם געמיט פון איר לייענער און געניסער, צו דעם עקסטאַז און דער מדרגה פון דער פולסטער התפשטות הגשמיות, וואָס מאַכט דיך צו פאַרגעסן זיך אין דיין אייגענעם געביין און ווערן אַ טייל פון דעם יצירה־אַקט פון דעם באַטרעפנדיקן פּאָעט, מיט וועמנס דיכטונג דו ביסט זיך מתיחד.

ביים לייענען משה שולשטיינס לידער א. ג. **אין שיין פון קדושים**, האָב איך מיט אים מיטגעפיבערט, טאָטאַל איבערגעלעבט דעם צער זיינעם, איבער דעם וויסטן גורל פון אונדזערע סאָוועטישע הרוגי מלכות.

די לעצטע צוויי פּאָעמעס: **דער פאַרהאַנג איז געפאַלן** און **ביינאַכט אויפן בוידעם פון יידישן מלוכה־טעאַטער**, זענען געווידמעט דעם טראַגיש אומגעקומענעם שלמה מיכאָעלס.

אין בולטע קאָלירן, אויף דער פאָן פון קאָנקרעט־שאַרפע בילדער אין קלאָרקייט, זעסטו ממש און די פילסט, ווי —

ס׳האָבן זיך צעהוליעט און פאַרמאָסטן זאַוויערוכעס
אומצולייגן ערגעץ אינעם וואַלד דעם שטאַרקסטן דעמב.

דער גאַנצער טעאַטער־רעקוויזיט טויכט אויף פאַר דיינע אויגן אין דער מוראדיקסטער פאַרשוועכונג פון אַ כוליגאַנישן גזר. אין זיין דערשלאָגנקייט רעדט דער דיכטער צו דעם פאַרהאַנג אַזוי:

פאַרהאַנג, מיין פאַרשוועכטע פרוכת, רייס זיך אָפּ אין צאָרן,
פלי אַוועק! די פאָלעס דיינע — פליגלען אויפן ווינט.
ערגעץ ביי די מינסקער חורבות ליגט אין שניי אַ הרוג, —
ווער, ווי דו, איז ראוי צו פאַרדעקן אים אַצינד?
— — — — — — — — — — — — — — —
אונדזער לייב־און־לעבן אין די רעדער ליגט צעריבן,
און מעפיסטאָ אין די חורבות פאַר געלעכטער קייכט.

די אייגנאַרטיקייט פון אַט דער פּאָעמע וואָרצלט אין דער דינאַמיק פון שולשטיינס לשון און ריטעם, וואָס האַלט דיך געשפּאַנט מיט דער זעלטענער קלאָרקייט פון זיין אָנקלאַג, צאָרן און פאַרגעטערונג פון דעם קדוש שלמה מיכאָעלס, וואָס —

אין העלן טאָג — ווי אויף קאַטאַפאַלק — דער הרוג ליגט.

ביינאַכט אויפן בוידעם פון יידישן מלוכה־טעאַ־

טער דינט דאָ ווי אַ המשך צו דער פּאָעמע—דער פאַרהאַנג איז געפאַלן.

דאָ, ווי אין יענער פּאָעמע דאָמינירט דער כוח פון דינאַמיק, וואָס באַלעבט דעם טויטן טעאַטער־רעקוויזיט מיט דעם צויבער פון לעבן.

מיר זיינען נאָך נישט טויט:

וויל —

...ווי פּאַרציייטנס אויפן בוידעם פון דער פּראָגער שול
אַ רוח החיים ווערט אַריינגעבלאָזן
אין חומר פון די אַלטע, אָפּגעשאָסענע געוואַנדער.

און די וויזיע פון ווידער לעבן, ווערט אַרויסגערופן מיט אַ קרעכץ:

אוי, וועט זיין דאָס אַ ספּעקטאַקל,
ווי ביים פולסטן זאַל און ביי דער גרעסטער קאַסע.
אַ ספּעקטאַקל, אַ ספּעקטאַקל —
פון אונדזער שטויביקן סך הכל.

אינטערעסאַנט איז דאָ צו באַמערקן דעם געבוי פון דער פּאָעמע, וואָס אַרבעט זיך אַריין אין דעם סטיל פון טעאַטער און טעאַטער־לשון, און לאָזט פונדעסטוועגן פון אויג נישט אַרויס ...אונדזער שטויביקן סך הכל...

די קליידער־שפּילער האַלטן דאָ אָן אַ קלוגן באַלאַנס. זיי דעקלאַרירן:

...מען דאַרף נישט דעם דעאַר.
אינעם קויט צעוואַלגערט ליגן זאַל דער ליגן,
בעסער זאָל מען זען די וואָר,
די וואָר.

דער גאַנצער גראָטעסקן־שפּיל פון ...אויסגעקרומטע צורות, מיט הוועיות פון לוויות... וואָס איז דאָ די טרויעריקסטע וואָר, ווערט דאָ אויסגעשפּילט אויף דער פּאָן און היטערגרונט פון דער אַזוי גערופענער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, דער דירעקטער גורם פון אונדזערע הרוגי מלכות, אין

קרעפטיקע פערזן פון אַ דינאַמישן כאַראַקטער. אַלע אָן אויסנאַם, רייסן זיך צו ליכט:

נעם אונדז, ליכט, אוי, נעם צו זיך אַריין אינגאַנצן!

דער חלום פון וועלן ווערן געהערט, געזען, לייגט אין ליד זיך אויס אַזוי:

שפּילן, שפּילן!
איינמאָל כאָטש נאָך אונדזער ווערט דערפילן,
אונדזער אייגן ווערט.
שפּילן, כאָטש אַפילו אויפן ברעט פון בוידעם,
שפּילן, נאָך אַפילו אויפן ברעט פון אָרון!...
שפּילן, שפּילן! —
אַ שפּיל פאַר אונדזערע פאַרשפּילטע יאָרן.

דער גראָטעסקן־שפּיל גייט אָן. עס ווערט פינצטער און —

פלוצים שטילט און שטעלט זיך איין דער רעש.
אויגן־לעכער ווערן ברייטער און נתפּעל.
אַנשטאָט שיין — אַ שאָטן דרינגט אַדורך די בוידעם־שפּאַרע.
ווער איז דאָס — מיכאָעלס!... אונדזער רביניו... מיכאָעלס!...
פון דער קאָלומבאַריע קומט ער, פון זיין קעסטל אַש.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ פאַרבלוטיקט אויטאָ־ראָד אַרום זיין קאָפּ — זיין אָרעאָל,
טראָגט ער אויפן נאַקן, ווי זיין גורלדיקן עול,
שטאָט דער קרוין, און קרוין־ראָל, פונעם קעניג ליר אַמאָל
און ווי ישו אויפן קאַרק זיין קרייץ אויף דער גאָלגאָטע.

מיכאָעלס קוקט אָן דעם אַנסאַמבל שפּילער מיט חידוש:

אַך, וואָס טוט איר, חברה, וואָס? צו הויך, צו הויך דער טאָן.
איר פאַרגעסט אָוודאי, אַז איר שפּילט אויף יידיש...
שטילער... שטילער... ס'האָט דער בוידעם אויערן...
ש... ש... ס'האָט דער בוידעם אויערן...

דער אמתער פּרצוף־פּנים פון דער היינטצייטיקער סאָוועטישער ווירק־לעכקייט!

דאָ קומט אויך אַריין זוסקין און אַנדערע ליבע אורחים. אַלע אָן אויס־נאָם פרעגן:

...פאַרוואָס איז קיין שום זכות פאַר אונדז נישט בייגעשטאַנען?

דער ווייטיק און צער איז גרעסער פון גרויס, און —

די טרער אָן גליצערין וואַשט אָפּ פון זיי די פאַרבן,
און ס׳צייכנט זיך, אָן גרים, פון מאָנונג דער גרימאַס:
פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט אונדז אין שטויביקייט צו שטאַרבן?
אוי, ווו איז ער, דער יום־טוב אויך אויף אונדזער גאַס? —

און —

די שפּיל איז צו ענדע!

די טרער אָן גליצערין — אייגנטלעך, דער בלוטיקער אויפגעוויין פון בלוט און טרערן, דער טרויעריקסטער און פאַקטישער סך הכל פון אונ־דזערע סאָוועטישע הרוגי מלכות, אין די צערפּולע לידער אין שיין פון קדושים, פון דעם פּאָעט משה שולשטיין.

קוואַל פון יצירה

שלמה שנהוד: מיט חלום איבער תהום

ווען אַ פּאָעט שפּאַנט איין זיינע עמאָציעס אין אַ טעמאַטיק פון אייביקע ווערטן אין דעם לבוש פון היינטצייטיקייט, איז זיין דיכטונג אָן יעדן ספק אַ מאָדערנע אין דעם זין, וואָס זי איז אין זיך כולל, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין סטיל, לשון און פאָרעם, דעם רעזאָנאַנס פון דעם אַמאָל אין דער זעונג פון דעם מאָרגן, דורך דעם פילטער פון דעם היינט, וואָס דאָמע־נירט אונדזער לעבן פון גאָרער וואָכעדיקייט און ווערט דורך אים דערהויבן צו דער שיינקייט און אַקטועלקייט פון גאָרן יום־טוב.

אָט אַזאַ דיכטער זעט מיר אויס צו זיין שלמה שנהוד.

מיין איינדרוק איז, אַז דער סימבאָלישער נאָמען פון דעם לידער־בוך מיט חלום איבער תהום פון שלמה שנהוד, איז אַ פּאָעטישער פּרווו צו רעהאַביליטירן דאָס לעבן וואָס איז פאַרגענגלעך און גלייכצייטיק אויך אייביק אין דער דינאַמיק פון זיין רעגנבויגנדיקער שיינקייט, אין אונדזער קאָלירפולער דיכטונג אויף יידיש לשון.

און דווקא דערפאַר וואָס דאָס לעבן שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין געמיט, אין דעם אָנגעזיכט פון אַ מוראדיקן און אומענדלעכן תהום, איז שלמה שנהוד באַזעלט פון אַ טיפן גלויבן אין דער זינלעכקייט און אין דעם המשך פון דעם לעבן, וואָס —

גיסט זיך האָרב אין מיינע גלידער.

און —

מיטן גאָרטן טיף איך גלויב:
אין המשך גלי־בלי גלויב איך ווידער.

ווי דורך שעלעכלעך די טויב,
אָטעם גאָט איך דורך די לידער.

אין דעם באַשטייט דער גאַרער זין פון זיין זינגען, אויף דער פאָן פון אַ טעמאַטיק וואָס איז היינטצייטיק און מער דערפון — גרויס אין דעם פאַרנעם פון אייביקע ווערטן, אויף אַ זעלטענעם הינטערגרונט פון אַ בילדלעכקייט, וואָס איז אייגנאַרטיק אין דעם אָנווענד און דער עשירות פון זיין לשון און אימאַזש, וואָס פאַרכאַפּט דיך ממש מיט זיין לירישער עכטקייט.

צוליב דער נייקייט פון זיין טעמאַטיק אין דעם אופן פון זיין זינגען, איז אַפילו פאַר אַ געניטן און דערפאַרענעם לייענער פון פּאָעזיע אַביסל שווער זיך צו אָריענטירן אין זיין דיכטונג. צוליב דעם איז אומבאַדינג נויטיק, צו זיין צו אים געדולדיק און אים לייענען מער ווי איינמאָל, כדי הנאה צו האָבן פון זיינע, לויט מיין מיינונג — אָריגינעלע לידער, וואָס פאַר־כאַפּן דיך מיט דעם צויבער פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט, וואָס האַלט דיך געשפּאַנט און רופט צו זיך אַרויס גרויס אינטערעס, דרך־ארץ און אַבסאָלוטע באַוווּנדערונג, פאַר זיינע פּילפּאַכע דערגרייכונגען אין די צאָל־רייכע אייגנשאַפטן פון זיין דיכטונג.

זיין טעמאַטיק איז פאַרוועבט אין זיין מיסטיש־סימבאָלישער און אַלע־גאָרישער אויפפאַסונג פון דעם לעבן, ווי למשל: לידער פון שויב אַרויס; נשמה־לאַנדשאַפט; צייכנס אין רעגן; לידער פון וואַסער־שטילקייט און ענלעכע טעמעס.

אויף וועלכן ליד זיינעם דיין בליק זאָל נישט פאַלן, שלאָגסטו זיך אָן אין דער עכטקייט פון דעם דיכטער, וואָס צאַפּלט ממש מיט דער פולבלוט־טיקייט פון זיין איבערלעבונג, וואָס אילומענירט גלייכצייטיק דיין באַ־וווסטזיין און רייסט דיך אויך מיט, מיט דעם אימפּעט פון זיינע זעונגען אין בילדער.

אין דעם ליגט זיין דערגרייכונג.

נאָך דעם ווי דו געוווינסט זיך צו, צו דער נייקייט פון זיין אָפּערירן מיט לשון אין בילדער, אַנטפּלעקט ער זיך פאַר דיר מיט דעם חידוש פון

זיין קלאָרקייט און מחשבה, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון געפּאַר און שפּורן פון דער טראַגיק פון אונדזער צייט, דור און תקופה, ווי, למשל, אין זיין ליד צו מיינע חברים, אין וועלכן ער פרעגט —

וואו זייט איר? אַז וואָס הייליק איז און טייער
קאָן מאָרגן ווערן מוראדיק געשענדט.

זיין איבערלעבונג, זאָרג און מורא פאַר די געפאַרן וואָס לויערן איבער אונדזערע קעפּ איז אַזאַ שאַרפע, אַז ער וואָגט אויסצורופן —

שווייגט־זשע, שוויגט פּאָעטן! אין לויער־שריפות
זייט איר נישט פון שטאַמלען מיד?
צי איז נישט גרויליק רשעות פול און רייף איצט? —
וואו איז דאָס וועלט־געשריי אין ליד?

זיין בייגער און אָנפרעגן זיך אויף דעם ...וועלט־געשריי אין ליד... פּאַלט צענויף מיט זיין עטישן איינשטעל אין לעבן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער היינטצייטיקייט פון זיין דיכטונג.

זיין אומרו איז אַן עכטע־און־גערעכטע, אַדורכגעוויטיקט מיט דער זאָרג פאַר דעם גורל און דעם ווילזיין פון וועלט, פאָלק און מענטש. צוליב דעם דער פּאַטאָס פון זיין אויפגעשריי:

וועט דער וועלט זיך פאַרוועלן,
שוין ווידער פאַרוועלן
שוואַרצאָפּלען פאַרצאַפּלען
מיט שרעק ביזן טויט?

דער זין פון זיין זינגען, ליגט טיף פאַרוואָרצלט אין דער אָריגינאַליטעט פון זיין טעמאַטיק און אין דעם אָנווענד פון זיין לשון אין דעם רחבות פון זיין סטיל, אין דעם מיסטיש־ראָמאַנטישן אויסלייג פון אַ בילד־לעכקייט וואָס איז ניי, קערנדיק און איבערגעלאָדן פון אַן אייגנאַרטיקייט, וואָס צויבערט מיט אומבאַגרענעצטער שיינקייט. אָט זענען מוסטערן פון זיינע לידער פון דער שויב אַרויס:

די שויב —
קאַנטיק־דין און פלאַכע וועלט —
האָט איר אומעט צו די אויגן מיר
אין דרימל צוגעשטעלט.

האָב איך מיין שטערן הייס אין איר געזיגלט.
און זי האָט מיך אין שטומען צער
אַריינגעעיגולט.

אַפילו דער אומגעריכטער גראַם אין דער פּרייקייט פון זיין פערזנ־געבוי, קומט ביי אים אַרויס חנעוודיק, שפּראַכלעך־שעפעריש, און דער־פאַר — אָריגינעל. דערביי זאָל געדענקט ווערן, איז זיין ריטעם דאָ אַ נאַטירלעכער, אומגעקינסטלט און זייער שפּילעוודיק.
זיין איינלעבן זיך אין דעם צמח —

...דעם בלומען־קוסט...
ליגט אין טעם
קראַנקען־וואַסער נאָך פון נעכטן...

רייצט זיין געמיט און אַקטיוויזירט זיין אינטואיציע אין אַן אויסלייג פון זעונגען אין קלאָרקייט:

אַט —
בוקט זיך צו מיין שויב אין בענקען
אַלעאַנדער־קרוין פון קנאָספּן,
און די בוגענווילע אין דרימל
בעט נאָך אויפשפּריץ פון פאַנטאַנען,
ווי גרודעס ערד — גענאָד פון הימל.
איך —
האָב זייער תפילה־טאָן פאַרשטאַנען
און איך עפן־אויף די קראַנען.

כדי צו פאַרשטיין דעם טעם פון אַ בלומען־קוסט, די בענקשאַפט פון

אַן אַלעקסאַנדער־קרוין פון קנאָספּן און דאָס געבעט פון אַ בוגענווילעע אין דרימל, איז נישט נויטיק צו זיין אַ גראַדואירטער באָטאַניקער, נאָר צו זיין אַ פּאָעט מיט אַ געבענטשטן זעקסטן חוש, מיט אַ גאָר רייכער אינטו־איציע, וואָס שלמה שנהוד איז און ער פאַרמאָגט — וואָס פאַרהיימישט אונדז צו זיין דיכטונג און האַלט אונדז געשפּאַנט מיט דעם אויפזינג און גע־פלאַטער פון זיין האַרץ און נשמה.

דער דיכטער וואָס לאָזט זיך בלויז פירן פון זיין אינטואיציע, ווי אַ קינד אין דער האַנט פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן, איז אין זיין זעעוודי־קייט־און־שפּירעוודיקייט אָפּט בלינד און נישט דערוואַקסן צו זיין אייגענער יצירה, וואָס נייטיקט זיך אין דעם אָנשפּאַר פון אַ געזונטן חוט השדרה, אַ פילאָזאָפיש־עטיש־עסטעטישע וועלט־אַנשויונג — וואָס זאָל אים דינען ווי אַ וועג־ווייזער און צוגאָב צו דער עשירות פון זיין עסטעטיק און דער שליחות זיינער פון זיין דיכטונג.

מיין איינדרוק איז, אַז דער פּאָעט שלמה שנהוד, דאָמינירט יאָ זיין אינטואיציע מיט דעם כוח פון אַ וועלט־אַנשויונג, וואָס וויברירט און פונקציאָנירט ביי אים אויף דער פּאַן פון אַ פילאָזאָפיש־עטישן הינטערגרונט אין דעם אויסלייג פון זיינע לידער.

צוליב דעם, האָט ער אַן יעדן ספק באַוויזן, אויסצומיידן דעם אומזיכערן וועג פון באַווייזן זיך פאַר אונדז אין דער אומרייפקייט פון זיינע אַנהויבע־רישע לידער, און באַלד זיך באַוויזן אין דער געשטאַלט פון אַ פּאָעט מיט אַן אייגענעם פּנים, וואָס האָט באַוווסטזיניק אויסגעמיטן צו גיין אין דעם שפּאַן פון שאַבלאָן, און מיט דעם כוח פון זיין אייגענעם ווילן זיך אויסגע־טראָטן אַן אייגענעם וועג אין אונדזער דיכטונג.

די לידער פון שלמה שנהוד, א. ב. פאַרלוירענער גאַנג, זאָגן עדות אויף דעם פילאָזאָפישן הינטערגרונט פון זיין פּאָעזיע אין אַלגעמיין. ער זינגט למשל וועגן דעם מענטש אַזוי:

דער מענטש איז —
איינזאַמער שטערן.
חלום פון ווערן.

לאַנדשאַפט וואָס גליט.
וואַלד אין פאַרשניט.
שטורעם וואָס שטומט.
פרייד וואָס קומט.
דער אין־סוף אַליין.
פאַרגייאיק געביין.
פאַרוועלק און אויס.
פון קיום די שויס.

דער זאָגערישער טאָן פון פאַרלוירענער גאַנג, אי דאָ זייער אַ סך מוסיף צו דעם בילדלעכן אויפזינג פון זיין דיכטונג, וואָס איז דורכויס אוניווערסאַל מיט זיין געוואָגטן:

...שפרונג אין מאָרגן אַריין,
דאָס לאָזן זיך מיט חלום אין געיעג. —
סיי ביינאַכט,
סיי בייטאָג
איבער תהום.

אין דעם באַשטייט דער זין פון זיין געזאַנג אין אַלגעמיין — מיט חלום איבער תהום.

דער באַגריף פון ליד אין דעם פולן פאַרנעם פון זיין תוך־און־תוכן, אין דער אויפפאַסונג פון דעם פאָעט שלמה שנהוד, מיינט: קוואַל פון יצירה, אין דער ראָם פון מחשבה און חלום.

זיינע לידער א. נ. נשמה־לאַנדשאַפט, דעמאָנסטרירן עס אויף פאָלגנדיקן אופן:

...מירן איינשפאַנען דעם פעגאַסוס, ווי מ׳רופט צווישן
פערד אים.
ס׳פערד, וואָס האָט אַ בריקע געטאָן, געעפנט דעם קוואַל פון
יצירה אין ליד.

זיין אייגן ליד, ווייל איך באַטאָנען — באַשטעטיקט עס אויף אַזאַ אופן: פריער — מיט זיין מאָנונג פון זיך אַליין:

זאָל ווי פאַרצייטן
אַרויסטרעטן ס׳ליד — דאָס אַמאָליקע פערד;
דער חלום — זיין געזאָלבטער רייטער,
און רייטן.

און דערנאָך ערשט — מיט דעם תוכן פון זיינע לידער, וואָס קוועלן מיט דער יצירה פון זיין מחשבה, אין דעם לבוש פון קלאָרקייט אין לשון.

פון דעם געזאָגטן, פילן מיר אַרויס דעם באַוווּסטזיניקן צוגאַנג פון שלמה שנהוד צו זיין ליד, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין זיינע אַנשויונגען, וואָס ווילן נישט וויסן פון קיין אָפּנויג פון דעם אמתן קוואַל פון יצירה, וואָס לויכט אַרויס פון זיין דיכטונג, וואָס פיבערט מיט נייקייט אין איר פאַרנעם און אופן פון אויסדרוק.

פאַר שלמה שנהוד, ווי פריער פאַר ה. לייוויק — איז כמעט ווי נאַטיר־לעך צו קענען זיך איינלעבן אין דעם מהות־און־צער פון דעם וואָרט, דערפון אַרויסצויבערן ...פליסטער־תפילות אָן אַ צאָל... עס הערן ווײנען אויפן קול, מעשה מענטש. צוליב דעם זיין געזאַנג בלחש:

טראָג איך אום דאָס וואָרט־אין־שטומען,
(ביידן האָט פאַרקנסט אונדז פיין)
ס׳האָט נאָך קיינער נישט באַנומען
צער פון נישט־דערהערט־צו־זיין.

זיין איינלעבן זיך אין דעם צער פון דעם וואָרט, פאַרשאַרפט זיינע חושים ביז צו דעם אויפגעקוועל פון דער ריינסטער יצירה, אין וועלכער זיין וואָרט באַנייט זיך ביי אים ביז צו חידוש, אין זיין אָנווענד אויף זיין טעמאַטיק.

זיך פאַרטיפן זיך, עגבערן און מייסטערן דאָס וואָרט, פירט אים במילא צו דערפינדערישע מחשבות, אין דעם אויסלייג פון זיין אימאַזש און מעטאַ־

פּאַריק, וואָס פאַרשפּיצן זיך צו די שטרענגסטע פאָדערונגען פון זיך אַליין, בנוגע דעם אויפזינג פון זיין ליד. צוליב דעם זיין דעוויז:

ניִשט זוך דאָס ליד
אין זיין טעמע. —
ניִשט זוך דאָס ליד
אין זיינע גלאַנצן.
זוך עס ווו דו ביסט
אינגאַנצן.

ווייל —

ס׳גייט דאָס ליד ניִשט אויף קיין פּשרה
פאַר קיין האָר ניִשט;
גיסטו זיך ניִשט אים אינגאַנצן,
איז עס גאָרניִשט.

וואָס דאָס מיינט במילא: זיך גופא אַריינצוּיבערן אין דעם ליד, מיט דעם כוח פון אַלע דיינע רמ״ח אברים און די עמאָציעס דיינע פון אַ פּאָעט.

פאַר שלמה שנהוד איז דעריבער אויך נאַטירלעך, אויפצונעמען דעם רייץ פון בוימער אין אַזאַ לבוש פון אייגנאַרטיקן לשון:

...שטייען בוימער אַריינגעגאָפּט אין בלענד...

וואָס דאָס בלויז אַליין, טיילט אים שוין אויס ווי אַ שעפערישע פערזענ־עלכקייט מיט אויגן אין קאָפּ.

וואָלטן אַלע אונדזערע פּאָעטן — גרויס־און־קליין — געהאַט אַזאַ שטרענג־און־פרומען צוגאַנג צו זייער ליד, וואָלט אונדזער אַלצאיינס קאָלירפולע און רייכע דיכטונג אויף יידיש־לשון, ניִשט געליטן פון אַזאַ שפע און איבערפלוס פון פּסעוודאָ־דיכטונג, מיט־און־אָן גראַמען.

ווי אַ פּאָעט מיט אַ טראַגישער באַציונג צו דעם לעבן וואָס איז פאַר־גענגלעך, איז שלמה שנהוד באַזעלט פון אַ זעלטענעם געפיל פון הכנעה

פאַר דעם באַשעפער, וואָס גיט צו זיין ליד דעם אַראָמאַט און עכטקייט פון אַן אמת רעליגיעזער איבערלעבונג.

זיין תפילה בלחש איז דעריבער פאַרוועבט אין דער איבערלעבונג פון אַ זעלטענעם עניו, וואָס בעט:

שענק די ברכה בלויז און בענטש:
די צייט זאָל האַלטן ריין
און נישט מטמא זיין
מיין צורת־מענטש.

וואָס וואָלט געמעגט און באַדאַרפט זיין דער קרעדאָ פון יעדן שעפערישן מענטשן אַן אויסנאַם.

צוליב דעם איז אים שוין אויך ליבער ...דאָס אַנהאַלטן וואָרט... ווי דער צוזאָג, וואָס איז נישט זעלטן דורכויס צווייפלהאַפט — דער אמת, ...וואָס קיין שום חשבון קאָן אים נישט באַצווינגען.

זיין ליריק, ווי די ליריק פון יעדן פּאָעט מיט אַ טראַגישער באַציונג צו דעם לעבן — איז באַהערשט פון אַן איידעלן אומעט, וואָס איז דורכ־זיכטיק און תמיד וואַך צו דעם גורל פון אַ ילי־ד־אישה. זינגט ער טאַקע וועגן דעם טיילווייז אַזוי:

דערווייל בין איך אַן אָרעמאַן;
די צייט האָט צוגערויבט דאָס שוואַרץ
פון די האָר און דעם גלאַנץ פון די אויגן.

און זיין טענה צו דעם פרילינג איז —

רוף מיך נישט! איך בין נאָך אַלץ אין נאַכט פאַרטראַכט,
מיר זיינען די קאָשמאַרן ניט פאַראיבער.

ער האָט אויך דעם מוט צו קאָנסטאַטירן:

איך בין אַ טראָפּן טוי —
און גוט איז מיר אַזוי.

אָונט —
מיט די שטערן גלייך
ווער איך געבוירן,
און פאַרטאָג, ווי זיי,
פאַרלוירן.

די לידער זיינע א. נ. לידער פון שטראַליקן טרויער, טיילן זיך אויס מיט זייער ספּעציפישער ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט, דער עיקרשט אָבער, מיט דער טראַגיק, שיינקייט, פּאַטאָס און דער העראָאיק פון באַפרייאונג, וואָס איז ...געהייליקט די געפאַלענע פון אונדזער באַ־פרייאונגס־מלחמה און זייערע פאַריתומטע עלטערן...

דער געפיל פון צער־און־פרייד איז דאָ אויף אַזויפיל פאַרזיווגט, אַז ס'איז פּשוט צום שטוינען ווי עס גילגולן דאָ אויף די עצמות היבשות פון אייגענע פאַרשטאַרבענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער — דאָס פאָלק, דאָס פאַרלענדטע! — ביי דעם יום־טוב פון באַפרייונג. זעט, לייענט, הערט און שטוינט:

נאָך אַלץ איך פאַרשטיי נישט: טרויער וואָס מאַכט דאָ?
גיט פלוצים מוזיק אַ צעשפּיל זיך.
די עדה נעמט טאַנצן, פליעסקעט די נאַכט צו,
און מאָדנע, ווי מאָדנע, איך פיל זיך:

מיט עולם איך שווים און יובל באַזאַמען,
און פאַקלען ווי שטערן צעברענטע.
פון לינקס — דער טאַטע, פון רעכטס מיר — די מאַמע,
אַרום מיר — דאָס פאָלק, דאָס פאַרלענדטע.

זע איך: עס פלעכטן זיך דורות צוזאַמען
אינעם ראָד פונעם טאַנץ, פונעם הייסן;
הימל מיט שטערן, די בערג און די ימים
טאַנצן מיט ביזן טאָג, ביזן ווייסן.

וואָס דערמאָנט אָן יעדן ספק אין דער זעונג — טיילווייז — פון דעם נביא יחזקאל.

אין אָט דעם אויפברויז פון צער־און־פרייד, פאַרנעמט די זעונג פון אונדזערע עצמות היבשות דעם אויבנאָן, אין דער דיכטונג פון שלמה שנהוד, וואָס טראָגט נישט זעלטן דעם כאַראַקטער פון תפילות אויף יידיש קודש, וואָס זענען אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג בכלל, וויט נישט הינטערשטעליק לגבי אונדזערע תפילות אין דעם פאַרצייטיקן לשון פון אונדזערע זינגער פון פיוט.

שלמה שנהוד זינגט:

די תפילות שוועבן דאָ הייסער,
די האָפענונג — וואָר און צעבלויטער.
דאָ שטראַלט בטחון פון הייזער,
דער יאוש־געפיל פאַלט אַ טויטער.

און ווייטער —

דאָ שפּירט מען דעם גואל אויף די וועגן,
ווען זיין טראָט פאַרזאַמט זיך אַפילו.
מיט ביקס היינט מיר גייען אים אַנטקעגן,
ער אונדז — מיט שופר פון גאולה.

וואָס געפינט דאָ אַ זעלטענעם רעזאָנאַנס אין די אויסגעוויטיקטע לידער פון שטראַליקן טרויער, פון שלמה שנהוד.

...דער טרויער (וואָס) איז דאָ אַ מין פרייד־און־געטאַנץ... פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין די לידער פון שטראַליקן טרויער, וואָס זענען אומפאַרגלייכלעך רייצנדיק שיין און קלאָר אין אויסדרוק. אַלע לידער אָן אויסנאַם, זענען איבערגעלאָדן מיט די קאַלירפולסטע וואַריאַציעס פון אייך־און־דעמזעלבן פרייד־אין־געטאַנץ געפיל — עשירות פון תוכן.

און אַלע אָן אויסנאַם, בעטן זיך די לידער, וואָס וואָלטן אָן יעדן ספק געקאָנט ציטירט און אויסגעטייטשט ווערן באַזונדער — ציטירט און אויס־געטייטשט צו ווערן, וואָס איז כמעט ווי נישט מעגלעך. וועל איך דאָ מוזן

אַפּשיקן דעם געדולדיקן לייענער פון פּאָעזיע צו דעם אָריגינאַל, וואָס וועט אים זיכער האַלטן געשפּאַנט ווי מיך, ביים לייענען זיי צום צוועלפטן מאָל. איין זאַך איז קלאָר און זיכער: נאָך די אַלע חבלי־לידה פון דער באַפרייונג, איז דער רוף פון אונדזער דיכטער צו פאַרשווייגן דעם טרויער:

צוויטעט שוין ווידער פרילינג אויף צווייגן,
עפנט שוין ווייטער פרייד אונדז דעם טויער.
לאָמיר שווייגנדיק טיף זיך פאַרנייגן,
און שווייגן פאַרשווייגן דעם טרויער.

וואָס איז לויט מיין פאַרשטענדעניש, דער קלוגסטער דעוויז צו באַפרייען זיך כאָטש טיילווייז פון דעם טרויער וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזער גאַנץ געביין, אין דעם אָנגעזיכט פון באַפרייונג־און־באַנייונג.

דער קאָנסעקווענטער המשך פון שלמה שנהודס ווונדערלעכע לידער פון שטראַליקן טרויער, זענען אָן יעדן ספק זיינע לידער א. ג. אין שטילן גליי, אויף דער פּאָן פון אונדזער ארץ־ישראל לאַנדשאַפט. אַלע זיינע דערגרייכונגען און די אייגנשאַפטן פון זיין ליד, אין זיין פון סטיל, לשון, פאָרעם, אימאַזש און בילד, געפינען דאָ אַ זעלטענעם תיקון אין דעם אינהאַלט און די פילפאַרביקע זעונגען. זיין ליד א. ג. געבורט פון טאָג און דאָס ליד פרילינג אין מיין שטאָט, קענען דאָ דינען ווי מוסטערן און אַן אילוסטראַציע פון זיין געניטקייט־און־אָפּגעהיטקייט אין דעם פרייען, ווי אויך אין דעם געבונדענעם פערז. די ארץ־ישראל לאַנדשאַפט איז דער עיקרשט קענטיק אין זיינע עטלעכע כרמל־לידער, אין וועלכע דער דיכטער פילט נישט .. קיין גרענעץ פון פריער און שפּעטער... ווייל דאָ —

...פיל איך: ס׳האָט נצח געצייכנט מיין גיין דאָ,
מיט אייביקן גאַנג דאָ בין איך באַגלייט —
כ׳הער טריט פונעם נביא — איך בין נישט אַליין דאָ —
זיי מישן זיך אויס מיט די טריט פון מיין צייט.

אין זיין באַגייסטערטן אויפזינג פון דעם כרמל, ווי אַ צאָל אַנדערע

ארץ־ישראל לידער שפּיגלט זיך אייגנטלעך אָפּ זיין גאַרע ליבשאַפט פאַר אונדזער אויסגעבענקט־און־אויסגעווייטיקט לאַנד בכלל, וואָס קומט ביי אים אַרויס אייגנאַרטיק, אויב נישט — איינציקאַרטיק, חנעוודיק און אומגעקינסטלט.

גרינער ווינטער פון מיין לאַנד!
דו ביסט געזאַנג
אויף יעדן צווייגעלע און בלאַט,
און זינגסט אַריין
אין אַלע מיינע גלידער.

פאַרדרענגסטו מיר דעם טרויער פון די לידער.
ווען איך און דו — איין קלאַנג.
גייט איןביידע איצטער אויף —
אַ פרילינג אין געזאַנג.

דאָס פריידיקע געזאַנג פון אַ דיכטער — שלמה שנהוד — וואָס שפּרודלט מיט לעבן פון זיין אייגענעם קוואַל פון יצירה.

...מיין היים, מיין שילד, און מיין וואָפן

י. מאַניק: אין טריט פון דיין וואַנדער

די לידער א. ג. אין טריט פון דיין וואַנדער, פון דעם פּאָעט י. מאַניק, זענען אָנגעפילט און איבערגעפילט, טיילווייז — מיט דעם וווּנדער און דער גרויסקייט פון אַ תּוכן, וואָס איז אָריגינעל און וואָגיק אין זיין פאַרנעם און בלענדט מיט דער עשירות פון מחשבה אין דער שיינ־קייט פון אַ דיכטונג וואָס איז עכט, מיט אַ צוגאָב פון אַ נייגונג און גע־וואַגטקייט, אַריינצוברענגען ...גאָר אַ נייעם זשאַנער... אין דעם המשך פון דער דיכטונג פון דעם מחבר.

דער נייער זשאַנער מיט וועלכן י. מאַניק אָפּערירט, איז היבשלעך קאָמפּליצירט, טיילווייז אומפאַרשטענדלעך מיט דער אַנדערשקייט פון זיין תּוכן, אַפילו — שפּראַך, אין דעם סטיליסטישן אויפזינג פון זיין טע־מאַטיק אין זיינע קאָסמישע לידער, א. ג. שטערן־לאַנדשאַפט און אין די לידער צו מיין ערד־פּלאַנעט, אין וועלכע דער דיכטער באַמיט זיך איינצולעבן אין ...אַ שפּאַן די ווייט פון יענער זייט השגה... וואָס איז אַגב פאַר מיר, ווי אַ לייענער (אָן דער פּרעטענזיע צו זיין אַ קריטיקער!), נישט אינגאַנצן קלאָר, כמעט אומפאַרשטענדלעך. אַזוי גיך אָבער ווי דער דיכטער ווענדט זיין ...בליק אויף צוריק... און ער באַפרייט זיך פון זיינע קאָסמישע זעונגען, פאַרהיימישט ער זיך באַלד צוריק צו דער נאַטירלעכער קלאָרקייט פון זיין ליד, וואָס —

איז מיין היים, און מיין שילד, און מיין וואָפן.

ווי אַ בולטע אילוסטראַציע צו זיין היים, שילד און וואָפן, קען דאָ אָן יעדן ספק דינען זיין סעריע לידער א. ג. עפּר ואפר, וואָס רירט

מיט דעם פּאַטאָס פון זיין איבערלעבונג, אין שייכות מיט אונדזער גרעסטן חורבן.

שוין דער ערשטער אויפזינג זיינער א. נ. האַרבסט, איכהט־אויף מיט דעם יאָמער־געקלאַג פון אַ מקונן, וואָס וויטיקט איבער דעם גורל פון זיך בעסאַראַבער שטעטל, ווו עס זענען —

נישטאָ די שילן מער, דאָס אַלט בית־מדרש,
וואו יידן זיינען נעכט דאָרט געווען
(אין תהילימדיק צעגויפגעוויין).
— — — — — — — — —
און כ׳ווייס ווי דער טאָג קאָן זיין דאָ טאָג,
און נאַכט קאָן זיין נאַכט אָן יידן.

די איבערלעבונג זיינע איז אויף אַזוי פיל עכט, בולט און שאַרף, אַז אים דוכט זיך —

...אַז גאָט וואַנדערט־אום אין פאַרלאָזענע געסלעך,
פון אַנגסטיקע קולות געשטייניקט,
און וויינט...

מיט דעם זעלטענעם כוח פון אַ היינטצייטיקן דיכטער־מקונן, נידערט ער אַרונטער דעם בורא פון זיינע אומגעהויערע און מיסטישע הויכן נאָכן פייערשטורעם, און ער פירט אים אַ געפאַנגענעם איבער די חרובע שטעט־לעך פון פוילן און צווינגט אים צו זען... ווו לעבעדיק באַגראָבן ליגט זיין פאָלק...

און גאָט, פאַרצווייפלט, וועט פאַרברעכן מיט די הענט,
ער וועט אַ פרעג טאָן זיך אַ פראַגע מיט אַ טאָלק:
פאַר וועמען מיין באַשאַף און ווער וועט רופן איצט
מיין נאָמען, אַז פאַרלוירן כ׳האָב מיין פאָלק!

און דאָ ערשט קומט צום אויסדרוק די גאָליקייט, וויטיק, צער און נישט ווינציק איראָניע פון דעם צעוויטיקטן פּאָעט:

און גאָט וועט רייסן קריעה, אָנטאָן אויף זיין קאָפּ אַ זאַק
מיט אַש
און גיין זיך זעצן שבעה אין זיין היכל.
נאָר ס'וועט אַ נאָכרוף פון די קברים אים צעווייזן טאָן,
אַז „דאָסמאָל זיינען מיר דיין קלאָג דיר מוחל, מוחל, מוחל".

און אין טאָג פון נצחון, קומען אים אין שלאָף געשאָכטענע קינדער און פרעגן:

פאַרוואָסער זינד איז דאָס אַלץ אונדז געשען,
פאַרוואָסער אַ סיבה?

און זיך אַליין דערזעט ער, ווי אַ דיכטער — אַ יתום, וואָס —

אַנשטאָט צו זינגען צעפּינקלט, צעשטראַלט
און שפּיליק, באַלאַדיש,
סע איז מיר געבליבן אַן אייביקייט לאַנג
צו זאָגן נאָר קדיש.

דאָס, זעט אויס, איז דער גורל פון אַ היינטצייטיקן יידישן פּאָעט, אין דעם ליכט־און־חושך געראַנגל, אין דעם זעקסטן צענדליק פון אונדזער גורלדיקן יאָרהונדערט.

שיינקייט פון קונסט, ווי דאָס שיינקייט פון דעם לעבן אין אַלגעמיין — איז אַלעמאָל פאַרוואָרצלט אין דעם שפּיל פון קאָנטראַסטן, ווי דער שפּיל פון ליכט־און־שאָטן, ווי בכלל דער רייץ פון קעגנזאַצן אין דעם אויפזינג פון אַלע פאַקטאָרן אין דעם קאַלירפולן לעבן פון וועלט און מענטש.

צוליב דעם איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די ליכטיקע מאָמענטן פון י. מאַניקס סעריע לידער, א. נ. גרינערנס, אין וועלכער אונדזער חלוץ־פּאָעט אידענטיפיצירט זיך מיט דער דינאַמיק פון אונדזער באַנייטער מדינת ישראל, באַלד, נאָך דעם צעווייטיקטן אויפזינג זיינעם פון אונדזער גרויסן חורבן, אויף אַ הינטערגרונט פון אַ מיסטיש־סימבאָלישער בילדלעכקייט, וואָס פאַרכאַפּט דיך מיט דעם רייץ און דער אייגנאַרטיקייט פון דער סביבה אין צפת, למשל, ווי —

אַ ווינט מישט אַ תהילימל אויף
און זאָגט אַליין תהילים.

חיפה ווידער, זעט אים אויס צו זיין, ווי אַ שטראַליקער טעמפל. און אין זיין באַגייסטערונג בכלל פאַר דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות, פילט ער באַשטימט, אַז —

ס'איז מיר באַוויליקט
צו זיין דיין בעל־תפילה.

די אייגנשאַפט און פּאַטענצן צו זיין אַ בעל־תפילה, אין די ראַמען פון דער שליחות פון אַ יידישן פּאָעט, האָט י. מאַניק אַגב געירשנט פון זיינע אָבות, דער עיקרשט — פון זיין פאָטער, וועמענס אָפּשיין ...איך טראָג... אויף מיין פּנים...

תל־אביב זעט אים אויס צו זיין אַ ...סימפאָניע פון מי... וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע חלוצישע אַנשויונגען, וואָס דינען אים פון תמיד אָן, ווי אַן עמוד האש צו באַלייכטן זיין גאַנג באַרג־אַרויף אין דעם פּרדס פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון.

זיין דיכטעריש אויג איז אַלע מאָל וואַך צו אונדזער תנ״כישער פאַר־וואָרצלטקייט, וואָס ווערט איצט מיט אַזאַ אימפּעט באַלעבט אויף אַ מערק־ווירדיקן אופן און אומגעביטן, מיט דעם כוח פון אונדזער אַמביציעזער און באַנייטער יונגשאַפט ווי אַ פאָלק, אין הסכם מיט אונדזער ווידער־געבורט, אין דעם ליכט פון די ווונדערלעכסטע דערגרייכונגען פון אונדזער יאָרהונדערט, אויף אַלע געביטן פון קולטור און ציוויליזאַציע.

באַגעגנט ער זיך, למשל, פּנים אל פּנים מיט סדום, און ער געפינט אין איר ...פאַרשטיינערטן קלאַנג פון מיין קינדהייט... רופט ער ספּאָנטאַן אויס:

איך ברענג מיינע טעג דיר —
מיט טויען פון מי
דיינע גלידער צו זאַלבן,

אָפּווישן אוראַלטן צער
פון תהומיקן פּנים.

ווי דעם פרייִדיקן אויפזינג פון אַ נייעם סדר, אין אונדזער באַנייטער מדינת ישראל.

אַזוי־אַ, שפּאַנט אונדזער דיכטער אַרום אין די טינקעלע אַלייען פון אונדזער היינטצייטיקער ישראל און ער באַגייסטערט זיך דערמיט, וואָס דאָס דאַרף האָט —

אויסגעפּילט ערלעך די שעהן פון טאָג
מיט אַרבעט אין פעלד,
רוט איצט אין שלאָף, אין געשמאַקן.

ער פרייט זיך מיט דער שירה פון די אייגענע צוויי הענט —

וואָס האָבן אויסגעטאָקט די שטעט, די דערפער
און כביש נאָך כביש צעוויקלט און צעגלאַנצט,
און פרוכט צום טיש פון יעטוועדן באַדערפער
אויף באַרג און טאָל געכאָוועט און געפלאַנצט.

וואָס קרוינט אים גופא אויפסניי, ווי אַ פּאָעט — אַ חלוץ.

שיראַיאַ לייענט זיך ווי אַ מיסטישע מגילה פון גאָרער ליבשאַפט צו דעם קאָלאָס לעבן, וואָס איז אייביק, און באַוועגט זיך אַלע מאָל צווישן זייך־און־נישט־זייך. ס'איז אַ קאָסמישע ליבע אַזאַ, וואָס —

די וואַכט איבער מיר און באַגלייט מיך,
אַפילו ווען דו ביסט נישטאָ מער.

שיראַיאַ — דאָס איז:

די ערד,
אירע וועלדער און טייכן,
דער טאָג און דער ווינט,
און דער מענטש, און זיין גאַנג, —

דאָס איז דאָס געזאַנג,
וואָס געזינגען אַמאָל האָט שיראַיאַ...

די לידער א. נ. פון טאַטנס בעכער, קענען דינען ווי אַ שליסל צו י. מאַניקס פסיכישע ביבליאָגראַפיע, וואָס שורשט ווי אַ פּאָעט אין דער נגינה פון זיין טאַטן, וואָס האָט געדינט —

אין שליחות פון אַ ציבור, וואָס מיט פיין
באַלאָדן איז, זיך טוליעט צום באַלעמער...

און אַלץ צוליב דעם, ווייל —

טאַטע האָלט
אַז מיט נגינה,
ווי מיט חכמה,
און מיט בינה,

שטייגט דער מענטש
אַ יעדע רגע
פון מדריגה צו מדריגה,

צו די עולמות
די הויכע,
וואָס דער צדיק
איז נאָר זוכה...

פון דעם איז צו זען, אַז וואָס דער טאַטע האָט דערגרייכט ביים באַ־לעמער, האָט דער זון — דער פּאָעט י. מאַניק, דערגרייכט אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש קודש, וואָס ער האָט איצט אויפסניי דעמאָנסטרירט מיט זיין איצטיקן לידער־בוך: אין טריט פון דיין וואַנדער, וואָס איז אַן יעדן ספק אַ וואָגיקער צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג, וואָס ער אַליין האָט דערפירט און דערהויבן

צו זיין, זיין היים, זיין שילד און זיין וואָפן, מיט וועלכע ער אָפּערירט ווי
אַ געניטער, דערפאַרענער און אויך געוואַגטער פּאָעט, וואָס האָט אַפילו
דעם מוט און די געוואַגטקייט צו ...אַנטדייטשמערישן די ליטעראַרישע
שפּראַך... און זיך אַפילו ...דערלויבט אָפּצוטרעטן פון דעם געוויינלעכן
אויסלייג ביי אַ קלענערע צאָל ווערטער, לשם אָנדייט... וואָס אונדזערע גע־
דולדיקע פילאָלאָגן וועלן דאַרפן באַשיידן, דעם זין פון זיין געוואַגטקייט
און קאָרעקטקייט.

דיכטונג היגטערוועגנס

אַברהם זאַק: אויף פרעמדער ערד

ווען דאָס לעבן פון אַ דיכטער מיט פאַרנעם שפּיגלט זיך אוממיטלבאַר אָפּ אין דעם אויפזינג פון זיין ליריק, ווי דער רעזאָנאַנס פון דער תקופה אין וועלכער אים קומט אויס צו לעבן, ליידן און שאַפן, רינגלט זיך זיין דיכטונג אַריין אין דער קייט פון אייביקע ווערטן, וואָס דינען לדורות ווי אַ דערמאָנונג אין דעם וואָס האָט זיי מיט דעם בלוט און דעם פייער פון זיין האַרץ געשאַפן, ווי אַ צושטייער צו דער איבערלעבונג פון זיין פאָלק, אין יענעם צייט־אָפּשניט, אין וועלכן ער האָט געלעבט און אויך געווירקט ווי אַ כוח און אַ היסטאָרישע דערשיינונג.

דער גורל פון נע־ונד זיין היגטערוועגנס, האָט ווי אַ קין־צייכן זיך איינגעשניטן אין דעם לעבן פון דעם אמת ליידנדיקן פּאָעט אַברהם זאַק, וואָס האָט נישט אַנדערש ווי געמוזט זיך אָפּשפּיגלען אין זיין דיכטונג.

אין מיין נע־ונד צוזאַמען
שטענדיק איז מיט מיר מיין ליד.

זינגט ער אין זיין פּרעליודע, צו זיין גייסטן און ווייטיקדיקן לידער בוך, א. נ. **אויף פרעמדער ערד.**

דער נאָמען פון אָט דעם בוך איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גורל היגטערוועגנס פון דעם דיכטער, וואָס זינגט וועגן דעם, אַז —

עס איז מיין גורל פון אַ וואַגלער —
נאָר מדבר, פּוסטקייט פּילן, זען...
צו לעבן נאָר מיט די זכרונות,
נאָר מיט דער וועלט, וואָס איז געווען...

איז כאָטש די טראַגיק פון לעבן נאָר מיט די זכרונות פון אַ וועלט, וואָס איז געווען איז אַוודאי ווייט פון אַ גליקלעך לעבן, דינט זי אָבער גלייכ־צייטיק ווי אַ סטימול צו שעפערישע מעשים מצד דעם באַטרעפנדיקן דיכ־טער, וואָס דינען ווי אַ דאָמינירנדיקער כוח אין דעם גאַנג און דער אַנט־וויקלונג פון דער ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז זוכה צו נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל, ווי עס איז דער פאַל מיט אונדזער פּאָעט אַברהם זאַק, מיט זיין וואַגיק־רייכן צושטייער אויך מיט זיינע פּראָזע־אַרבעטן.

דאָס יסורימדיקע לעבן פון דעם בעל־מקונן, וואָס אַברהם זאַק איז — שפּיגלט פון זיך אַרויס זיין באַשערטקייט אויף דער פּאַן פון נע־ונד זיין, כאָטש קיינער פרעגט זיך אויף דעם נישט נאָך און —

ס׳וויל קיינער הערן פון די גרוילן,
וואָס רויבן רו, וואָס רויבן שלאָף.

די רויכן פון מיידאַנעק גייען תמיד נאָך דעם דיכטער.

ווי אַ נישט־דערברענטער קרבן, ווייסט ער באַשטימט, אַז ער איז בלויז פאַרבליבן אין דעם זכות פון זיין ביכולת צו קענען —

דער וועלט צו וואַרפן אַלע פּיינען
און דווקא רויבן שלאָף און רו — — —

וואָס איז דער אַבסאָלוטער זין פון זיין דיכטונג.

דער נישט־פאַרברענטער קרבן, כאָטש אַליין אַ געראַטעוועטער אויף פרעמדער ערד — פאַרהיימישט זיך קיינמאָל נישט צו זיין נייער אומגעבונג און סביבה, ווו זי זאָל נישט זיין. פאַר אים איז תמיד קלאָר, אַז —

אויף יענער זייט ים פאַראַן איז אַ לאַנד —
איז דאָרטן מיין היים אַוועק מיטן בראַנד.

און דווקא אין דער רחבות, פרייקייט און באַקוועמלעכקייט אויף פרעמדער ערד —

...ציט מיך אַהין אויף חורבות צו גיין —
כאָטש קיינער נישטאָ, קיין קבר, קיין שטיין...

זיין אויסטענהן זיך מיט דעם גאָט פון אונדזערע אָבות, איז זייער רירנדיק.

און כאָטש זיין געפיל פון הכנעה ברענגט אים נישט אַרויס פון די כלים און טראָגט בדרך כלל אַ תפילהדיקן כאַראַקטער, פאַרלאָזט אים נישט דער מוט און די געוואַגטקייט פון אַ דיכטער מיט כאַראַקטער, צו פרעגן: ...ווער איז אויף אַן אמת דער זינדער: די יידן, צי גאָט?... און מיט דער ווירדע פון אַ שטאָלצן דיכטער, ייד און מענטש, רופט ער פּאַטעטיש אויס:

און דו האָסט געקוקט און געשוויגן
פון הימלשער הויך —
ווען מ׳האָט אונדז אין אויוונס געוואָרפן
אין פלאַמען און רויך — — —

(זע די לידער: אשמנו און — אתה נגלית...)

דער יאוש אין זיינע חורבן־מאָטיוון ווידערהאָלט זיך אין אַ צאָל קרעפטיקע לידער, אָן אַן אויסוועג פון טרייסט. צוליב דעם פאַר־סך־הכלט זיך זיין ווייטיק, צער און טרויער, אין אַזאַ ווייטיקדיקן אויפזינג:

„על חטא״ שלאָגט זיך איצט כביכול.
און ס׳קאַפּעט אויך חורבות זיין טרער.
נאָר נישטאָ ווער זיין שטים זאָל פאַרנעמען —
די עדה נישטאָ דאָך שוין מער.

מיר אָבער, די לייענער פון אַברהם זאַקס רירנדיקע לידער — געפינען יאָ אַ שטיקל טרייסט אין דעם, וואָס דער דיכטער, וואָס האָט פון בית המדרש געירשנט אַ סך קדושה, אַפילו דאָרט ...אויך געוועבט מיין ערשטלינג ליד... האָט פון זיך אַרויסגעצויבערט דעם אויפזינג פון גאָר רייפע און ווערטפולע דיכטערישע אַרבעטן.

די הויפּט־מעלה פון אַברהם זאַקס לידער באַשטייט אין דעם, וואָס דער דיכטער ווייזט נישט אַרויס קיין נייגונג צו יאָגן זיך נאָך כמות. דאָס איז איינע פון יענע זעלטענע אייגנשאַפטן, וואָס איז בלויז אייגן די יחידי סגולה ביי אַלע פעלקער און אין אַלע ליטעראַטורן.

אַברהם זאַק באַמיט זיך אַלע מאָל צו באַגרענעצן זיין ליד אויף איכות, דערצו נאָך אין זייער אַ קאָנדענסירטער פאָרעם, וואָס גיט במילא צו זיין ליד אַ סך געוויכט. צוליב דעם לײַדט נישט זיין ליד פון דער רעטאָריק־פּגימה און גיט זיך דיר באַלד איצער מיט זיין געבענטשטער פשטות אין קלאָרקייט, אָן דער מינדסטער באַמיונג מצד דעם לייענער עס באַלד תּופס צו זיין.

ווי אַ מסתפּק במועט, אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור — איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש דער נאָמען פון אַ ציקל לידער זיינע: ג ע נ ו ג א י ז אַ ח ל ו ם, וואָס וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף זיין דיכטע־רישע פּערזענלעכקייט, ווייל —

וואָס דאַרף דען מער אַ בעל־חלומות און אַ זינגער?
גענוג אַ חלום בלויז פאַר האַרץ און זין — — —

איז ער זיך טאַקע מתיחד מיט דער גאָט געבענטשטער שטילקייט, אַ דאַנק וועלכער אים געלינגט זיך אָפט צו פאַרגעסן אין דער וואָכעדיקייט פון דעם לעבן, און —

געבוירן קאָן אין לויטערקייט נביאיש וואָרט.

וואָס איז געווען און פאַרבליבן, דער אינטימסטער באַגער פון יעדן שע־פערישן מענטשן — דעם דיכטער.

אינטערעסאַנט זענען דאָ די אונטערשריפטן, דאַטעס און נעמען פון שטעט און לענדער — אונטער די לידער וואָס זענען פון אים געשאַפן גע־וואָרן א ו י ף פ ר ע מ ד ע ר ע ר ד, וואָס באַשטעטיקן און שטרייכן אונטער דעם ביטערן און שווערן נע־ונד וועג פון אַברהם זאַק.

אַ צווייטע אָפּטיילונג א. נ. פ ו ן אַ ל ע ו ו י י ט ע נ י ש ן, באַשטעטיקט צום זויפלטן מאָל זיין גורל הינטערוועגנס, וואָס איז אַזוי ענלעך צו דעם גורל פון אונדזער פאַרפייניקט פאָלק.

דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע לידער זיינע — קומען צום אויסדרוק די פיינלעכסטע איבערלעבונגען פון אונדזער פּאָעט אין לירישע לידער, וואָס

טיילן זיך אויס מיט דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון אַ קלאָרן לשון, וואָס זענען צוליב דעם צוגענגלעך צו יעדן סאָרט לייענער אָן אויסנאַם.

און אָפּגעזען דערפון וואָס אַברהם זאַק איז זייער אַ פּראָדוקטיווער דיכטער קוואַליטאַטיוו, זינגט ער פונדעסטוועגן אין זיין פאַרחלומט פּאַסטליד:

געזונגען, געזונגען און נישט דערזונגען,
נאָך אַלץ נישט פון ליד דער סוף.

ווייל —

ס'איז אייביק בראשית אין דער יצירה,
ס'קומט יעדער טאָג מיט זיין נס.
כ'וואַך אויף אין קאַיאָר צו נייער שירה,
אין יונגן בלויען מעת לעת.

דער אייביקער בראשית אין דער יצירה איז אים נישט פאַרבייגע־גאַנגען אומבאַמערקט; זיך פאַרחותמט אין דעם אומרו פון זיין דיכטע־רישער וויזיע, וואָס דינט אים ווי אַ סטימול אין זיינע קינסטלערישע עבודות הינטערוועגנס, אין אונדזער גאָרער פאַרשפּרייטקייט.

מיט אַן אייגן קול און אייגן פּנים

די פּאָליטרע, פון ראָשעל וועפּרינסקי

געבענטשט איז דער דיכטער וואָס לאָזט הינטער זיך איבער אַן אָנ־שטענדיקן און געוויסנהאָפטן, דערצו נאָך — פּאַרליבטן יורש, וואָס איז דערצו נאָך דערוואַקסן און אינטעליגענט, צו קענען זיך אָריענטירן אין זיינע פּאַרבליבענע כתבים, איבערנעמען די אחריות פאַר זיי און זיך גלייכצייטיק אויך באַמיען, זיי צו געבן אַ תיקון אין דער פאָרעם פון ביכער, נאָך דעם ווי דער באַטרעפנדיקער דיכטער טיילט דעם גורל פון אַלע שטערבלעכע און ער ווערט אַ שוכן עפר.

אין אונדזער ליטעראַטור זענען שוין געווען אַ סך פאַלן, ווען די פרויען פון אַ צאָל פאַרשטאָרבענע שריפטשטעלער אונדזערע, גרויסע און קליינע — האָבן זיך ממש מקריב געווען און אַרויסגעגעבן די פאַרבליבענע כתבים פון זייערע מענער, וואָס וואָלטן אפשר אָן זייער באַמיונג, קיינמאָל די ליכטיקע שיין נישט דערזען און אָן יעדן ספק פאַרלוירן געגאַנגען.

אָט די אלמנות אונדזערע פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע שריפטשטע־לער, וואָס האָבן דורכגעפירט אַזאַ אַקט פון גאָרער חשיבות, פאַרדינען אונדזער גרעסטן רעספּעקט, דאַנק און ליבן, פאַר זייער חסד של אמת וואָס זיי האָבן ביז איצט דורכגעפירט, אין אָנדענק און אין כבוד פון זייערע מענער, במילא אויך פאַר דעם בענעפיט און דעם ווילזיין פון אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

אָפּגעזען אָבער פון מיין פיעטעט און דאַנקבאַרקייט צו אָט די ליטע־ראַרישע אלמנות אונדזערע, זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו באַטאָנען, אַז עס זענען ביי אונדז גלייכצייטיק אויך פאַראַנען אלמנות פון שרייבער ביי ייִדן, וואָס זיי אַליין זענען אויך פּאָעטן אין זייערע אייגענע רעכטן. קיינער וואָלט אגב צו זיי קיין טענות נישט געהאַט, ווען זיי באַמיען זיך צו באַ־

זאָרגן זייערע אייגענע ליטעראַרישע הצטרכותן און גיבן אַרויס זייערע אייגענע ווערק, אַנשטאָט די ביכער פון זייערע פאַרשטאָרבענע מענער. אַזעלכע האַנדלונגען אָבער, וואָלטן געווען דורכויס עגאָיסטישע, אויסער די ראַמען פון באַשיידנקייט, און אין אַ סך פאַלן — די פאַרשעמונג פון זייערע מענער, וואָס אַ טייל פון זיי זענען געווען די בויער און מיטשאַפער פון אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור אויף יידיש לשון.

ווען עס טרעפט אָבער אַז אַ פרוי פון אַ פאַשטאָרבענעם שריפטשטע־לער וואָס איז אַליין געבענטשט צו זיין אַ פּאָעטעסע, איז דערוואַקסן געווען באַשיידן און אויך עטיש געווען, צו ברענגען אַ קרבן פון איר זייט: פריער באַזאָרגן דעם עזבון פון איר מאַן און דערנאָך ערשט זיך פאַרנעמען מיט אירע אייגענע ליטעראַטור־ווערטן, — אין אַזאַ פאַל, בויגן מיר אונדזערע קעפּ מיט יראת הכבוד פאַר אַזאַ העלדישער האַנדלונג. נאָך מער אָבער איז צו באַוווּנדערן אַ פּאָעטעסע, די אלמנה פון אַ פאַרשטאָרבענעם פּאָעט מיט סטאַזש און אַ גרויסן נאָמען אין דער ליטעראַטור — וואָס האָט דעם מוט, ניט צוצושטעלן דעם פּאָפּולערן נאָמען פון איר מאַן צו איר אייגענעם ליטעראַרישן נאָמען. דערמיט, וואָלט איך געזאָגט — באַשטעטיקט זיך איר באַשיידנקייט און באַמיונג, אַליין צו שטיין אויף אירע אייגענע פיס, ליטעראַ־ריש — אומאָפּהענגיק פון דער פּאָפּולאַריטעט פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, וועמענס נאָמען פיגורירט ווי אַ לעבעדיקע געשטאַלט אין אונדזער לי־טעראַטור.

אין אָט דעם זין איז די פּאָעטעסע, ראַשעל וועפּרינסקי, אַ מוסטערהאַפּ־טער ביישפּיל פון אַן אויסגעשפּראָכענער, עטישער פערזענלעכקייט אין אונדזער דיכטונג.

ראַשעל וועפּרינסקי האָט זיך, ערשטנס, באַמיט און אויף איר אייגע־נער איניציאַטיוו געווען אינסטרומענטאַל, אַרויסצוגעבן מאַני לייבס שריפטן אין צוויי פּראַכט־בענדער. די סאָנעטן זיינע — אין אַ באַזונדערער אויס־גאַבע. צווייטנס, האָט זי זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט מאַני לייבס נאָמען, ווי אַ שטיצפּונקט צו באַשיינען איר אייגענעם נאָמען, ווי עס איז ליידער דער פאַל מיט אַ צאָל אַנדערע פּאָעטעסעס אונדזערע — וואָס טיילט איר שוין במילא דערמיט אַליין אויס, ווי אַ דיכטער מיט כאַראַקטער, וואָס וויל

בפירוש נישט זייך אַנגעוויזן אויף דעם חסד פון איר מאַן: דעם באמת גרויסן דיכטער — מאַני לייב. דערמיט באַשטעטיקט זיך אגב אויך איר באַשיידנקייט, צניעות — אויב איר ווילט. דערמיט דעמאָנסטרירט זי אויך איר זעלבשטענדיקייט ווי אַ פּאָעטעסע, וואָס איז זייער קאָנטיק אין דער אייגנאַרטיקייט פון איר אייגענער דיכטונג, וואָס נייטיקט זיך אַבסאָלוט נישט אין דער פּאָפּולאַריטעט און אָנשפּאַר אויף איר מאַנס גרויסן נאָמען.

ווי אַ צוגאָב צו די דערמאָנטע מעלות טובות אירע, וואָס גיבן איר צו גאָר אַ סך חשיבות, זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן: לויט דעם איינדרוק פון אירע לידער, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ פּאָעטעסע מיט אַן אייגן קול און פנים, וואָס טיילט זי אויס מיט דער עשירות פון איר לשון, פאָרעם און אייגנאַרטיקן אינהאַלט.

און כאָטש ראַשעל וועפּרינסקי געהערט נישט צו די פּראָדוקטיווע דיכטערינס אונדזערע, האָט זי אָבער די גרויסע מעלה, וואָס דער טראָפּ פון איר דיכטונג ווערט פון איר געשטעלט אויף איכות און ניט אויף כמות, וואָס איז אַ זעלטנהייט ביי פרויען־דיכטער, אויך אין שריפט, אַ דאַנק זייער באַריידעוודיקייט (די באַוווסטע ניין מאָס רייד זייערע בעל פּה...), אַ מדרגה און אַן אייגנשאַפט פון אַ דיכטער, צו וואָס נישט יעדער איינער איז זוכה.

די טעמאַטיק פון ראַשעל וועפּרינסקיס נייסטן לידער־בוך: די פּאַליטרע — איז קאַליפאָרניע, אין דעם פאַרנעם פון איר אויסלייג, מיט איר לירישן צוגאַנג צו זאַכן און געשעענישן, אויף דער פאָן פון אַן אַלץ־אַרומנעמנדיקן כאַראַקטער, וואָס זינגט מיט ווייטיק וועגן דעם גורל פון דעם פרט — דעם מענטש, וואָס וויל נישט אונטערגיין און טרייסט זיך דערמיט, וואָס זיין —

...בילד אויף דער וואַנט\
האָט געזאָגט:\
איך בין דאָ!\
איך האַלט די פּאַליטרע פאַרב:\
דאָס גרין, דאָס ראָז, דאָס גאָלד;\
דאָס ליכט און שאָטן פון דעם וואַלד,

די עקדיש־דינע מאַלערישע האַנט —
כ׳וועל איינדרעמלען אין די אייביקייטן
זיין געשטאַלט
ערגעץ
אויף
אַ וואַנט.

וואָס איז אָבער אַ קנאַפּע טרייסט, קעגן דעם גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט.

אין אירע לידער טויכט־אויף דער אומבייט און דער רייץ פון דער נאַטור אין די פיר סעזאָנען פון יאָר, אין דער באַגלייטונג פון דעם הינטער־טאָן פון הבל הבלים שטימונגען; די גרויסשטאָט מיט איר הייגטצייטיקן ריטעם און אימפעט; דער פּאָרטרעט פון איר יונגשאַפט, אין דער עשירות אינעם גאַנג פון אַן אימפּולסיוו לעבן אין רעטראָספּעקט, ווען —

דאָס רויע מויל
פאַרגאַפט אין ניט פאַרשטיין
פון בלוט
דאָס בענקען
נאָר עפּעס וואָס, פאַרהוילן
אין אומקלאָרן געדענקען...
— — — — — — — — — —
אויך
דעם ווייסן פלאַם פון לידער, וואָס ווילן ווערן
הויך און ציטערדיק ווי שטערן.

וואָס רעזאָנירן איצט ווי מיסטישע ליכט־פלעקן, אין אירע פּאָעטישע קרעדאָס.

דער אופן פון איר זינגען, ליידט נישט פון קיין אָנגענומענעם שאַבלאָן, האַרמאָנירט מיט די בעסטע דערגרייכונגען פון אונדזער רייכער פּאָעזיע, אין זין פון אַ זיך־באַנייענדיקער פאָרעם און לשון, וואָס גיט זיך אונטער

מיט דער עכטקייט, קלאָרקייט און דער קאָנקרעטקייט פון אירע בילדלעכע שילדערונגען, און דורכויס ניט-געקינסטלטע לידער.

די לידער אירע א. נ. געזאַנג צו דיר, פּיבערן מיט דעם לירישן פּאַטאָס פון אַ פאַרליבטער פרוי־און־פּאָעטעסע, וואָס געפינט אַלע מאָל דעם פּאַסיקסטן אויסדרוק פאַר אירע געפילן פון ליבשאַפט, בענקשאַפט, פאַרערונג, צער, געוויין און פאַרטיפטער איינזאַמקייט אין דעם גורל פון איר אלמנהשאַפט.

און כאָטש זי רופט דאָ נישט אָן איר געליבטן ביים נאָמען, ווייסן מיר אַלע וועמען זי מיינט. און אין די אויגן פון די וואָס האָבן זוכה געווען צו קענען און געדענקען, ליב האָבן, פאַרערן און רעספּעקטירן אונדזער באַליבטן פּאָעט מאַני לייב, לעבט ער ממש אויף אין אירע צאַרטע געזאַנגען צו אים, מיט זיין צניעותדיקן אויסזען, ווען —

אַן אויפגעליכטיקטער ביסטו געגאַן
אַנטקעגן אייגענעם פאַרגיין
אין דיינע לידער,
ווי נאָר דו אַליין.
און ביסט אַוועק אין הוילער ליכט.
און דאָ בלייבט דיין וואָרט,
פון וואונדער איבער וואונדער...
און איצט —
ווען ס׳וועט דיין לעצטער לייענער
פאַרגיין —
וועט לייענען די לידער דיינע
גאָט אַליין.

וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צאַרטן און איידעלן פּאָעט — מאַני לייב, אין דער מאַניפעסטאַציע און פרומסטן ווונטש פון אַ פאַרליבטער פרוי און פּאָעטעסע, וואָס באַזיצט אַלע פּאָטענצן, אויף איבערצוזעצן אירע געפילן און עמאָציעס, אין פראַכטפולע לידער.

אין איר אייביקן חלום און וואַרטן אויף אים, ברענגט זי אים ממש צוריק צום לעבן — אין אירע רירנדיקע לידער וועגן אים. הערט אַדרבה, ווי זי זינגט:

קומסט אָן מיט דער באַן,
פון שטאָטישן יאָגן.
און אַז דו קומסט אין שטוב —
וואָס נאָך קען מיר קומען?

און —

כאָטש ס׳איז נאַכט און ס׳איז שפּעט,
איז די זון אויך געקומען...

אין־איר און אַרום־איר, איז אייביקע נאַכט. זי זעט נישט די זון, זי איז אָבער תמיד באַהערשט פון דעם באַוווסטזיין, אַז —

כ׳טראָג דיין ליד ווי ליכט, ווי פאָן — —

וואָס באַרייכערט איר אייגענעם לעבן מיט דער אילוזיע, אַז —

ערגעץ הויך, צווישן פרעמדע שטערן
שווימט דיין פּנים
און שפּיגלט אַריין אין מיר.

און —

וואו איך בין ביסטו דאָ.

אין איר גרויסן צער טרייסט זי זיך מיט „דאָס קעסטעלע מיט בריוו״, פון וועלכן זי הערט אַרויס זיין קול —

און ווי דיינע ליפּן צערטלען — מיין נאָמען.

די דיכטערין דאַנקט אים, וואָס ער האָט זייער ליבשאַפט אין זיין כישוף־וואָרט געפאַנגען, ווייל —

דאָרט לעבט זי איביק,
איביק איז זי יונג —
די האַנט פון טויט בלייבט טויט
און קאָן די ליבע־ווערטער נישט דערלאַנגען.

וואָס איז אויך מרמז אויף מאַני לייבס איביקן כּישוף־וואָרט אין אונדזער פאַרצווייגטער דיכטונג, וואָס געפינט אַגב אַ זעלטענעם תּיקון אין איר זעלטענעם ליד: אַ ל ו י ב, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די גאָרע פאַר־ערונג אירע פאַר „דעם גרוי־אויגיקן פּרינץ״ —

אַן איידל־פאַרליבטער אין מײנדסטן באַשאַף —
— — — — — — — — — — — —
און מערער ווי מער —
אין הויכער שליחות
פון שטאַמלדיק וואָרט,
וואָס ער האָט געקלאָרט
און געפּאָרט
מיט אַ וואָרט.
און ער האָט זיי געגעבן
פאַר אַ שטוב זיין ליד,
פאַר ליכט —
זיין לעבן.

וואָס דינט דאָ ווי אַ פּאָעטישער פּירוש אויף מאַני לייב „דעם גרוי־אויגיקן פּרינץ״, וואָס האָט דאָ געוויילט אַ ווייל...

אין איר פילאָזאָפירן און מעדיטירן איבער זיין לעבן און טויט בכלל, געפינט זי אַ טרייסט אין ד י י ן כּ ת ב, ווייל דאָ —

אין די קרומע אותיותלעך פון דיין כּתב...
דאָ ביסטו דאָך!
דאָ צאַפּלסטו מיט הויט און ביין!
די אותיולעך הויקערן זיך מיט חן

שמייכלען, וואַרעמען זיך אין מיין בלוט אַריין —
דאָ רעדט, דאָ ווײנט דיין האַנט...
דאָ בעט, דאָ גלעט דיין האַנט — —
דיינע נערוון צוקן, צאַקן — — —
ביסט לעבעדיק מיט יעדן קנייטש,
אין פנים פון דיין כתב.

וואָס האַלט איר תמיד געשפּאַנט און וואַכזאַם צו זיין שעפּעריש לעבן, צוליב דעם, ווייל —

מיין בענקשאַפט זיצט אין מיר
ווי אַ פלאַנץ און בליט
אַזוי פריש
ווי דאָס גראָז
אויף דיין קבר.

צוליב דעם, דער רירנדיקער פינאַל פון איר געזאַנג צו דיר —

לאָמיר זיך ווידער באַגעגענען,
מיר וועלן שטיין
צוויי מצבות
מיט ווינט צווישן זיך.

די הויפּט מעלה פון ראַשעל וועפּרינקיס לידער ליגט, אין דעם צימ־צומדיקן אויסדרוק פון אירע זעונגען און רעיונות. אַלע אָן אויסנאָם זענען זיי קאָנדענסירט אין אַ מינימום פון ווערטער טרעפלעכע, וואָס זענען אין זיך כולל דעם תמצית פון אירע איבערלעבונגען און עמאָציעס, אין דעם אויסלייג פון אַ בילדלעכן לשון, וואָס נייטיקט זיך ניט אין קיינע פירושים. און הגם זי ווייסט נישט —

ווער רייסט זיך עס אין מיר
צו ווערן וואָר —
די ליבע צי דאָס ליד ?

האָט איר ליד אין איר גובר געווען אַלע אַנדערע ליידנשאַפטן אירע; איר אַרויפגעפירט אויף דעם דרך־המלך פון אמתער דיכטונג, אין וועלכער זי איז געווען און פאַרבליבן אַן אַנזעעוודיקע דיכטערין מיט אַן אייגענעם קול און פנים, אַן דעם זינלאָזן געיעג נאָך פירסום אין כמות, און אויך אָן די שמד־שטיק פון פרעטענזיעס אויף מאָדערניזם.

און אויב זי האָט געחלומט:

מיט דורשט פון מיין מויל
באַרירן דאָס אָרט
פון גאָטס קוואַליקן וואָרט — —

האָט זי עס אפשר טאַקע דערגרייכט, אַ דאַנק איר באַשיידנקייט און אַמ־ביציע צו שטיין אויף די אייגענע פיס, אָן דעם צוגאָב פון איר גרויסן מאַנס נאָמען: דער אומפאַרגעסלעכער מאַני לייב — מיט אַן אייגן קול און אויך אייגענעם פנים.

אלף כץ — די אמתע חתונה

ווען דיכטונג, ווי אַ טעמע, פֿאַלט אַריין אין דעם מויל פֿון אַ פּאָעט, ווי עס איז דער פֿאַל מיט דעם טאַלאַנטירטן פּאָעט אלף כץ, אין זיין נייסטן בוך די אמתע חתונה — באַפֿליגלט זיך זיין פֿאַנטאַזיע מיט דער עשירות פֿון די קלאָרסטע זשונגען, אין דעם לבוש פֿון אַ לשון, אין וועלכן עס ניגונט־אויף דער ריטעם פֿון זיין וואָרט אין דער צויבערהאַפֿטער באַהעפֿטונג פֿון אותיות און זילבן, וואָס זענען אין זיך כולל דעם זין פֿון דעם אויפֿזינג, אַז — אין אַלץ איז דאָ אַ ליד.

צוליב דער היפּאָטעזע זיינען, אַז אין אַלץ איז דאָ אַ ליד, וואָס זוכט אין וואָרט אַ היים, ווערט ער געטריבן פֿון זיין אינטואיציע צו דורכ־ויס שעפֿערישע מעשים.

און צו וואָס אלף כץ רירט זיך נישט צו, ווערט עס ביי אים באַלד פֿאַרוואַנדלט אין דעם ווײַן פֿון דיכטונג, וואָס רייסט דיך מיט ביז צו שיכרות, וואָס פֿאַרסודעט זיך אין דעם אויפֿזינג פֿון סימבאָלן, וווּנדערלעכע מעשיות, באַלאַדן און משלים, פֿאַר יונג און אַלט צוגלייך.

די פּאָעטישע מיטלען מיט וועלכע אלף כץ באַנוצט זיך, כאָטש — קאָמפּליצירטע, לייגן זיך ביי אים אויס אין דער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט פֿון גראַמען, נישט זעלטן — אָריגינעלע, אין דער פֿאַרברידערונג פֿון יידישע און העברעיִשע ווערטער, וואָס זענען זיך נישט סותר איינער דעם אַנדערן, אין דער שפּילעוודיקייט פֿון זייער בשותפֿותדיקן ריטעם.

אלף כץ איז אויך אַזוי פֿיל פֿאַרהיימישט מיט זיינע לייענערס, אַז ער פֿאַרלויפֿט ממש דעם וועג פֿון זיינע פּאָטענציעלע קריטיקערס. דורך דעם אַנווענד פֿון זיין סטיל און די קאָמפּליצירטסטע פּאָעטישע מיטלען זיינע, פֿאַראיינפֿאַכט ער זיין טעמאַטיק און ער פֿירט זיינע לייענערס אַליין אַריין אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון זיין דיכטונג און ער זיגט פֿאַר זיי אויס

די ברי̇ק פון ווערטער, אין וועלכער ער קומט צום אויסדרוק דער גראַמען־גלי, ניגון פון וואָרט, לאַסט פון זין און אַלץ מיטאַנאַנדער, וואָס דינט אים ווי דער רוי־מאַטעריאַל פאַר דער יצירה פון זיין ליד.

זיין ליד איז וועלטלעך אין פאַרנעם, אין דער אַפּשפּיגלונג פון טיפּיש־יידישע אויגן, וואָס זענען תופס דעם צער און די פריידּ אין דער איבערלעבונג פון אַ היינטצייטיקן יידישן מענטש, וואָס יאָגן אים אָן, ווו ער זאָל נישט געפינען. (זע די פּאָעמע דאָס אויג און דאָס ליד, 44—39).

ווי אַ דיכטער מיט פאַרנעם און זעלטן־רייכער פאַנטאַזיע, איז אלף כך נישט נאָר נישט גלייכגילטיק צו דעם דומם, נאָר — אין קעגנטייל, ער איז פיבערהאַפט פאַרדביקהט צו דעם זין פון זיין עקזיסטענץ אויף דער ערד און אין דעם חלל פון דער וועלט.

זיין אויג איז דעריבער אַלעמאָל וואַך צו דעם צמח, שטיין און בוים, וואָס געפינען אַ שעפערישן אויסדרוק אין זיין פּאָעמע דער לעצטער בוים, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק זיין אַליין־זיין, יאוש, קאַשמאַר און געבעט — די טראַגישע איבערלעבונג, די לעצטקייט פון אַ בוים וואָס תפילהט:

— — — באַפעל דעם ווינט און רייס מיך אויס ווי אַלע\
ביימער מיינע;\
פאַר שטאַרבנדיקע צו זיין אַליין איז ביטערניש און שפּאָט,\
אַן איינציקער און איין־אַליין — אַזוי קען זיין נאָר גאָט.

און אין דעם לעצטן אויפזינג פון דעם לעצטן בוים — דער געזאַנג פון בטחון:

דאָס קול וואָס האָט גערעדט אין בוים, געוואָרן איז\
אַנטשוויגן,\
נאָר אין די צווייגן זיינע האָט געריזלט שטיל אַ ניגון.\
דער בוים האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ — אַן אָדלער\
גרייט צום פלי\
און אָנגעהויבן וואָרטן אויף אַ נייעם אינדערפרי.

וואָס איז אַ האָרעלע נישט אַנדערש אין דער איבערלעבונג זיינער, פון דעם בחיר היצירה — דעם מענטש.

אין זיין נייגונג צו פילאָזאָפירן איבער די פּראָבלעמען פון זיין צייט און זיין דור, געפינט אלף כץ אַ תיקון ...אין ווונדער פון רייד... וואָס לייגן זיך ביי אים אויס אין דעם ווונדער פון לידער מיט אַ וועלטלעך־יידישן תוכן, מיט אַ טרער אין קעל, וואָס פאַראיידלט זיך אין דער דינקייט פון זיין צער, וואָס ווערט פון אים נישט פאַרשוועכט מיט קיין איבערפלוס פון באַנאַלע רייד, זינלאָזער רעטאָריק, וואָס דאַמענירט דעם פסעוודאָ־דיכטער, אונטער דעם אויסרייד און דער פרעטענזיע פון כלומרשטן מאָ־דערניזם — וואָס רירט דיך מיט דער געבענטשטער פשטות פון זיין לשון (זע: מיין דור איז מיין שותף, 52—49), און וואָס שפירט אין דעם ...רויש פון די בלעטער... אַז —

פאַר אונדז אָבער האָט ער אַן אַנדערן מיין,
ווייל ער איז אַן עכאָ פון אונדזער געוויין.

אין זיין ליבשאַפט, פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר דיכטונג, פאַר־בלינעט ער זיך ממש מיט זיינע פאָעטישע המצאות, וואָס כאַטש ער אייגנט זיי צו צו דעם בראַצלאַווערס וואַלד, אָטעמען זיי פאָרט מיט דער פרישקייט, אויב נישט אָריגינאַליטעט און אייגנאַרטיקייט פון זיין אַנ־שויונג, וואָס זינגט מיט התלהבות —

אַז אַלץ וואָס אַ מענטש אין זיין לעבן פאַרמאָגט,
איז גאָרנישט אַנטקעגן דעם גרויסן געשאַנק,
וואָס ווערט אים געגעבן — דאָס שטילע געזאַנג
פון פשוטע ווערטער, וואָס טיף אין אים שטענדיקט,
וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און ווערט ניט פאַרענדיקט.

די אָריגינאַליטעט דערפון באַשטייט אין זיין שטילן געזאַנג פון פשוטע ווערטער, וואָס גיבן זיך דיר איבער מיט דעם רייץ פון קלאָרקייט, וואָס באַנייט אַפילו זיין לעקסיק מיט דער בויגזאַמקייט און דעם אויפפלאַם פון אַ נייעם קנייטש און באַדייט, וואָס ער עקשנט אַריין אין אַלטע ווערטער,

ווי: שטענדיקט; גע׳אפשר׳ט; געבוימט; פאַר,תפיסה׳ט; פאַר,תיקונט און אַ סך ענלעכע וואָרט־אינאָוואַציעס.

די זעלטנסטע אייגנשאַפט פון דער דיכטונג פון אלף כץ איז פאַר־סודעט אין ד ע ר פּאַטענץ, כוח און דער גבורה זיינער, צו קענען צוימען זיין צער און זיין פרייד צו אַזאַ מדרגה, אַז די איבערלעבונג זיינע, ווי אינ־טענסיוו, אַקטועל און רירנדיק זי זאָל נישט זיין, באַקומט זיך ביי אים אין אַזאַ קאָנצענטרירטע פאָרעם פון אויסדרוק, וואָס צווינגט דיך אים צו באַוווּנדערן, אויב נישט גאָר מקנא צו זיין...

אַזאַ איינדרוק למשל האָב איך פון זיין פּאָעמע ד ע ר ב י י ע ר ה י מ ל, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די פריידיקע זעונג זיינע פון דעם נס ישראל, אויף אַ הינטערגרונט פון געוויין פון דורות, צו וואָס נישט יעדער דיכטער ביי אונדז איז זוכה און מסוגל.

צוליב דעם מעג דאָ אין קורצן געזאָגט ווערן: דער אַכטער לידער־בוך פון אלף כץ איז אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר אים גופא און אויך פאַר אונדזער דיכטונג אין אַלגעמיין, אויף יידיש לשון.

ביידע מעגן זיך דערמיט איבערנעמען און שטאָלצירן.

די צייכענונגען פון יצחק פרידלענדער זענען אויף אַזוי פיל געראָטן און איינגעגעבן, אַז זיי אַנטשפּרעכן באמת דעם שפּילעוודיקן אויפזינג פון דעם פּראַכטפולן לידער־בוך — די אמתע חתונה, פון דעם זיך אַלץ באַ־גייענדיקן פּאָעט אלף כץ.

מלכה לי — אין ליכט פון דורות

די דיכטונג וואָס איז עכט, פאַרנעמט זיך און ווערט קיינמאָל נישט מיד צו פאַרנעמען זיך מיט אַ טעמאַטיק פון אייביקע ווערטן, אין וועמענס זכות זי לעבט פּערמאַנענט, אין דער ליכט און אין דער געדעכעניש פון דורות, וואָס כאָטש זיי אַליין בייטן זיך אומאויפהערלעך, שטויסן זיי אָבער אייגע די אַנדערע אַריין אין דעם מיסטישן אויפלויכט פון די קאַלירנפולסטע פאָרמען, וואָס האַלטן אין זיך אויף די עלעמענטן פון אייביקע ווערטן.

אַ דיכטער מיט טאַלאַנט איז אין דער טענאַטיק פון זיינע איבערלעבונגען דעריבער, קיין מאָל נישט באַגרענעצט. נאָך מער, די וואַריאַציונגען וואָס ער ווענדט אָפּטמאָל אָן, לאָמיר זאָגן פאַר אַ ביישפּיל, אויף די סעזאָנען פון יאָר, וואָס ווידערהאָלן זיך אַגב יאָר־איין, יאָר־אויס, דאָמינירן נישט זעלטן זיין מענטאַליטעט, וואָס דערמעגלעכן אים צו פאַרוואַנדלען זיין אינטויציע אין דיכטונג, וואָס איז אַלע מאָל ניי, קאָלירפול, נישט מאָנאָטאָן, וואָס אָטעמט דער עיקרשט מיט דער שיינקייט פון נייקייט, אַפילו — חידוש, וואָס מוז פאַרכאַפּן און מיטרייסן אַ מיטשעפּערישן לייענער און געניסער פון דיכטונג וואָס איז עכט, וואָס קען נישט, וויל נישט און באַדאַרף אויך נישט פאַרטראָגן קיין ליטשעטנז, זינלאָזע פּראַזעאָלאָגיע, מיט צי אָן גראַמען.

די פּאָעטעסע מלכה לי, געהערט צו אָט דער קאַטעגאָריע דיכטער אונדזערע, וואָס מיט יעדן נייעם לידער־בוך אירן, איז זי עפּעס מחדש.

אין דעם באַשטייט איר דערגרייכונג און אונדזער געווינס.

מיט דער אינטענסיוויטעט און סענסיוויטעט פון אַ זעקסטן חוש, לעבט זי זיך, למשל, איין אין דאָס קלענסטע גרעזל (ז. 33).

מיט דער קלאָרקייט פון אַ וויזיאָנער, פאַרוואַנדלט זי דעם צער

פון דער שפּראַצונג — דאָס קלענסטע גרעזל — אין דער צייט פון שטורעם, אין אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וועמענס ווילן צו לעבן —

וועו עס ליגט אין גראָזן־פעלד פאַרגעסן —

רירט אונדז ממש, דורך דער פאַרמיטלונג פון איר לשון און קלאָרקייט, מיט דער זעלבער איבערלעבונג, ווי לאָמיר זאָגן — ד ע ר צער אונדזערער אויף דעם גורל פון אַ מענטשן אין אַן ענלעכער לאַגע, ווען ער איז עלנט, פאַרלאָזן און פון אַלעמען פאַרגעסן, ווייל —

וועו עס בליצט און עס דונערט אין די רוימען,
דאָס יונג גרעזל וויל נאָך ניט פאַרגיין.

און פונקט ווי דאָס גרעזל וויל נאָך נישט פאַרגיין און עס קעמפט עקשנותדיק פאַר זיין עקזיסטענץ, ביז עס —

...ווישט זיך אויס דעם טוי פון אויגן,
און גלייכט זיך אויס פון טיפן פאַל —

אַזוי קעמפט אויך מלכה לי אין דער מלוכה פון אונדזער וואָרט, פאַר דעם אויפקום, אויפלויכט און דער באַנייונג פון א י ר ליד, וואָס זי רופט אין זיך —

...אַרויס דורך שטילקייט פון שווייגן,
דורך שיינקייט פון בליאונג אין פאַרבן...

אַ מעדיום וואָס איז בלויז אייגן אַ דיכטער אין איביקן טאָגן, מיט די בעסטע קוואַליפיקאַציעס אירע זעונגען צו פאַרוואַנדלען א י ן אַ דיכטונג פון אייביקע ווערטן.

נישט אומזיסט זינגט זי מיט אייפער, אין איר ליד: צ י נ ד אָ ן ד י י נ ע בליצן (ז. 25):

נעם אַרום מיך מיט רויש פון בוימער,
מיט ווינטן באַקוש איצט מיין גאַנג,

טו אויס מיך פון פינצטערן חומר —
זיין זאָל איך לויטער געזאַנג.

וואָס פאַלט זיכער צענויף מיט דעם ריטעם פון אירע געזאַנגען, וואָס בינדן זיך ווי גאַרבן אין דעם אויסלייג פון אירע פינף לידער־ביכער.

די דיכטערין מלכה לי האָט אַמאָל, ווי אַ סך פון אונדז — געבלאָנדזשעט אין אירע אַנשויונגען, סאָציאַלע נייגונגען און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן אירע סאָציאַלע אַני־מאַמינס, זאָל דאָ באַטאָנט ווערן — זענען ביי איר אָבער אַלעמאָל געווען פאַרוואָרצלט אין אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל לגבי איר קלאַס, אַדאָפּטירטן לאַנד און — עם ישראל. אויף דעם זאָגן עדות אַ צאָל לידער אירע פון יענער איבערגאַנגס־צייט. אַזוי גיך אָבער ווי עס איז געקומען צום הויך־פּונקט פון אַ קריזיס אין אירע אַנשויונגען, דער פאַרראַט און די פאַרשעמונג פון איר אומה מצד יענער טריפהנער סביבה, איז זי געווען איינע פון די ערשטע צו מאַכן אַן עקסטרעמען איבערברוך אין איר ליטעראַריש־פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אָנגעהעריקייט.

אויף דעם זאָגט עדות איר ליד **ווי אַ פויגל געיאָגט**, אין וועלכן די פרעגט מיט נישט ווינציק ווייטיק, צאָרן און פּיין:

ווער וויל פאַרשטומען מיין קול
ווען איך זינג מיין ליד?

וואָס וועט אונדז אַלע מאָל דינען ווי אַ דערמאָנונג אָן דעם, ווי זי האָט זיך באַמיט **אויסמיידן דעם האַס**, אויף דעם רוף פון איר אייגענעם געוויסן, —

ווי אַ פויגל געיאָגט
מיט אַ ליד אין מיין מויל...

און איר אַ שטויס געטאָן צו נאָך מער שעפערישע מעשים, אין דעם אויסגוס פון אַ גרעסערן און נאָך מער אַקטועלן פאַרנעם פון אַ יידישער טעמאַטיק, ביז איר פראַכטפולן אויפזינג פון לידער אויף ישראל־מאָטיוון.

צוליב איר פּריוויליקן באַפרייען זיך פון די שערי הטומאה סביבה, האָט זי איר ליד צוריקגעפירט צו די אָריגינעלע קוואַלן פון איר יידישקייט־באַוווּסטזיין, וואָס געפינט אַ זין אין דער היפּאָטעזע, אַז —

דער יידישער גייסט איז אויף אייביק באַהיט,

וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין איר מיסטיש־סימבאָלישן ליד די האַק (ז. 50). צוליב דעם טאַקע אויך איר טרייסטנדיק געזאַנג, אין איר ליד זיי שטאַרק מיין פאָלק (ז. 52), אין וועלכן זי זינגט טיילווייז אַזוי:

דורך אַלע גזירות פון יסורים,
זיי שטאַרק מיין פאָלק, און גורט זיך אָן.
נאָך יעדן מבול, נאָך יעדן שטורעם
גייט אויף, גייט אויף די זון!

צוליב דעם דאָס רירנדיקע געזאַנג פון אַ צאָל נאָכפאָלגנדיקע לידער אירע אויף דעם גורל פון פאָלק און דעם גורל פון זיין תורה, וואָס איז געבליבן אַליין, געבליבן פאַרשעמט...

אירע לידער און פּאָעמעס אָטעמען מיט אַ געזונטער פּשטות, וואָס פאַרכאַפּן מיט דער קלאָרקייט פון איר לשון. אָט איז אַ מוסטער פון איר פּאָעמע דזשאָן דיקס (ז. 73):

ראָק היל אין שטילער רו
מיט האָרבסט און רויטן מאָן.
ערגעץ וויינט אין פעלד אַ קו,
ערגעץ קרייט אַ האָן.

אַ גאָר רירנדיקן איינדרוק מאַכן אירע חורבן־לידער, אויף דער פּאָן פון אַ לירישן הינטערגרונט, ווי למשל איר ליד וואו איז דער קבר פון מיין מאַמען? (ז. 85):

איך וועל עולה־רגל זיין צו מיין היים
דורך ווייטע שטעט, דורך ווייטע ימען.

דורך וויגט און שניי זוכן איר געביין —
וואו איז דער קבר פון מיין מאַמען?

און אין אַ צווייטן ליד:

ריר נישט אָן מיט קיין האַק אויף קיין צוויג —
עס איז אַ בוים פאַרפלאַנצט נאָך מיין מאַמען.
איך פיל דעם שניט אויף מיין אייגענעם לייב,
טו ניט וויי מיט דער האַק אירע שטאַמען...

אין איר יאוש און דערשלאַגנקייט געפינט זי בלויז אַ טרייסט אין אַ בוים נאָך מיין מאַמען:

אויף די בערג פון יהודה, דאָרט אויבנאָן,
וועט בליען אַ בוים צווישן זעקס מיליאָן.
אַ בוים וועט דאָרט וואַקסן מיט בוימער צוזאַמען,
אין אָנדענק פאַרזייט נאָך מיין הייליקער מאַמען.

די לידער אירע פון דעם קאַפּיטל ה, אָטעמען מיט אַ זעלטן קאָסמישער שיינקייט אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די פרייד פון וואַקסן אין אַ וועלט אַ צעבליטע.

דאָ קומט צום אויסדרוק אַ פלירט פון בוימער, וואָס ...קושן זיך מיט ווינטן מילד...

בוימער רוישן, בוימער טרוימען,
באַהעפטן זיך מיט זון אוןווינט.
ערגעץ ווערט פאַרזייט אַ זוימען
אין אייביקייט — אַ וואַלד שוין גרינט...

דאָס איז דער אייביקער אויפזינג פון דער גאָרער יצירה, וואָס זינגט זיך אַריין אין דיין געמיט, בלויז מיט דעם כוח און דורך דער פאַרמיטלונג פון דיכטערישע ווערטן, אין דעם אויסלייג דערפון, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם נאָמען: עכטע דיכטונג.

וועגן דיכטער און דיכטונג, זייער מהות און פאַרנעם, איז שוין אַ סך

געשריבן געוואָרן. דער אמתער שליסל אָבער, צו דעם זיך אַלץ באַנייענ־דיקן פּראָבלעם פון דיכטער און דיכטונג, איז אַלעמאָל געליגן און ליגט, אין די הענט פון טאַלאַנטפולע דיכטער, וואָס רעאַגירן איבער דעם אייגנ־אַרטיק, אָריגינעל אויב איר ווילט — אין אַ צאָל לידער זייערע.

מלכה לי, ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט מיט אייגענע נייגונגען, אַפילו מחשבות — איז דאָ נאַטירלעך נישט קיין אויסנאַם.

אינטערעסאַנט איז אָבער יאָ איר געוואָגטער צוגאַנג דערצו, וואָס וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף אונדזער פּאָעטישן קלימאַט, וואָס איז נישט זעלטן פאַרנעפּלט מיט אַ רייצנדיקן, אַפילו אָנשטעקנדיקן אַרויספּאַל (אויעט־פּאָלל בלע״ז), באַנוצנדיק זיך דאָ מיט אַ היינטצייטיקן אַטאָמישן פאַרגלייך און אויסדרוק. אָט איז אַ ביישפּיל:

אין פּרדס פון דיכטונג קען מען ניט אַריין
דורך חניפה, רשעות און מסירה.
אין פּרדס פון דיכטונג לויכט אַ ציטער־שיין,
מען קומט אַהין דורך הייליקער יצירה.

זאָלן עס געדענקען אונדזערע פּסעוודאָ־דיכטער פון אַלע ריכטונגען און מדרגות. און ווייטער:

אין פּרדס פון דיכטונג דאַרף מען באָרוועס גיין,
מיט הייליקייט פון שבתדיקע ליכטער.
און קומען צום היכל ווי די באָבעס פרום און ריין
און ניט מיט גיפט און גאַל אויף דיכטער.

אינטערעסאַנט זענען אירע לידער פון אַ פעמענינען כאַראַקטער, וואָס זענען ביי אונדז בכלל נישט גרויס אין צאָל. דאָ קומען באַזונדערס צום אויסדרוק, דער כאַראַקטעריסטישער צער און די אינטימע איבערלעבונגען, ליידנס־געפילן פון דער פרוי־און־מאַמע, אין אַ וועלט פון גאַרן סאָציאַלן אומיושר.

פרויען — איך זע אייך אין בליאונג
מיט אויפגעבויכטער מוטערשאַפט,

מיט הייליקן פרוילעכן ציטער.
דורת־טראַגנדיקע מאַמעס,
איצט — זאַנגען פאַרן שניטער.

אירע לידער א. נ. אבלים, פאַרשעם ניט מיין ליד און דאָס ליד יידיש, וויטיקן אויף דעם גורל פון אונדזערע אַוועק־געגאַנגענע פּאָעטן, און אויך אויף דעם גורל פון אונדזער יידיש לשון. זי פרעגט:

פרילינג וועט יעדן יאָר קומען.
ווער וועט פאַרהיילן דעם שניט?

און איר תפילה איז:

שכנים, געדענקט יעדן נאָמען —
פאַרשעמט ניט דאָס יידישע ליד.

זי באַטאָנט:

איך האָב דורך מיינע גורל־יאָרן,
ווי זאַנג צו זאַנג מיין ליד געפּאָרט,
אָפּט דורך פּיין מיין שניט געשאָרן,
נאָר אָפּגעהיט מיין יידיש וואָרט.

און וועגן יידיש לשון זינגט זי אַזוי:

ניטאָ אַזאַ כוח יידיש צעשטערן,
די צונג פון יידיש פאַרשטומען.
יידיש, געהייליקט דורך יידישע טרערן
וועט לויכטן ווי זיבן זונען.

ווען אַלע אונדזערע יידיש־שרייבער, פּאָעטן און שריפטשטעלער — זאָלן האָבן אַזאַ צוגאַנג צו יידיש לשון, וואָלט די מערכה אונדזערע זיכער נישט געווען אַזאַ פאַרצווייפלטע, ווי זי איז.

פון אַ באַזונדערן ווערט און כאַראַקטער זענען אירע לידער פון־און־

וועגן מדינת ישראל. זיי אָטעמען מיט דער אוממיטלבאַרער פרייד, באַגייסטערונג און עכטקייט פון אַ טיפּיש־יידישער טאַכטער־פּאָעטעסע, וועמען עס איז לגמרי פרעמד יעדער אָנשטעל פון צביעות, אונטער דעם צודעק און פאַלסיפיקאַציע פון אַ קינסטלערישער רעטאָריק, צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס איר איבערלעבונג איז פאַרוואָרצלט אין דער עכטקייט פון דעם דעוויז, אַז — איך בין געקומען אַהיים צו מיין מאַמען, און אַז ...אייער ניגון זינגט אין מיינע יידישע געזאַנגען...

צוליב דעם איר פריידיק געזאַנג:

הער, ישראל, אינעם נגב־זאַמד,
אין יעדן זעמדל זידן מיינע טרערן.
הער, ישראל, ווי אַ וואַסער קוואַלט,
אינעם נגב־זאַמד נעמט זיך אַן אַ זוימען.
צווישן יעדן שטיין און פעלדזן־שפּאַלט
גרינען דאָרט מיינע טרוימען.

דאָס זענען די טרוימען פון אַן איידעלער יידישער טאָכטער אין ליכט פון דורות — די טרוימען פון דער באמת טאַלאַנטירטער פּאָעטעסע מלכה לי, וועמענס געזאַנגען וועלן אַלעמאָל פאַרבלייבן אָנזעעוודיק אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

אַליין מיט זיך

פון אליהו רייזמאַן

דער עצם באַגריף פון זיין מיט זיך אַליין אין דעם לעבן פון אַ פּאָעט, איז באַלד מרמז, אויף דער לירישער אַנטפּלעקונג פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, אין שייכות מיט זיינע עטיש־עסטעטישע קינסטלערישע אַנשויונגען און אויך זיין אופן פון אויסדרוק, וואָס זענען במילא גיל־טיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן יחיד, כאָטש אין גרונט גענומען רעדט, ציי זינגט דער דיכטער פון זיך גופא, אין זיין אייגענעם נאָמען.

און טאַקע דערפאַר, וואָס זיין זינגען וועגן זיך גופא איז אָפט כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דעם כלל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די פאַראַלגעמיי־נערונג פון דעם פּרט, דעם יחיד — נעמען מיר אים אָן ווי אַ ליריקער, וואָס שפיגלט אָפּ און ער איז כולל אין זיין דיכטונג, דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון יחיד בכלל, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט די שטימונגען, אַנשויונ־גען, פרייד און לייד פון דעם דיכטער וואָס איז אַ ליריקער.

אַליין מיט זיך, איז דעריבער אַ טרעפלעכער נאָמען פאַר דעם לידער־בוך פון דעם לירישן פּאָעט אליהו רייזמאַן, אין וועלכן זיין ליריק שלאָגט אָן דעם טאָן פון עכטקייט אין זיינע קאַלירפולע, אָפט פיינלעכע — איבערלעבונגען, וואָס זיינען אייגן יעדן יחיד, וואָס נעמט אויף דאָס לעבן מיט אָפענע אויגן און געפינט פאַר דעם אָן אויסדרוק אין דעם אויפזיבג פון דעם פּאָעט, וואָס זינגט וועגן אַ שטערן למשל, אַזוי:

אין שטילקייט פון נאַכט אָטעמט טיפער דאָס האַרץ פון דער וועלט
מיט ליבע צו אַלץ, וואָס באַשאַפן זי האָט און דערצויגן.
נאָר מאַכט זיך אַ טאָג, וואָס איר ענגשאַפט דעם וועג מיר פאַרשטעלט,
איך שלייך זיך אַרום, ווי אַ בלינדער, מיט אָפענע אויגן...

אין אָט דעם לירישן אויפזינג, באַקומט זיך אַ קלאָר סינטעטיש בילד פון וועלט און מענטש, אין דער איבערלעבונג פון אַ לירישן פּאָעט, וואָס שפּיגלט אָפּ די יצירה אין דער מענטאַליטעט פון פּרט אין אַלגעמיין, וואָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דער ליריק.

אין זיין טראַגישער באַציונג צו דעם לעבן, וואָס איז קאָנטיק דער גורם פון זיין שעפערישקייט, באַקלאָגט זיך אליהו רייזמאַן, אַז —

א נאַכט אַזוי שוואַרץ און געדיכט
באַדעקט האָט מיין זיין אויף דער ערד.
דער אָפּגלאַנץ פון אמתן ליכט —
מיין אויג נישט געווען איז באַשערט.

און דווקא צוליב דעם, וואָס אים איז ניט באַשערט געווען דער אָפּ־גלאַנץ פון אמתן ליכט, מערט זיך זיין קלוג־זיין אין די נאָכפּאָלגנדיקע לידער זיינע אויף אוניווערסאַלע טעמעס, אין אַ פאָרעם און אַ לשון, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין פּירושים און פירט אים גלייכצייטיק אַרויס צו דעם פאָדערגרונט פון דעם שעפערישן לייענערס אויפמערקזאַמקייט, ווען עס קומט ניט אָן שווער מיט אים זיך מתדבק צו זיין, אַ דאַנק דעם אוממיטלבאַרן אויפזינג פון זיין דיכטונג, אין דעם אויסלייג פון קלאָרקייט, אָן דעם אָנווענד פון מליצה און אָן דער פּרעטענזיע אויף מאָדערניזם.

אַ דאַנק דער נאַטירלעכער חכמה וואָס אליהו רייזמאַן האָט אַריינגע־וועבט אין זיינע פאַרהעלטניסמעסיק קליינע לידער אין קליינע צאָלן, האָט ער באַוויזן דעם וווּנדער פון באַזינגען זיי מיט אַ באמת גרויסן אינהאַלט פון גרויס־קינסטלערישע ווערטן.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע איז געננג זיך איינצולעבן אין זיין ליד ד אָ ס ל י ד, וואָס הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך גלייכצייטיק אויך אַזוי:

קאָלירפול און שיין איז דאָס ליד,
באַהויכט מיט דעם אָטעם פון לעבן;

דאָס ליד, וואָס אין האַרץ און אין בלוט,
זיך וועבט פון די דינסטע געוועבן.

דער תוכן פון אָט דעם ליד, אָן דער ווידערהאָלונג פון די ערשט ציטירטע פיר פערזן — אין צוועלף שורות, איז אַזוי קאַלירפול און רייך, אַז דו גאַפסט פשוט פון זיין עשירות אין צימצום, וואָס איז אַגב גילטיק פאַר אַלע זיינע לידער אָן אויסנאַם ,ווי זיין ליד מעת־לעתך, וואָס פיבערט מיט דעם פּאַטאָס פון אַ בעל־חלומות, וואָס יעדער פּאָעט איז — וואָס ווייטיקט אויף דער מערכה פון נישט קענען צוריק אַרויסבאַקומען זיינע יונגסטע מעת־לעתן, וואָס זענען אין צייטן־לויף פאַרשוווּמען. דער דיכטער זינגט דאָ טיילוויַיז, אַזוי:

מיט צויבערפאַרבן האָט איר מיין חלום אָנגעצונדן,
דער חלום איז פאַרבליבן, די שיינקייט איז פאַרשוואונדן...
אַ שווינדל־ראָד, די צייט, זיך אויף מינוטן האָט צעביטן,
און איך — אַן אָפּגעגאַרטער — געבליבן בין אין מיטן.

ווי אַ נוגע בדבר, אין שייכות מיט אונדזער גרויסן חורבן — האָט אליהו רייזמאַן נישט אַנדערש ווי געמוזט רעאַגירן אויף אָט דער פינצטערס־טער תקופה אין אונדזער לעבן, ווי אַ פאָלק און ווי יחידים.

ווי אַ דיכטער וואָס טראַכט בלויז אין די טערמינען פון איכות און נישט פון כמות, איז אים אויך דאָ בייגעשטאַנען זיין נאַטירלעכע קלוגשאַפט, וואָס האָט אין זיין דיכטונג געקראָגן אַ ווייטערדיקן תיקון אין אַ קלייַנער צאָל קורצע, אָבער זייער פּאַטעטישע און אינהאַלטרייכע לידער.

אין זיין ליד אויף אַלע מיינע וועגן, זינגט ער טיילוויַיז אַזוי:

ס׳איז עמעץ היינט אַנטקעגן מיר געקומען,
ווי דו אַזאַ, איך האָב אין אים דערקענט,
און אויסשרייען געוואָלט האָב איך אין דיין נאָמען,
נאָר דערמאָנט זיך, אַז דו ביסט פאַרברענט.

וואָס דאָס אַליין איז שוין גענוג אין דיר אַרויסצורופן דעם צאָרן און די טראַגיק פון דער היטלער־תקופה מיט אַלע אירע גרוילן.

און אין זיין פּאָעמע אין פלאָנטער פון חלום און וואָר, זינגט ער אַזוי:

דער טויט איז דעם לעבן באַפאַלן,
ער טראָגט זיך אויף יעדערן וועג,
אַ מאַמע אַנטלויפט, און זי פאַלט —
ווי אַ בוים, אונטער ציין פון דער זעג.

וויפל וויטיק און צער עס פיבערט דאָ אַרויס פון דער איינאונאיינציקער סטאַנזע! און ווייטער —

עס שוידערט אַרויס דער פאַרטאָג —
אַ קינד — אַ פאַרבייגלטע קנויל,
און „מאַמע“, וואָס ר׳האָט ניט דערזאָגט,
מיט בלוט טריפט אַראָפּ פון זיין מויל.

זיין לעצט נישט־דערשריגן געשריי,
אויפגעכאַפּט אויפן פעלד האָט דער ווינט, —
זיין וואונד, וואָס אים טוט שוין ניט וויי,
זיין נאָמען געהייליקטער — ק י נ ד.

אין פלאָנטער פון חלום און וואָר,
איך זע אים נאַכט־איין און נאַכט־אויס,
אַרום זיינע קאַרגע זעקס יאָר,
ער וואַקסט צ׳ריק פון קבר אַרויס.

וואָס קען שוין זיין טראַגישער דערפון!

קיין פירוש אויף דעם איז אַבסאָלוט נישט נויטיק.

אינטערעסאַנט אָבער איז צו באַמערקן די מיטלען מיט וועלכע דער דיכטער באַניצט זיך דאָ, אויסצודריקן זיין צער. די פאָרעם — אַ קלאַסישע, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרעלטערט. זיין לשון — פאָלקסטימלעך, אין דעם גאַנצן אויסלייג פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

מיט אַ געפיל פון פרייד און פאַרערונג, ווילט זיך מיר צום סוף באַטאָנען, אַז דער דיכטער אליהו רייזמאַן, איז פונדעסטוועגן ניט פאַרצווייפלט צוליב זיינע צערפולע, אינטימע, איבערלעבונגען. זיין ליד אין מיטן לעבן קען אונדז דאָ דינען ווי אַן אָנזאָג, אַז —

מיט יונגען גרין פון מיינעטוועגן ביימער רוישן,
און שלאַנק ווי פריער רויטלט זיך דאָס קאָרן־בלימל,
עס איז מיין זון פון גלויבן נאָך נישט אויסגעשלאָשן
און נישט צו דער ערד געפאַלן איז נאָך דער הימל.

וואָס מעג אונדז דינען ווי אַן אַדערויף אויף נאָכקומענדיקע, מער מונטערע לידער פון דעם מחבר — דער טאַלאַנטפולער פּאָעט אליהו רייזמאַן.

איך האָב זיך אויסגעטרוימט אַ זון

פון אליהו רייזמאַן

צוליב דעם וואָס דיכטונג איז ווייט ניט ענלעך צו דער עקזאַקטער וויסנשאַפט און באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף עמאָציעס, קען קיינער קיינמאָל באַשטימט ניט אויסרעכענען און אָנרופן מיט אַ נאָמען דעם זינלעכן באַשטאַנדטייל פון דעם מהות פון דיכטונג.

אַפילו אַזאַ שעפערישער ליטעראַטור־קריטיקער ווי י. ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, דער בעסטער, געוויסנהאַפטסטער און קאָנסטרוקטיווסטער אויסטייטשער פון דיכטונג ביי יידן — האָט מיט זיין בוך **מהות פון דיכטונג**, אויך גישט באַוויזן צו פאַרענטפערן די פראַגע: **וואָס איז דיכטונג**.

דאָס איינציקע, וואָס לאָזט זיך דעריבער יאָ דעפינירן אין שייכות מיט דיכטערישע ווערטן איז — איר טעכניק.

דאָ איז די קריטיק אָנווענדבאַר לויט באַשטימטע פאָרמולעס, אין די ראַמען פון פּאָזיטיווע געזעצן, וואָס לאָזן זיך ניט אָפּפרעגן.

אין שייכות מיט דיכטערישע ווערטן איז אָבער איין זאַך יאָ קלאָר פאַר אַלעמען: **די** דיכטונג וואָס איז קאַפּאַבל דיך אַרויסצוהויבן פון דיין וואָכעדיקן אַרום און דיך גלייכצייטיק טראַנספאָרמירן אין אַ לעבעדיקן עדות, אַריינגעכישופט אין דער באַשאַפענער סביבה פון דעם פּאָעטס זעאונגען, וואָס זענען אין דיר גורם די איבערלעבונג פון אַ מין התפשטות הגשמיות ביז צו פאַרגעסונג — מעגסטו אָן יעדן ספק יאָ באַטראַכטן ווי וואָרע דיכטונג.

דער עלעמענטאַרסטער פאַקטאָר וואָס איז אין דיר גורם אָט די איבערלעבונג, איז אָן יעדן ספק דאָס לשון מיט וועלכן דער דיכטער באַנוצט זיך, אין אָן אויסלייג פון קלאָרקייט, וואָס לייגט זיך אויס אין דיין געמיט מיט דער לאָגיק פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

מיט יעדן ניי־באַשאַפענעם ווערק וואָס אַ דיכטער טראָגט דיר אונטער, מוז ער זיך באַנייען מיט אַ צוגעטראָגענעם נייעם חידוש, וואָס באַדאַרף, זאָל און מוז אים אַ שטויס טון פאָראויס, צו אַ דורכאויס נייער דערגרייכונג, ווי אַ צוגאָב צו זיינע ביז איצטיקע דערגרייכונגען.

צוליב דעם און אויך צוליב אַ סך אַנדערע טעמים, זוכסטו אַלע מאָל אין אַ ניי ווערק פון אַ דיכטער עפּעס נייס, אין פאָרם און אין אינהאַלט, און אַן יעדן ספק אויך אַ באַנייונג פון זיין לשון, וואָס דינט אים ווי אַ סטימול צו שעפערישע מעשים.

ביים לייענען די לידער א. נ. איך האָב זיך אויסגעטרוימט אַ זון פון אליהו רייזמאַן, האָב איך באַלד ביים אָנהויב באַ־מערקט די דערמאָנטע אייגנשאַפטן פון זיין דיכטונג: די באַנייונג פון זיין לשון; דעם אָנווענד פון זיין נייער גראַם־טעכניק, וואָס רייצט מיט איר אומגעריכטקייט — און דעם אויפהעל פון אַ שעפערישער השפעה אויף זיין אייגענער לעקסיק, וואָס מיינט במילא: די באַרייכערונג פון יידיש לשון אין אַלגעמיין; אַ קאַלירפולע אויסברייטערונג פון זיין טעמאַטיק; אַ פאַרטיפטע טראַגיק, אין שייכות מיט אונדזער חורבן און ועל כולם, דעם כוח דיך צו פאַרשיכורן מיט דעם ווייַן פון זיין דיכטונג, וואָס פאַרטונקלט דייַן וואָכעדיקן אַרום און איז אין דיר גורם אַ זעלטענע פאַר־אינטערעסירונג אין זיין דיכטונג, וואָס האַלט דיך געשפּאַנט מיט דעם צויבער פון דעם בילדלעכן אויפזינג פון זיין קאַלירפולער טעמאַטיק, פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן ליד, פון זיין באַשיידן אַרויסגעגעבענעם לידער־בוך, דורך דעם פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, אונטער דער רעדאַקציע פון ד. ספארד. —

צוליב דעם, וואָס ביי אונדז באַמערקט זיך אַ טענדענץ צו פאַרגעסן דעם גרויסן חורבן אונדזערן, ווילט זיך דאָ באַטאָנען, אַז דווקא די דיכטער אונדזערע האַלטן אָן דעם דעוויז פון יאָ געדענקען און ניט פאַרגעסן, דורך דער פאַרמיטלונג פון זייערע לידער.

כמעט אַלע אונדזערע דיכטער אָן אויסנאַם, די מער טאַלאַנטירטע — פאַרשטענדלעך, ווערן נישט מיד צו זינגען פון אונדזער חורבן, מיט דעם גאַנצן כוח, ברען־און־פאַרנעם פון זייער טאַלאַנט.

און אליהו רייזמאַן, ווי איינער פון זיי — איז דאָ זיכער נישט קיין אויסנאַם.

זיין חורבן־טעמאַטיק אילומינירט דיין באַוווסטזיין און וועקט אין דיר דיין איינגעשטילטן צאָרן און פּראָטעסט לגבי אונדזערע פּאַרטיליקער, אָפענע און פאַרשטעלטע שונאים.

אַזוי למשל זינגט ער אין זיין נאַכט־געשפּענסט וועגן אַ וואַלד מיט ביינער, אין וועלכן דער געשפּענסט —

ער גייט נאָר מיט הענט אויסגעשפּרייטע, ווי בלינד,
און ביז די הימלען נעמט ווירבלען דער ווינט;
צעפּוילטע טליתים און שטיקלעך יריעות,
און שטריק פון דערשטיקטע אין צווייגן פון תליות.

ער זינגט דאָ פון מיין פאַרזונקענע שיף, וואָס —

דו וועסט איר דערקענען:
דאָס וואַסער אַרום פון איר פייער
אַוודאי מוז ברענען.

און אויך פון יזכור, וואָס בשעת —

אין בלויקייטן הימלישע פלאַטערן טויבן,
אויף גרינקייט פון פעלד האָט די זון זיך צעשיינט,
נאָר איך האָט אַ שאַרבן פון דער ערד אויפגעהויבן, —
ס׳איז יזכור היינט, ס׳איז יזכור היינט.

מיט ווייטיק און מיט צאָרן זינגט ער וועגן דער וועלט וואָס האָט רויק געגעסן איר ברויט, איר וויין געטרונקען און —

אַ שמייכל דיין אויג האָט פאַרבאָרגן
ווען דאָס קול פון מיין פאָלק האָט הימלען געריסן...

פון זיין שטעטעלע, אין וועלכן ער געפינט —

צום הימל אַרויף, אויסגעקרומט, איז אַ קאָפּ
מיט פעך־שוואַרצע האָר פון אַ ווינטל צעבלאָזן.
אַ בלעטל באַשריבן פון האַרץ שרייט אַראָפּ:
דאָס האָט ער די גרענעץ פון געטאָ פאַרלאָזן.

פון אַ זון וואָס שאַרט זיך ביי די ווענט —

מיט ׳ציקלאָן ב׳
מ׳האָט איר אויג אויסגעברענט.

פון וואַלקנדלעך־העמדער פון קינדער, וואָס —

אויף בלוטיקע שנירלעך זיי גליווערן, הענגען,
נישטאָ זיי שוין מערער צו וועמען צו ברענגען,
נישטאָ מער די מאַמעס, נישטאָ איז מער קיינער,
נאָר בערגלעך מיט אַש און צעפּרוכנעטע ביינער.

פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן ר׳ טוביה, וואָס —

נישט פוטער און מילך אויף די דאַטשעס ער פירט, —
מיט בלוט ביז אַרויף זיינען פול זיינע קאַנען.

דורך וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך ד ע ר צער פון אונדזער דיכטער, וואָס צווינגט אונדז ממש צו געדענקען און נישט פאַרגעסן, וואָס דער היינטצייטיקער עמלק האָט מיט אונדז אָפּגעטון אין פנים פון אַ פאַרברעכערישער וועלט, וואָס האָט אַלץ צוגעזען און געשוויגן.

פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקער שיינקייט איז דער אויפזינג פון אליהו רייזמאַנס ב י ב ל י ש ע א ו ן מ ז ר ח ־ מ אָ ט י ו ו ן, וואָס אָטעמען מיט דעם פּרימיטיוו פון קדמונים, אין דעם אויסלייג פון אַ בילדלעכער אַנטפּלעקונג פון אַ שיינקייט, וואָס רייצט דיין פאַנטאַזיע.

זיין פּאָעמע ק י ן א ו ן ה ב ל, למשל, רודערט אויף דיין געמיט מיט דעם שוידער פון דער זעונג פון דעם ערשטן מאָרד אין דעם סאַמע בראשית

פון דעם מענטש אין טאָגן, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך דעם אייביקן קיך־ציכן צווישן פעלקער, כלל און פרט:

אַט איז דיין באַקודלעטער מיטמענטש. זיין נאָמען
אויף אייביקע צייטן פאַרבלייבן וועט קין.
דער אורשטיין, פאַרקראַמפּט אין זיין פויסט, איז אַ סימן
פון ערשטן אויף דיר אויסגעפּרואווטן כלי־זין.
ער האָט דיר דער ערשטער דעם מוח געשפּאָלטן;
דאָס וואָסער, די לופט נישט געוואָלט מיט דיר טיילן. —
פון דיר און דיין ברודער, דעם מערדער דעם אַלטן,
וועט דורות נאָך לאַנג די געשיכטע דערציילן.

ווייל —

ביז היינט איז דיין בלוט נישט דערלייזט נאָך דורך קיינעם.

פון אַ דורכאויס סימבאָלישן כאַראַקטער איז זיין פּאָעמע די טויב. אין די ראַמען פון ריטמיש־געמאָסטענע פּערזן, וואָס גיבן זיך דיר איבער מיט דער קלאָרקייט פון זיין מחשבה אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, ווייסט ער צו דערציילן, אַז —

...שווער איז דערגרייכן צום ברעג פון די צייטן,
וואו ס׳וועט זיך די שווערד אויף אַן אַקער פאַרבייטן.
פון מזרח ביז מערב, פון דרום ביז צפון
דאָס אויג פון דער ערד איז מיט חושך פאַרלאָפן.

ווייל —

זי ווייסט — נישט אין הימל וואָס גליווערט פון אויבן,
אַהין וועלן קיינמאָל נישט גרייכן קיין טויבן...
ווען קומען די צייט אויף דער ערד וועט פון גרינען,
איר בשורהדיק צווייגל זי וועט אָפּגעפינען.

די מזרח־מאָטיוון זיינע זענען ווייט נישט הינטערשטעליק לגבי די

ביבלישע, אין דעם זין, וואָס זיי זענען אַזוי ענג פאַרקרובהט צווישן זיך אין דער תמימות פון זייער אויסלייג, אַז זיי פאַרגאַנצן זיך אין איין האַר־מאָנישן אויסגוס פון חידוש אין זיין אייגנאַרטיקן אויפזינג, אין דעם פּרדס פון אונדזער יידיש לשון.

די אַנדערע לידער זיינע, אַגב — אַן אַ נאָמען, וואָלט מען געמעגט אָנרופן מיט דעם נאָמען פון זיין ליד: מיין אייגענע וועלט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם לירישן כאַראַקטער פון זיין דיכ־טונג אין אַלגעמיין.

פון אָט די לידער זיינע שיילט זיך אויס און עס אַנטפּלעקט זיך זיין דיכטערישע פּערזענלעכקייט מיט זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען און מיס־טישע נייגונגען, אַפילו מעלאַנכאָלישן בליק אויף דעם לעבן פון דעם פּרט.

צוליב דעם זיין הבל־הבלימדיקער דיאַלאָג מיט זיך אַליין, אין וועלכן ער פרעגט און ער ענטפערט:

ווער בין איך — אַ בלעטל אין ווינט.
די ערד — איז אין קאָסמאָס אַ שטויב.

ער ווייסט דערביי אָבער גלייכצייטיק נישט... צי גלייך אָדער קרום איז דורכן לעבן מיין וועג..

אים דוכט זיך צומאָל, אַז ער קרייזט אין אַ פאַרכישופטן ראָד און ער שטייט אויף אַן אָרט, ווייל —

מ'זאָגט, אַז דער שעפער פון ליכט
אַמאָל איז דער חושך אַליין.
איך האָב זיך אין ביידע געזוכט,
ס'איז ביידע מיר שווער צו פאַרשטיין.

וואָס ניט יעדער דיכטער ביי אונדז, איז גרייט עס צוצוגעבן...

און ווייל אים דוכט זיך, אַז עס בלוטיקט דאָס האַרץ פון זיין טאָג אין די אָרעמס פון דער נאַכט —

אַ שטערן איך האָב אַנגעיאָגט,
אַן אייגענע וועלט אויסגעטראַכט.

פאַרשטייט זיך — אַן אילאַזאָרישע און אידעאַלע, איז אים דורכויס פרעמד דער ריח פון בלוט. צוליב דעם, זיין פריידיק געזאַנג:

איך זינג אַ געזאַנג צו מיין וועלט,
און ס׳פלאַטערט אַוועק מיין געזאַנג
צום עתיד, וואָס זיין ליכט באַהעלט
מיין נאָך נישט דערטראַכטן געדאַנק.

אין דער עשירות פון זיין געדאַנקען־וועלט זעט ער זיך אַליין, ווי אַ סוד אין אַ מענטש פאַרשטעלט. אַ סוד, וואָס איז —

געשטראָפט מיט וואָרט,
מיט לייב באַקליידט.

דאָס, וואָס אליהו רייזמאַן באַטראַכט אָבער פאַר אַ שטראָף: דאָס וואָרט אין דעם אומגאַנג פון זיין לשון — בין איך געניגט אָנצונעמען ווי אַ ברכה און אַ געווינס פאַר אונדזער דיכטונג, אין דעם פרדס פון אונ־דזער מלכות יידיש לשון.

און כאָטש ער מיינט, אַז —

דערטרינקען איך ווער אין אַ מבול פון ווערטער;

און ער בעט זיך ביים פאַרבאָרגענעם חכם, ער זאָל אים —

...לערנען די הייליקע שפּראַך פון שווייגן...

לויט דעם דערוויז פון אַ קלוג און פאָפולער פאָלקס־ווערטל: ש ו ו י י ג ן איז ג אָ ל ד און ר י י ד ן איז ז י ל ב ע ר, — טייל איך נישט זיין מיינונג און איך זאָג צו אים בקול רם: חבר רייזמאַן! זיי נישט פאַרצווייפלט און רייד צו אונדז אָפטער דורך דעם צימצום פון דיינע ווונדערלעכע, גע־ראָטענע לידער, וואָס פילן אויס אַ בכבודיק אָרט אין דער קרוין פון אונדזער דיכטונג — די שענסטע דערגרייכונג פון יידיש לשון אין דעם צווייטן העלפט פון אונדזער צערודערטן יאָרהונדערט.

פון ערשטן שניט

קלמן סעגאַל: צו מיין נייער היים

ביי מיין ערשטן קאָנטאַקט מיט דער היינטצייטיקער דיכטונג אין פוילן, איז מיר דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבער דעם לייב. דערנאָך ערשט, ביים איינלעבן זיך אַ ביסל אין אַ טייל פון די לידער־ביכער, וואָס האָבן מיך ערשט די טעג דערגרייכט, האָט מיך אַרומגענומען אַ שטיל געפיל פון פרייד.

די ביכער פון היינטצייטיקן יידישן פוילן זענען טאַקע אָרעם אין אויס־זען, בראָשירט און נישט געבונדן, און געדרוקט אויף גאָר ביליקן פּאַפּיר. דערפאַר אָבער, אָטעמט די דיכטונג מיט אָפּטימיזם, טיילווייזער פרייד פון לעבן, האָפענונג און גלויבן אין דעם מין מענטש, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק געשענדעט געוואָרן אויף אָט דער פאַרשאָלטענער ערד.

די פּאָעמעס און לידער, א. נ. צו מיין נייער היים פון קלמן סעגאַל, זענען נאָך היבשלעך פאַרוואָרצלט אין אונדזער חורבן־טעמאַטיק הינטערוועגס, אַ ביסל אויך פאַרוויקלט אין פליכט־מאָטיוון צום נייעם רעזשים. דער עיקרשט אָבער דינען זיי, ווי אַן אָנזאָג, צו גלויבן און האָפענונג אויף אַ בעסער לעבן אין דער צוקונפט, אין... מיין נייער היים... וואָס כאָטש —

מע ווייסט, ס'איז די היים אַ צעשטערטע,
און ס'וואָרט אפשר ווידער די שנאה,
און ס'וואָרט דאָרט דער טרויער אויף ערטער
וווּ ס'אייגענע בלוט איז גערונען.

...ברענט אין די הערצער פאַרבאָרגן די האָפענונג מיט ליכטיקע פאַקלען...

און אָט די האָפענונג מיט ליכטיקע פאַקלען איז דער דאָמענירנדיקער לייט־מאָטיוו אין די פּאָעמעס און לידער פון קלמן סעגאַל, וואָס גלויבט און זינגט וועגן דעם, אַז —

ס׳וועט נאָך די זון פאַר אונדז שײַנען,
נישט אַלץ איז נאָך, ברודער, פאַרלוירן.

און כאָטש דער וועג צו דער נייער היים איז אַ ווייטער, איז ער פונדעסטוועגן באַהערשט פון דער זעונג פון יושר, וואָס מוז און וועט זיגן.

זײַן הומאַניזם איז אויף אַזוי פיל פאַראײַלדט, אַז די פליכט־מאָטיוון זײַנע צום „סאָוועטישן אָרעם״, פאַלן אָפּ ווי טרוקן שטרוי און באַומרוּיִקן דיך נישט — אין זײַן פאַל — אַפילו ביים ליכט פון דער איצטיקער טרויער־ריקסטער וואָר, לגבי דער שטעלונג פון דעם סאָוועטישן רעזשים צו אונדזער יידיש לעבן אויף אַלע פראָנטן, אין די ראַמען פון זײַנע גבולן.

ווי אַ טיפּיש ייִדישער מאמין, באַטאָנט דער דיכטער, אַז —

מ׳טאָר נישט פאַרלירן דעם גלויבן,
מע דאַרף אים פאַרהיטן און האָפן.

צו וואָס יעדער איינער קען און מעג, מסכים זײַן.

אויף זײַן וועג „צו מײַן נייער היים״, גייט נאָך דעם דיכטער ווי אַ מוראדיקער געשפּענסט, דאָס געוויין פון ...חרובע היימען און קברים... וואָס ציטערן אויף דײַן האַרץ.

עס שטערט אים פונדעסטוועגן נישט צו זען ...אַ וווּנדער אין לאַנד, ווי די ערד האָט געטרוייערט... און —

עס שײַנט שוין דער שמייכל פון קינדער,
און חרובע היימען זיך בויען.

אין דעם לירישן אויפזינג פון זײַנע לידער, וואָס רייצן דיך מיט דער עכטקייט פון דעם דיכטערס איבערלעבונג אין אויסדרוק, שטאַרצן פונדעסטוועגן דאָ און דאָרטן אַרויס ווי ווילד־גראָז, די לויב־געזאַנגען צו דעם פאָטערל סטאַלין, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט אַריינגעפּאַסט אין קיין זאַמלונג פון ייִדישע לידער.

באַפרייט זיך אָבער דער דיכטער פון אָט דעם אײַנגערעדטן פליכט, צי מורא־מאָטיוו („צו מײַן נייער היים״, איז נאָך אַרויס פון דרוק אין דעם

יאַר 1953 — י. ב.), קערט ער זיך באַלד אום צו דעם נאַטירלעכן אור־קוואַל, זין און עכטקייט פון ז י י ן זינגען, וואָס רירט דיך מיט זיינע חורבן־מאָ־טיוון, וואָס גייען אים נאָך ווי אַ שאָטן און זענען אין אים גובר דעם אויפזינג פון זיינע טראַגישע איבערלעבונגען, אין ד ע ר גאַרער עכטקייט פון ז י י ן ליריק.

דער נאַפט־לאָמפּ פון אַלקער איז לאַנג שוין פאַרלאָשן,
דער פיינט האָט די היימען מיט טאַנקען צעדראָשן,
אַפילו די קברים אויף פעלדער צעגראָבן —
דער ווינט האָט די אַשן צעזייט און צעטראָגן;
פון יידן פון טרעפּטשע, פון סראָגעווער יידן
בין איך דער איינציקער איבערגעבליבן.

און ווייל דער איינציקער, דערצו נאָך געבענטשט מיט טאַלאַנט — געלינגט אים טאַקע זיין צער צו פאַראייביקן אין אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון אין זיין נייער היים, די הייַנטצייטיקע פוילן — וואָס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק... ווי אַ שטיפמאַמע געוואָרפן אויף אונדז שטיינער...

און ווייל כ'בין געגאַנגען דורך פיין און דורך הונגער,
דערפאַר קען איך שעצן מיין גליק פון אַצינדערט,
און כ'האָב צו דער שבועה מיין אָרעם געהויבן:
ס'וועט קיינער מיין גליק און מיין שלום ניט רויבן.

דאָס זענען אין קורצן די מאָטיוון פון דעם ערשטן שניט אין פוילן, אין דער דיכטונג פון קלמן סעגאַל, אין זיין בוך צ ו מ י י ן נ י י ע ר ה י י ם, רעדאַקטירט פון ל. אַליצקי, וואַרשע, 1953.

איך און דער ים

פון קעהאָס קליגער

ווען אַ דיכטער בייסט זיך איין אין דעם פליישׁ־און־בלוט פון דער ליטעראַטור מיט דעם שאַרף פון זיינע שפּעריִשע ציין, נעמט ער אָן די פיזיאָנאָמיע פון אַ פּערזענלעכקייט, צו וועלכער מיר זענען מער נישט גלייכ־גילטיק.

אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף, רופט אַזאַ דיכטער צו זיך אַרויס אַ געפיל פון דרך־ארץ, ליבשאַפט און אויך פאַרערונג.

מיט יעדן נייעם ווערק זיינעם, פאַרגרעסערט זיך אויטאָמאַטיש זיין געפיל פון אַחריות פאַר זיין אייגענעם וואָרט, וואָס באַניִיט זיך מיט דעם חידוש פון דערפינדערישקייט, וואָס איז בלויז אים אַליין אייגן, וואָס שטויסט אים בדרך אַגב, צו דורכויס נייע דערגרייכונגען.

אויב ווידער ער שטעלט זיך אָפּ — אין בעסטן פאַל אפילו — ביי אַן איינגערעדטער דערגרייכונג, צו וועלכער ער לאָזט ניט צו קיין געפיל פון ספקות, פאַרוואַנדלט ער אַליין זיין אַרבעט אין אַן אייגענעם שאַבלאָן וואָס ווידערהאַלט זיך אין זיינע נאָכקומענדיקע ווערק אין כמות, אָן דעם רייץ פון זיך־באַנייענדיקע איכות, וואָס איז נישט גוט פאַר אים און גיט נישט צו קיין כבוד דער ליטעראַטור אין וועלכער ער באַטייליקט זיך.

דער פּאָעט, קעהאָס קליגער, געהערט צו יענע ווינציקע פּאָעטן אויב־דזערע, וואָס מיט יעדן נייעם בוך זיינעם איז ער עפּעס מחדש, אין הסכם מיט דעם געזעץ פון אַנטוויקלונג, וואָס מוז, ווי אַלץ וואָס לעבט — זיין דינאַמיש און נישט סטאַטיש.

אין מיין באַמיונג צו זוכן דעם שליסל צו דעם נייסטן בוך לידער, א. נ. **איך און דער ים**, האָב איך אים קודם כל געפונען אין קעהאָס

קליגערס פּרעכטיק באַנייטן לשון, פאָרעם און אינהאַלט, מיט וועלכע ער אָפּערירט און האַלט דיך בשעת מעשה אויך געשפּאַנט.

דער תוכן פון קעהאָס קליגערס איצטיקע לידער טראָגט אַ טראַנס־צענדענטאַלן כאַראַקטער, פאַרוועבט אין אַ ליריק וואָס רייצט מיט די המצאות פון אַ דיכטער מיט פאַרנעם, אין דעם אַנגעזיכט פון דעם קאָלאָס ים, וואָס איז איינזאַם און —

זיין שפּראַך איז מיר היימיש,
ווי די איינזאַמקייט.

זיינע.

די איינזאַמקייט, וואָס איז דער דאָמינירנדיקער באַגלייט־מאָטיוו פון זיינע איצטיקע לידער — האָט דעם דיכטער דערפירט דערצו, אַז —

כ׳ האָב מיך פאַרמשכונט
צו ים און צו ווינט,
פאַרקנסט מיט נאַכט און שטערן.

די איינזאַמקייט זיינע פאָרט זיך גלייכצייטיק מיט אומעט, וועגן וועלכן ער זינגט טיילווייז אַזוי:

כ׳בין די איינזאַמע מעווע
מיט הימל און ים אין די אויגן.
כ׳בין דער אומעט,
וואָס שטאַרבט אין דעמער
אויף הויך־ימיקע מרחקים,
ווי די איינזאַמע מעווע.

זיין איינזאַמקייט, אין אַנגעזיכט פון דעם ים, פאַרשאַרפט זיינע חושים און אַקטיוויזירט אויך גלייכצייטיק זיינע דמיונות, אין שייכות מיט וועלט און מענטש. צוליב דעם פרעגט ער:

ווער ביסטו
און ווער זענען דיינע אָבות?

ער באַמיט זיך אָגב אויך צו זוכן אַ באַשייד אויף מער ווי אויף איין פונדאַמענטאַלער פראַגע. דערביי פילט ער, ווי —

די אומאויפהעריקע סימפאָניע פון אַטלאַנטיק
ריזלט אַרויס־אַריין אין מיין הונגעריק בלוט.

צוליב אַט דער איבערלעבונג זיינער, צאַפּלט אויף פאַרטפילהט זיין הונגעריק בלוט אומגעפער אַזוי:

אַלט איז די שיף פון מיין וועלט.
דער אַנקער זשאַווערט מיט אומעט.
גאָט, שטאַרק זי אויף די הויכע וואַסערן
פון מיין אייביק איינזאַם־זיין,
זי זאָל פון אירע ווייטע וואַגל־נסיעות
דערקומען גאַנץ צום האַפן פון גורל.

פון דעם איז צו זען, אַז דער מאָטיוו פון איינזאַמקייט איז ביי קעהאַס קליגער נישט קיין פאַרבייגייענדיקער, נאָר דער עיקרשט טאָקע, אַ פּער־מאַנענטער, וואָס הויערט איבער דעם גאַנצן בוך זיינעם, אין זאָרג פאַר זיין אָנקום צום האַפן פון גורל, ספּעציעל אין די לידער פון זיין „שאָטן און איינזאַמקייט", וואָס צויבערן ממש מיט דעם שפּילעוודיקן ריטעם פון די לידער: „איינזאַמקייט" און „וואָלקנס און כוואַליעס":

דאָ איז דער ים
און דאָ איז די איינזאַמקייט.
אַזוי פיל ים
און אַזוי פיל איינזאַמקייט.

צי —

דאָ, צווישן מעכטיקייט,
ווי גאָרנישט —
אַ טראָפּן וואַסער בין איך.
דאָ, צווישן אייביקייט,

וי פאַרגייענדיק —
אַ בלעזל שוים בין איך.

און ווייטער —

דו —
אַ בלעזל שוים.
אַ פעדעמל שאָטן,
אַ מעסטל אַש.

אין דער אָנגעזיכט פון דער מעכטיקייט פון דעם ים, וואָס אָטעמט מיט דער הכנעה פון אַן אומבאַהאָלפענעם מענטשן אַנטקעגן דעם באַשעפער...

דער געדולדיקער לייענער וועט זיך אַליין מוזן באַמיען, אויפצוזוכן דעם פּרעכטיקן בוך לידער „איך און דער ים“, מיט אים זיך באַ־העפטן און דערפילן, ווי —

דאַך —
ערגעצוואו, פון מיינע טיפן,
הער איך,
פיל איך —
זינגט.
ליד פונעם לעבעדיקן
בלעזל שוים,
ליד פונעם זוניקן
פעדעמל שאָטן.
— — — — — —
אין מיין אויפגעזונגען בלוט —
אַזוי פיל רוישיקער וווּנדער,
אַזוי פיל אייביקער אומרו.

דער רוישיקער וווּנדער און די אייביקע אומרו, גיט זיך דיר דאָ איבער מיט דעם צויבער פון דעם דיכטערס סטיל און לשון, דורך דער מיסטעריע

און דעם ריטעם פון דעם ים, וואָס איז ענלעך אין זיין איינזאַמקייט צו דער איינזאַמקייט פון דעם מענטש, אין זיין גאָרער אומבאַהאָלפנקייט און פאַר־געוגלעכקייט ווי אַ פּרט...

צוליב דעם אפשר איז ער תמיד וואַך אין אַנגעזיכט פון דעם ים, ווען דער לעצטער שלאָפט אַפילו.

ס׳שלאָפט דער ים,
נאָר איך בין וואַך.
פון הימל שיטן זיך שטערן.
ערגעץ שפּילט ווער
אַ סאָנאַטע באַך.
אין מיינע אויגן שפּילן טרערן.

אַזוי ווײנט פון אים אַרויס דער אומעט פון זיין גורלדיקער איינזאַמקייט.

קעהאָס קליגערס לשון־עמפּינדלעכקייט, איז ממש צום באַוווּנדערן.

אין זיין איינלעבן זיך אין דעם קאָלאָס ים, איז פאַר אים מער ווי נאַטירלעך זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע פון אים באַשאַפענע אויסדריקן, ווי: פיל־אויגיק קאָלירטער שוים־זאַט; צאַרנדיק אויפגעהאָרבטע גריוועס; וואַסער־אוזאָרן; פאַרפינעטע זאַמדן; שוים־טרעפ; פאַרזילבערטע זאַמדן; ווייסע גריוועס; געבלעזלטן שוימפוד; איבערגעברענטע זונסטרונעס, וואַלקנ־פערד און ענלעכע ווערטער־קאָמבינאַציעס און אויסדריקן, וואָס שפּיגלען אָפּ אין זיין געמיט און אילוזיע, די ווילדע שיינקייטן און די גבורה פון דעם ים.

אין פעלדזן זעט ער —

...פאַרשפּיצטע מצבות אייביקייט.
דורות פאַרגליווערט שוויגן.

און —

אויף פעלדזענע רוקנס —
קברים פאַרלאָשענע זונען,

קלעטערט הויך
דער באַרוועסער ווינט און וויינט.

וואָס גיט צו זיינע לידער דעם מיסטישן אויפשיין און עשירות פון אַ זעל־טענער בילדלעכקייט, פאַרוואַרצלט אין דער מאָזאַיִק פון אַ געדאַנקען־עשירות, וואָס איז אים אַליין בלויז אייגן. למשל —

איך שטיי צווישן פעלדזן —
אַ פעלדז.
די וואָלקנס גייען דורך מיין גוף
מיט געווין פון ווינט,
מיט געריש פון ים,
מיט פאַרסודעטע טריט פון נאַכט.

און ווייטער —

אין די ברונעמס פון מיינע אויגן
פאַלט אַריין די פולע לבנה־קרוין.
די פאַרלאָשענע קעפּ
פון די וואָלקנפערד
צעשטויבן זיך אין פעלדזן.

און

אין דער געשטערנטער שטילקייט
הער איך דעם גאַנג פון פרימאָרגן־ראָד.

וואָס איז מרמז אויף טאָג און דער קאָנסעקווענטער המשך פון דעם אומ־ענדלעכן לעבן, וואָס כאַטש —

פאַרשטיינט אין איינזאַמקייט,
יאָרן און יחוס,
קוקט ער אין ווייט־ימיקן נעפּל
צום געדיכטן שוימברויז,

דעם כוואַליקן געווירבל
און שווייגט אין פעלדזיקן שטאָלץ
מיט גבורה פון דורות.

קעהאָס קליגער, דער אָנערקענטער דיכטער פון בוענאָס איירעס, דריי מאָל פּרעמירטער: אין מעקסיקע — אין יאָר 1950, אין בוענאָס איירעס — אין יאָר 1952 און אין ניו־יאָרק אין יאָר 1957 — דער מחבר פון זיבן געראָטענע פּריצרדיקע לידער ביכער, האָט אָן יעדן ספק אַוועקגעשפּאַנט ווייטער מיט דער דיכטונג פון זיין לידער־בוך א י ך א ו ן ד ע ר י ם, אין וועלכן ער האָט אַריינגעבראַכט אַ היבש ביסל אינאָוואַציעס, אייביקע ווערטן — אין זין פון לשון, פאָרעם און אינהאַלט.

און כאָטש זיין בוך איז קליין אין איכות, דערצו נאָך בראָשירט און געדרוקט אויף זייער ביליקן פּאַפּיר, טיילט עס זיך אָבער אויס מיט זיין אָריגינעלער טעמאַטיק, קרעפטיקן אופן פון אויסדרוק, און דינט אונדז, בלתי ספק, ווי אַ וואָגיקער צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער רייכער און קאָלירפולער דיכטונג אויף יידיש לשון, וואָס וויל בשום אופן נישט וויסן פון קיין קריזיסן און באַרייכערט זיך טאָג־טעגלעך מיט וואָגיקע ווערק, פון וועלכע א י ך א ו ן ד ע ר י ם פון קעהאָס קליגער, דעמאָנ־סטרירט די וויטאַליטעט פון אונדזער אומה ולשון, אויף אַ ווירדיקן און גאָר געראָטענעם אופן.

די ראַם

פון משה שטיינגאַרט

ווען אַ פּאָעט שטעלט זיך אַליין אַוועק פאַר אַ וויזיאָנעריש־גייס־טיקן שפּיגל, אויב אַזוינס איז בכלל מעגלעך — און וויל זיך אַליין זען־און־דערזען אין דער ראַם פון אַ בילד „וואָס איך בין נישט געוואָרן", ווי משה שטיינגאַרט באַמיט זיך עס צו טאָן אין זיין גרעסערער פּאָעמע א. ג. די ראַם, מוז ער פון זיך אַראָפּוואַרפן זיין אייגענעם שאָטן און זיך אַליין דער־זען — קינסטלעריש — אין יענעם מיסטיש־ראָמאַנטישן ליכט, וואָס, ווי אים דוכט זיך, אַז ער „איז נישט געוואָרן".

צוליב דעם וואָס דאָס לעבן פון דעם פּרט, ווי דאָס לעבן בכלל — איז דינאַמיש, איז דער דיכטער ממילא געצווונגען זיך גופא צו זען אין רעט־ראָספּעקט, אין אַן אומפאַרמיידלעכן זיך־בייטנדיקן צושטאַנד, אין אַ ראַם און אין אַ שפּיל פון ליכט־און־שאָטן, ענלעך צו דעם אומפאַרמיידלעכן פּראָצעס פון איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט און — פאַרקערט. צוליב דעם זעט דער דיכטער זיך אַליין, ווי אַ —

...שאָטן, וואָס זעט זיך אין אַלע געשטאַלטן
מיט אַלע צוריקגעקומענע נעכטנס אַרום אים.

און זען זעט ער זיך דעריבער אין דער ראַם פון מער ווי אין בילד, וואָס איז אונטערוואָרפן דעם געזעץ פון אומפאַרמיידלעכקייט: דער דינאַמיק פון לעבן, וואָס געפינט זיך אין אַ פּראָצעס פון אייביקן אומבייט, וואָס שטיינ־גאַרט באַמיט זיך עקשנותדיק אויפצוכאַפּן, ווי אין געיעג נאָך דעם בלויען פויגל, וואָס לאָזט זיך דווקא נישט כאַפּן און ער בייט אויך זיין קאָליר, ווען דיר דוכט זיך, אַז דו האָסט אים שוין אָנגעכאַפּט. — וואָס איז אגב, בדרך כלל, אויך נישט מער ווי אַן אילוזיע.

צוליב אָט דער באַמיונג שטיינגאַרטס, בייטן זיך די אימאַזשן פון זיין אויסגעחלומטן איך, וואָס איז, ווי אים דוכט זיך — „נישט געוואָרן", און ער לעבט בלויז אין דער פּאַטענץ פון דעם דיכטער, וואָס באמת זיך און, ווי מיר דוכט — אים געלינגט אויך פּאַר אונדז עס אויסצוזינגען אין זייער געראָטענע, שטרענג אויסגעהאַמערטע לירישע פערזן, אין אַ געזונ־טער ראַם פון גאַנצקייט און ריטמישן לשון, דערצו נאָך אָן גראַמען. און טאַקע דערפאַר וואָס ער באַניצט זיך דאָ נישט מיט קיין גראַמען, איז ביי אים דאָ נישטאָ אפילו קיין שאָטן פון אומגעריכטער באַנאַליטעט אין דער זויבערקייט פון זיין לשון, וואָס באַנייט זיך דאָ און דאָרטן מיט אַן אייגענער וואָרט־המצאה, וואָס פאַרשאַרפט זיינע בילדער מיט דער זעעוודיקייט פון אַ זעקסטן חוש, און איז אין אים גורם די זעונג פון —

פאַרהוילענע ליכט, גייט אויף העלער
העלער, דאָס בילד —
קומט שאַרפער פון דער שטרענגער ראַם אַרויס.

כדי אָבער צו געניסן פון דער פולער שיינקייט פון משה שטיינגאַרטס די ראַם, מוז מען אַליין זיך באַהעפטן און איבערלעבן דעם פולן תוכן פון דעם אָריגינאַל, וואָס לאָזט זיך נישט און טאָר אויך נישט דערשטיקט ווערן אין קורצע צי לענגערע אויסצוגן, וואָס קענען קיין מאָל מיט זיך נישט פאַרשטעלן דעם פולן פּאַרנעם און ווערט פון אָט דער טיילווייז מיס־טישער און פרעכטיקער פּאָעמע, סיידן מ׳זאָל איר אין גאַנצן איבערדרוקן, ווייל —

די ראַם אַנטפּלעקט מער, ווי דאָס בילד לאָזט מיך זען.

לויט דעם עדות זאָגן פון דעם דיכטער אַליין, שוין צוליב דעם אַליין, ווייל —

...איך בין די ראַם, און איך בין דאָס בילד.

ס׳איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז דאָ קומט צום אויסדרוק בלויז אייך בילד. אין דעם לויף און דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמאַטישער געשע־

עניש אין די ראָם, באַוועגן זיך ראַשיק גאָר אַ סך בילדער, אין אַ פּראָצעס פון אַנטפּלעקערישע שיינקייטן, מיט אַ זי־געשטאַלט בראש, וואָס —

זי געגנענט מיט שטאַמלדיקן טראָט איבער איר שאָטן
און גאַנצט זיך אַרויס פון דער געפּאַסטער ראָם.

די פּאָעמע אָטעמט טיילוויז מיט דער מייסטערשאַפט פון געטראָפענעם וווּנדער פון אַ זעלטענער ליבע, וואָס קומט —

מיט אַנגעלאָפענער פרייד, וואָס פאַרהויכט דאָס אויג
און פאַרמאַכט די קעל פאַר שפּאַרנדיקן קלאַנג,
וואָס ציטערט אויף אָפענע ליפּן נישט דערהערט.

וואָס פרישט אָפּ און באַנייט, אין אַ דורכויס נייעם סטיל, לבוש און פאָרעם, דעם ליבע־מאָטיוו אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג; דערהייבט אים צו אַן אייגנאַרטיקן אויפזינג פון אַ שיר השירים ביי אַ היינטצייטיקן פּאָעט, וואָס וואַגט און וויסט צו דערציילן אין יאָר 1964, אַז —

אונדזערע טעג שטייען הויכע, רייפן און צייטיקן
מיט מיר און דיר אין ליבעס גנעדיקער וואָר.

און אַלץ נעמט זיך דערפון, ווייל די זי קוקט אויף אים

מיט אַזוי פיל נעכטנס אין די אויגן,

וואָס דער דיכטער באַמיט זיך אַלץ אַרויסצופּערלען פון דעם איך, „וואָס איך בין נישט געוואָרן", דערצו נאָך מיט רירנדיקן „ציטער פאַר די מאָרגנס איבער מיר..."

די אילוזאָרישע זי באַווייזט זיך פאַר דעם דיכטער אין אַ שוועפּנצטער אַרויסגעשטעלט אין אייביק זיך בייטנדיקע קאָלירן, וואָס סימבאָליזירן מיט זיך דעם אומפאַרמיידלעכן געזעץ פון דער דינאַמיק פון דעם לעבן, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און וויסט נישט פון קיין סוף. די ראָם אָבער אַליין טיילט זיך אָפּ פון דער פאַרצויבערטער זי, „לאָזט זי אין אַ מוטנעם בלויז" און —

זי יאָגט זיך צו מיר אַן ווינט, אַן קלאַנג
און פאַלט — אַ שאָטן פון ליכט אָפּגעריסן
פאַר מיין געגליווערטן טראָט, די ראָס ליגט צעפּאַלן —
איך קוק מיט ליידיקע בליקן אין ליידיקע אויגן אַריין.

דעם דיכטערס קוק „מיט ליידיקע בליקן אין ליידיקע אויגן אַריין", ווייטיקט שוין דאָ מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם הבל־הבלים־בליק אויף אונ־דזער לעבן אין אַלגעמיין, אויף זיין אייגענעם לעבן — בפּרט.

דעם דיכטער פעלט מיט אַ מאָל דער שאָטן „וואָס איז מיין שפּיגל געווען". ער ווייסט צומאָל אַפילו נישט, ווער עס איז דער מאָלער „וואָס האָט דיך אַזוי פאַרביק געזען", כאָטש דער אמת דערפון ליגט דאָ אַזוי אויבנאויפיק, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן, ווייל — זיין אייגענער, זעקס־טער חוש, איז עס געווען דער מאָלער פון אַ וואָר —

וואָס שלאָגט מיך מיט בלינדקייט פון צופיל ליכט.

כאָטש אים דוכט זיך, אַז ער געפינט זיך „אין אַ וואָר, וואָס קען נישט חלומען מער".

ער חלומט אָבער יאָ. זיינע ספקות אָבער ווייסן נישט מער פון קיין אָפּ־שטעל, כאָטש מיט אַלע זיינע חושים ווייסט ער און פאַרשטייט, אַז דער וואַסער־שוים פון ים, וואַשט אַראָפּ —

דעם שטויב פון דיינע פאַרלאָשענע אויגן און נעכטנס
מיך צוריק צום ערשטן בליק אויף דיין געשטאַלט,
ווען דו ביסט יונג געווען און מיין וועלט איז אויך
אַזוי געווען.

די בענקשאַפט צום ערשטן בליק אויף איר געשטאַלט, וואָס פאַרטאָפּלט זיך דאָ אַגב צו דער צוריקזעונג פון דעם בילד, ווען „מיין וועלט איז אויך אַזוי געווען", ברענט ממש מיט „געשריי פון בוים מיט בליץ געטראָפן". און דער אויספיר איז, אַז —

...איך ווער אויך אין זיין האַסטיקן פלאַם פאַרצערט —

ה'אָס שטעקט דיך אָן מיט דער הבל־הבלים־שטימונג פון דעם פּאָעט אין זיין גאָרער פאַרלוירנקייט, וואָס נאָך אַלע זיינע צעווייטיקטע זעונגען פון גאָרן אונטערגאַנג, אין דעם רייץ פון אַ האַלב־דערוואַכטן חלום, טרייסט ער זיך קלאָמפּערשט דערמיט, וואָס ע ר זעט עפּעס מער:

די שאָטנס פון אָונט שפּרייטן זיך ווייטער פון אונדז
און פאַרדעקן אַלע פאַרבן פון איר צעפּאַלענער ראָם,
בלויז אירע אויגן קומען נענטער, שאַרפער צו מיר.
איך געדענק, איך האָב זי אויך אַנדערשט געזען.

די טרייסט פון אַ פּאָעט אין זיין העכסטער פאַרצווייפלונג.
דער דיכטער, וואָס איז בטבע אַ זעער — זעט זיך גופא, ווי —

אין צעלאָזענעם ליכט פון טאָג גייט מיר נאָך דער חלום,
וואָס איך האָב אין אַזויפיל פאַרבן נישט גענוג דערזען.

דאָס נישט־דערחלומטע און נישט־דערזעענע, וואַכט אייביק אין זיין דמיון, —

...ווערט אַלץ וואַכער אין אַנטקעגן געקומענער וואָר.

וואָס באַומרויקט אים און שטויסט אים אַריין אין אַ פון־אים־אַליין אויס־געחלומטער און נייער וואָר, אין אַ ראָם פון נישט־געלעבטן לעבן.

צוליב דעם זעט אים אַלץ אויס בלויז ווי אַ ראָם, אין וועלכער ...מיין טראָט פאַלט צוריק ביי יעדן ראָג... און שטויסט אים און יאָגט אים —

אין אַנטלויף פון געפּאַר, וואָס יאָגט אָט־אָט מיך אַריבער.

אין זיין פאַרצווייפלונג מאַכט ער דורך אַ סך גילגולים, וואָס שטויסן אים אַריין אין אַ וואָר —

וואָס אַרט נישט, אַז זי האָט איר חלום פאַרלוירן.

און אַ וואָר אָן אַ חלום, זאָל דאָ געזאָגט ווערן — איז באמת טראַגיש און אויך ווייטיקדיק־שווער צו פאַרטראָגן און אויסצוטראָגן.

צוליב דעם, דער דראַנג און דער גײַסטיקער צו זײַן שװעל, אין אַ באַמיונג אָנצוזאָגן דעם טאָג, ערב זײַן פאַרגײן.

דער דיכטער דערזעט זיך אַליין, אין דער פּאָטענץ — אין דער אַמאָ־ליקער סביבה פון זײַן היים, אין װעלכער ער דערשפּירט נאָך —

די שײַן פון נאָך נישט־אונטערגעגאַנגענעם טאָג.

דער דיכטער איז נישט אַליין. די װײַט קלאָרט זיך אויס פון איר צעפּאַלענער ראַם, אין דעם רייץ און אין דער שפּיל פון פאַרבן, װאָס ניגונט זיך אַרײַן אין דײַן געמיט, מיט דער קלאָרקייט און דעם קרעפּטיקן אויפ־שטראַל פון אַ פּאָעט, װאָס באַצװינגט דיך מיט זײַן ריטמישן לשון, אין דעם אויסלייג פון זעלטן װאָגיקע פערזן:

און אַלע מײַנע טעג װערן אַצינד אַנטפּלעקטע צייכנס,
זיי ברעקלען און גאַנצן זיך אין אַ בלאָען, גרינעם ליכט,
זיי שפּיגלען צוריק אירע בלויע אָפּלען מיט אַלע פאַרבן
פון מײַן ערשטן בליק אויף איר אויפגעלויכטן געזיכט.

דער צוריקקער צו דעם בראשיתדיקן בליק זײַנעם, באַלעבט דאָ זײַן עבר, מיט דעם אומגעװײנלעכן כּוח פון זײַן װיזיע אין פּאָעטישן אויס־דרוק, װאָס אָטעמט מיט דעם ליכט־און־שאָטן, באַהעלונג־און־באַנייונג פון:

דעם דראַנג און דעם װאונדער, דעם װאונטש און דעם װילן,
װאָס איז געקומען מיט חלום און געװאָרן װאָר מיט דיר.
און װײַל איך האָב אין דײַן שײנקייט זיך אָנגעשפּיגלט,
און װײַל איך האָב מײַן חלום אין דײַן װאָר דערזען,
װײס איך קלאָר, אַז שײַן איז נאָר, װאָס געדעכט איז
און בלײַבט שטענדיק אין מײַן ראַם געפּאַסט.

אין װאָס עס באַשטייט אייגנטלעך דער גאַנצער זין פון אָט דער מערק־װירדיקער פּאָעמע. און אַ דאַנק אָט דעם דיכטערס שפּיגלען זיך אין איר שײנקייט, און זײַן חלום אויך אין איר װאָר צו דערזען, פאַרבלײַבט ער

שוין אויף שטענדיק אין זיך ...ראַם גאַנץ געפּאַסט... וואָס גיט אים כוח, ווייטער צו וועבן זיין חלום און צו זינגען פון איר שייך־זיין אַזוי:

אונטער געגנידערטן הימל, מיט פולער זון אין איינציקער
טרער, גיי איך דיר אַנטקעגן און מיט אָפענע ליפּן זאָג
איך דיר — איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב
און פון חלום ביז חלום שטאַרב איך זיך אַריין אין דיר.

דאַכט זיך אַזוי פּשוט! און דאָך, און אפשר טאַקע צוליב דעם — אַזוי טיף־רירנדיק:

און פון חלום ביז חלום שטאַרב איך זיך אַריין אין דיר.

און אויב דעם דיכטערס לעצטע תפילה באַשטייט בלויז אין דעם וואָס —

איך זוך בלויז דאָס וואָרט, וואָס זאָל מיר מיט חסד ביישטיין
אונדזערביידנשאַפט אין אַלע באַזונדערן צו דערהאַלטן.

ווילט זיך מיר דאָ זאָגן, אַז משה שטיינגאַרט האָט עס דערגרייכט מיט דעם צויבער פון ז י י ן וואָרט, אין דעם וווּנדערלעכן אויפזינג פון ז י י ן אייגנאַרטיקן שיר השירים, א. נ. ד י ר אָ ם, וואָס טיילט אים דערמיט אַליין אויס ווי אַ דיכטער פון עכטער ליבע אין טאָגן, ביים צווייטן העלפט פון אונדזער צערודערטן, אין תוך געגומען — דורכויס מאַטעריאַליסטישן און פאַרנעבלטן יאָרהונדערט.

ערב דעם חורבן פון וועלט און מענטש

לאָדזשער פּאָרטרעטן פון יצחק גאָלדקאָרן

די הויפּט מעלה פון דער עסייאיסטיק באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז קיינמאָל נישט באַגרענעצט אין איר טעמאַטיק, איז בכלל אין זיך כולל אַ סך פאָרמען פון שיינקייט, וואָס איז אייגן דעם אינטעלעקטועל שעפערישן מענטשן.

די עסייאיסטיק לאָזט אין זיך אַריינשטראָמען דעם פּילפאַרב פון לעבן אין אַלע זיינע שאַטירונגען, וואָס זי שטראַלט פון זיך שפּעטער אַרויס מיט דעם קאָלאָריט פון לעבן אין אַלע זיינע שאַטירונגען, וואָס זי שטראַלט פון זיך שפּעטער אַרויס מיט דעם אימפּעט פון זעלבסטשטענדיקער יצירה, מיט וועלכער קיין אַנדערע פאָרעם פון דער שרייב־קונסט קען נישט קאָנקורירן.

צוליב דעם איז די עסייאיסטיק פאַרהיימישט צו אַלץ, און זי איז אין זיך כולל זכרונות, וואָס זי פאַרטיפט מיט דעם צוגאָב און דעם צויבער פון זעונגען קלאָרע, אימפּרעסיעס פון מענטשן, געשעענישן און זאַכן, אויפ־בליצן פון שעפערישער ליטעראַטור־קריטיק, אָן דעם שאַבלאָן פון פאָ־פּולערע און אָנגענומענע שטאַמפּאָווע מעטאָדן — לירישן אויפזינג אין אַ פּאָעטישן לשון אין פּראָזע, אין דעם מויל פון אַ טאַלאַנטירטן עסייאיסט, וואָס איז געבענטשט מיט דער עשירות פון אַ רייכער פאַנטאַזיע, געזונטער וועלט־אַנשויונג און ערודיציע, ווי אַ צוגאָב צו זיין אינטויציע, וואָס פינקלט בדרך כלל מיט אָריגינעלע איינפאַלן.

יצחק גאָלדקאָרן, וואָס האָט אונדז נישט לאַנג צוריק איבערראַשט מיט זיין בוך עסייען א. נ. פון וועלט קוואַל — קליינע עסייען וועגן גרויסע שרייבער — האָט אונדז איצט אונטערגעטראָגן אַ נייעם בוך עסייען: לאָדזשער פּאָרטרעטן, וואָס זענען ווייטיקדיק פאַר־

טראַכט און אויסגעפּירט, מיט דער גאָרער ליבשאַפט און נאָסטאַלגיע פון אַ לאָיאַלן, איבערגעגעבענעם חבר, אויף דער פּאָן פון ערב דעם חורבן פון וועלט און מענטש, אין דעם לויטערסטן סטיל און לשון פון אַ געוואַגטן, דורכויס טאַלאַנטירטן עסייאיסט, וואָס נעמט אַרום דעם ליידנסוועג פון 15 לאָדזשער שריפטשטעלער און 12 היימישע טיפּן.

גאָלדקאָרנס לאָדזשער פּאָרטרעטן האָבן זיך פּילפּאַכיק אויס־געלייגט, פּאַרטיפט און אויסגעברייטערט אין דעם סטיל פון זיינע אַרבעטן, וואָס האָבן ווי אַ צוגאָב צו זיך... כוונה צו גיין אין שטילע טריט צו דער אדמת קודש אין טאָן פון אַ ליטעראַרישן חסד של אמת... מיט מער ווי איין עודף, צו זייער ביאָגראַפישן תחית המתים: עסייאיסטישן, אַפילו קריטיש־אַנאַליטישן צוגאַנג צו זיי, זייערע ווערק און וועגן אין דער ליטעראַטור, און זייערע מעשים טובים אין זייער קורצן, פאַרשוועכטן לעבן.

ווי אַ קאָנקרעטער ביישפּיל צו דעם געזאָגטן, קען דינען דער ערשטער פּאָרטרעט־עסיי אין דעם זייער געראָטענעם בוך — יצחק קאַצע־נעלסאָן.

דער יוגנטלעכער אויפזינג קאַצענעלסאָנס — די זון פאַרגייט אין פלאַמען, דינט דאָ דעם מחבר ווי אַ שם המפורש צו אַ קריטישן אַריינדרינג און דער התגלות פון דער פּערזענלעכקייט יצחק קאַצע־נעלסאָן, וועמענס טראַגישע טענער זענען, לויט דעם מחברס אָפּ־שאַצונג — אויך געוואָרן ...די שלוס־אַקאָרדן פון זיין טראַגישן סוף...

און כאָטש זיין צוגאַנג ווי צו אַ קדוש איז פול מיט רחמים, ליבשאַפט און פאַרערונג, שטערט עס אים פונדעסטוועגן נישט, אין דער גאָרער עכטקייט פון זיינע עטיש־עסטעטישע אָנשויונגען בנוגע קונסט־און־לעבן — צו באַטאָנען, אַז —

...אין די מיניאַטורן פון ,דאָס ווייסע לעבן' קאַצענעלסאָנס, איז פאַראַן אַ יוגנטלעכע פאַרשיכורטקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטער קאַצענעלסאָן, עס איז אין זיי פילבאַר דאָס געזאַנג פון — און צום לעבן, אָבער נישט דאָס לעבן פון געזאַנג, קונסט... לאָזנדיק אָן אַ זייט שאָקירנדיקע, נאַאיוו־ראַפינירטע אומבאַהאָלפנקייטן, שטעלן

די געלונגענע פראַגמענטן מיט זיך פאַר נישט מער ווי דעטאַלע שיל־
דערונגען פון קאַלטבלוטיק־תאווהדיקער אַכילה און סעקס...

און כאָטש ער וויזט דאָ אָן, אַז —

...די לידער און פאָעמען... פאַרמאָגן יאָ שטימונג, באַהאַרצטקייט
און מעלאָדישקייט... איז דאָרט אָבער נישטאָ... קיין באַזונדערע איי־
גנאַרטיקייט...

גאָלדקאָרן גייט נישט פאַרביי דעם פאַקט, אַז — ...מיר האָבן פאַר
זיך די שאַפונגען פון אַ צוואַנציק־יאָריקן דיכטער און דערציילער... אָבער —
...אויך אין די אָנפאַנגערישע ווערק פון אַ טיף־אייגנאַרטיקן קינסטלער,
באַטאָנט ער — זעט זיך שוין אָן דאָס גרויסע — זאָל זיין, אין דעם עמ־
בריאָנעלן צושטאַנד...

מיט אַ זעלטן קריטישן חוש נעמט גאָלדקאָרן אַרום כמעט אַלע פאַזן
פון קאַצענעלסאָנס ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס גייען אַרויס פון דעם
אָריגינעלן גדר פון זיין אויבנדערמאָנטער כוונה. פון דעם געזונטן ,ערדגייסט׳
וואָס האָט אַרויסגערעדט פון קאַצענעלסאָנס פיזיאָנאָמיע און פיגור, שימערט
ביי אים דער עיקרשט אויף ...קאַצענעלסאָנס גייסטיקייט (וואָס) איז געווען
עפּעס ערדישעס, סענסועלס, אַ גשמיותדיקייט מיט אַן איידעלן ניואַנס
פון אַ דיכטער...

וועגן קאַצענעלסאָנס נייצייטיקע „איכה“ — דאָס ליד פון אויס־
געהרגעטן יידישן פאָלק, דריקט ער זיך אויס, אַז עס ...איז
מרעיש מער מיט זיין טראַגישער אויטענטישקייט, מיט דער פרישער וווּנ־
דיקייט פון ,אני הגבר׳ — ווי מיט דער דיכטעריש־וויזיאָנערישער סוב־
לימאַציע... און אַז —

...בלויז אין די שטעלן ווו עס רעדט דער פריוואַטער פאַמיליע־איוב
פון דער ליכטיקער חנהלע מיט די דריי טייערע קינדער — איז
דער פּאָעט אין זיין אייגנטלעכן טראַנס פון פּאָעטישער שכינה...

וואָס איז ווייט נישט איבערגעטריבן און באַשטעטיקט מייך השערה, אַז
גאָלדקאָרנס לאָדזשער פּאָרטרעטן זענען אַ סינטעז פון ביאָגראַ־

פיש־נשמהדיקע איבערלעבונגען, אין דעם לבוש פון עסייאיסטיש־קרי־טישער באַלויכטונג.

דערביי אָבער רעזומירט זיך זיין אַנאַלאָגיע, נאָך דעם אַרומריידן קאַ־צענעלסאָנס קאַליַרפולע דערגרייכונגען — צו דעם, אַז — ...עס איז אָבער זיכער, אַז ער איז געקומען מיט אַ נוסח (דאָס אַליין איז אַ גרויסע דער־גרייכונג! — י. ב.), און אַז ער האָט איבערגעלאָזן אין אונדזער פּאָעזיע אַ פיל־קאָלירנדיקן, שעפערישן פּערזן־בוקעט...

גאָלדקאָרנס קריטישער אויפנעם פון ליטעראַרישע ווערטן דינט אים ווי אַן אָנרעג צו שעפערישע מעשים, וואָס בליצן ביי אים נישט זעלטן אויף, מיט אייגנאַרטיקע השערות.

ווען ש. שאַיעוויטש, למשל, פרעגט אַפּ גאָלדקאָרנס באַצייכענען אים ווי אַ דיכטער און נישט נאָוועליסט, איז גאָלדקאָרנס טרעפלעכער ענטפער: „פּראָזע איז עפּישע דיכטונג, און די מחיצות צווישן ביידע זשאַנערס זענען בלויז פאָרמעלע״.

און ביים אָפּשאַצן שפּעטער אַ ביסל שאַיעוויטשעס אויפטרייסלענדיקן קינות־ציקל „פרילינג, תש״ב״, איז גאָלדקאָרן ממש אַנטפּלעקעריש מיט זיין צוגאַנג און אַנאַליז:

> ...ער מאָלט די בילדער און סצענעס פון געטאָ — הערט מען נישט קיין טריט, נאָר מען זעט אַ שלייכן זיך, אַ פאַרבייגליטש פון לעבע־דיקע שאָטנס, וואָס קלאַמערן זיך אין לעצטן ביסל שאָטנהאַפטיקן לעבן, די אַגאָניע פון ליכטל, וואָס נאָך יעדן גרעסערן אויפלייכט־אָנשטרענג, פאַלט עס צוריק אין אַ טיפערן אויסצאַנקען...

וואָס איז פאַר זיך אַליין, כמעט אַ סינטעז פון דיכטונג און אַנאַליטישער באַלייכטונג.

און ווייטער:

> ...ביי שאַיעוויטשן איז דאָ אַ גרויסע שטומקייט, וואָס רעדט עד לב השמים. ער איז שטיל, בלויז אויג וואָס זעט, און האַנט וואָס פאַר־שרייבט, מאָלט שרעק־פייזאַזשן אַנטקעגן וועלכע ס׳פאַרבלאַסן די גרויל־קאַנוועס פון אַ גאָיא, בעקלין און ענלעכע פלאַסטיקער פון פחד...

צו מאָלן און אינטערפּרעטירן אַזוי קול־דממה־דקהדיק די דיכטונג פון אַ צווייטן פּאָעט אַפילו אין פּראָזע, איז מען אָן יעדן ספק אַליין אַ פּאָעט. אין גאָלדקאָרנס פאַל — דורך דעם אָנווענד פון די אַנטפּלעקערישע אייגנשאַפטן און חושים פון דער עסייאיסטיק, וואָס איז בכלל נישט זעלטן אָריגינעל אין אירע מחשבות און נייגונגען, אַריינצובריינגען קלאָרקייט אין דעם אַפּשאַץ פון ווערטן.

יצחק גאָלדקאָרן באַווייזט עס אונדז קלאָר שוין דערמיט אַליין, וואָס מיט זיין גאַנצער סענטימענטאַלער באַציונג צו די פון אים געמאָלענע לאָדזשער פּאָרטרעטן, די ליכטיקע גרופּע לאָדזשער געשטאַלטן — אין דעם צייט־אָפּשניט פון ערב דעם חורבן פון וועלט און מענטש — איז ער פונדעסטוועגן פאַרבליבן וואַך צו זיין קריטישן חוש, פאַר־און־בנוגע די ליטעראַטור־ווערטן פון ז י י נ ע בעסטע און אינטימסטע מיטצייטלער, וואָס טיילט אים גופא אויס, ווי אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ סך חשיבות אין ז י י ן געוויסנהאַפטן איינשטעל לגבי זייערע לעבנס און ווערק, בשעת... אונדזער לעבן איז געגאַנגען מיט קליינע זאָרגן און גרויסע פריידן — פון לעבן, שאַפן, טרוימען און האָפענונגען...

און כאָטש ער האָט אַ גוט וואָרט כמעט פאַר אַלע געשטאַלטן זיינע אָן אויסנאַם, דריקט ער זיך גלייכצייטיק אָבער אויס וועגן פייוול גאַרפינקל, למשל, טיילווייז אַזוי:

...צו דער שעפעריש־קינסטלערישער וועלט פון געלייטערטן וואָרט, וואָס לייכט און שימערירט מיט געהיימען ליכט און פאַרבן, איז ער נישט דערגאַנגען...

דאָרט אָבער ווו ער געפינט עס יאָ, ווי למשל ביי אַלטער האָפמאַן — רעאַגירט ער אויף דעם דעמאָנסטראַטיוו אַזוי:

די נאָוועלן זענען געשריבן געווען אין אַ פיינעם, קאָנצענטרירטן סטיל, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אַ קרעפטיקן נאַטוראַליזם, און זיך אַרויסגעטורעמט צו אַ דעליקאַטן, אָריגינעלן אימפּרעסיאָניזם...

צי וועגן ישראל טראַנק —

> טראַנק האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע עסייען וואָס האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט דער קלאָרקייט און פשטות פון זייער סטיל...

און ווייטער:

> עס איז נישט קיין צו אָפטע דערשיינונג צו שרייבן קלאָר און פאַרשטענדלעך — און גלייכצייטיק וואָגיק — וועגן קאָמפּליצירטע ענינים...

וואָס עס וואַרפט אָגב אַ קלאָר ליכט אויף זיין ערלעכן צוגאַנג און אויסטייטש פון ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערטן, אָן די פניות פון אַ ליטעראַרישן בעל־חשבון...

אַ גאָר געלונגענע, כמעט אַלץ־אַרומנעמענדיקע אַרבעט, איז דער עסיי — ישראל ראַבאָן, וואָס דעקט דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן יונגן שריפטשטעלער, אין דעם גאַנצן, קאָלירפולן אויפשפּיל פון זיין פּערזענלעכקייט, אין לעבן און אין שריפט, פון וועמענס ...באַשיידענעם פנים האָבן אַרויסגעוווּנדערט אויגן — פול מיט שאַרפזין, חלום און חזיון...

דער, מיט טאַלאַנט געשילדערטער פּאָרטרעט פון ישראל ראַבאָן, ווערט דאָ געמאָלן אויף דער פאָן און סביבה פון דער לאָדזשער שרייבער־ און אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט, ווו ...ראַבאָן האָט אונטערגעהאַלטן די הייטערקייט מיט זיין בליציקן הומאָר, באַגלייט פון אַ שפּיזיק געלעכטערל, וואָס דעטאָנירט פון זיינע, אין שפּאָטישער גרימאַסע, אויסגעקרימטע ליפּן...

פון דעם איז צו זען, דעם שילדערונגס־כוח פון יצחק גאָלדקאָרן. קיין זאַך גייט נישט פאַרלוירן פון זיין אויג, וואָס נעמט מייסטערהאָפט אַרום דעם מענטש מיט זיינע שוואַכקייטן, מעלות און חסרונות און זיין סביבה אין לעבן, וואָס ווערט פון אים גלייכצייטיק אַרויסגעפינקלט פון זיינע שעפעריש־קינסטלערישע מעשים טובים. אַזוי־אַ באַלייכט ער קול־דממה־דקהדיק און קריטיש, אַלע פאַזן פון ישראל ראַבאָנס אַרבעטן, אין ליד און אין פּראָזע.

און דאָרט ווו ער געפינט ביי אים, אַז ...די קאָנסטרוקציאָנעלע און קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישע זייט איז געננג כאַאָטיש... טויכט אין אים אַליין אויף דער מורה דרך פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער מיט געוויסן־און־וויסן, וואָס זאָגט:

...דער געבאָט איז, אויסשיילן, געשטאַלטיקן די קינסטלערישע קרעאַציע — פון דעם גרויסן תוהו ובוהו, פון אַלטעגלעכקייטן.

געפינט ער אָבער ביי אים ...געלונגענע שטעלן... אין זיין ראָמאַן ,די גאַס׳, האָט ער שוין נישט געננג לויב פאַר אים. און אין זיין באַגייסטערונג רופט ער אויס:

...מיט דעם בלוטיקן בילד אַליין, וואָלט שוין דער מחבר פון ,די גאַס׳ געקאָנט פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער פּראָזע ליטעראַטור...

צוליב דעם איז אַגב ווינטשנסווערט צו באַמערקן, אַז אין גאַנג און אויפזינג פון גאָלדקאָרנס לאָדזשער פּאָרטרעטן, קומען נישט זעלטן צום אויסדרוק דעם מחברס אָנשויונגען פון קונסט, וואָס באַזירן זיך אויף אַ געזונטן חוש הריח און ביז גאָר מוטיקער זעלבסטשטענדיקייט, דער עיקרשט — געוואָגטקייט, מיט וועלכער ס׳איז ביי אונדז כמעט ווי אַ געפאַר צו טראַכטן אין דער הויך, אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן.

אין זיין פּאָרטרעט מישאַ טראַיאַנאָוו, צום ביישפּיל, גיט זיך יצחק גאָלדקאָרן אַגב אורחאדיק אַ זאָג:

...עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער נישט פּראָפעסיאָנעלער קריטיקער — האָט גראָד געטאָן די הויפּט־עובדא פון אַ קריטיקער פּער עקסעלאַנס: אַנטדעקן נייע שטערן אויפן ליטעראַרישן הימל...

און ווייטער:

...ווי מיזעראַבל זעען אויס, אין אָנבליק פון אָט דער זעלטענער פּערזענלעכקייט (נח פּרילוצקי, אַ שרייבער אין מערערע זשאַנערס — אין שייכות מיט זיינער אַ רעצענזיע — די סאַמע ערשטע איבער

טראַיאַנאָווס ערשטע לידער־זאַמלונג, א. ב. אומעטיקע האַרי־זאָנטן), די הויך־צעטרומייטערטע קריטישע ,גאונים', וואָס האָבן אַנטדעקט די זון בייטאָג און די לבנה ביינאַכט. אַנערקענענדיק אַ שרייבער — אַן אַנערקענטן, נאָכבאַמקענדיק ,ברוך הוא וברוך שמו' — נאָך דעם ווי קינד און קייט האָט דעם באַטרעפנדיקן שרייבער געקענט און געאַכט...

זיין באַשיידענע אַרבעט מרים אָלינאָווער, דערמאָנט שטאַרק אין די וווּנדערלעך קאָנצענטרירטע עסייען זיינע פון זיין פריערדיק בוך פון וועלט־קוואַל, אין וועלכע דער צימצום פון אויסדרוק דאָמינירט זיין גאָר רייכע טעמאַטיק.

אין דעם אויסלייג פון דריי באַשיידענע דרוק־זייטן, באַקומט זיך אַ בילד פון דער צניעותדיקער דיכטערין מרים אָלינאָווער, אין וועלכן ...די אויסערלעכקייט פון דער צאַרטער דיכטערין איז... אידענטיש מיטן איינדרוק פון אירע לידער (ווי טרעפלעך און כאַראַקטעריסטיש עס איז!)... וואָס איז בכלל אַ זעלטנהייט, און וואָס זעלטן ווער עס באַמערקט עס אין אַלגעמיין.

די איידעלע שטריכן פון דער דיכטערין, קומען דאָ צום אויסדרוק אין איר טאָג־טעגלעכן באַריר בין אָדם לחברו.

...וועגן אירע שאַפונגען, דערציילט אונדז דער מחבר — האָט זי אויסגעמיטן צו רעדן און בכלל זיך נישט געשטעלט אין צענטער אַלס ,אַקס' פון געשפּרעך. דערביי גיט דער מחבר צו, אַז ...דאָס איז אַ צייכן פון פיינער קולטור...

אַזוי אַרום באַקומט זיך דאָ אויך אַן אָפּשאַצונג, אין אַ זייער קאָנדענסירטער פאָרעם, פון מרים אָלינאָווערס דיכטונג:

אין אָלינאָווערס געזאַנגען איז געווען דער אָריגינעלער אידילישער חן פון דער יידיש־טראַדיציאָנעלער סביבה, פון געלייטערטער פאָלקסטימלעכער נאַיוויטעט, דעסטילירט דורך אַ קינסטלערישן שפּראַך־מעדיום, וואָס האָט געווירקט מיט זיין פשטות...

רירנדיק ביז גאָר איז דער פּאָרטרעט פון דעם דיכטער משה יאָסל סמאָלאַזש, אויף דער פּאָן און סביבה פון ...פאַרלוירנקייט און פאַר־יתומטקייט — סיי אין דער היים, סיי אין דער פרעמד — דער קרייז, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַוויזן סמאָלאַזשס טיפּן... וואָס האָט ווי צענדליקער אַנ־דערע, דורך די פאַרשאָלטענע היטלער־רוצחים, אומגעבראַכטע יונגע שרייבער — נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון גדר פון אָנפאַנגערישן, אָבער פיל צוזאָגנדיקן טאַלאַנט...

צוליב דער קרובהשאַפט וואָס עקזיסטירט צווישן דעם עסייאיסט און דעם לירישן דיכטער, גייט צומאָל דער ערשטער אַרויס פון דעם אָנגעצייכנטן גדר פון זיין ציל־באַוואוסטקייט; ער באַנוצט זיך מיט דעם אופן פון טראַכטן אין דער הויך, ווי דער ליריקער — אין דער ערשטער פּערזאָן.

צוליב דעם ווערט ער אָפט סענטימענטאַל, פאַרגעסט אָן דער שטרענגקייט פון זיינע, פאַר זיך אַליין, געשטעלטע אויפגאַבן, און ער דערנענטערט זיך אין זיינע פּראָזע־אַרבעטן, שטעלנווייז, צו דעם לשון, זעונג און דערצאַרטקייט פון אַ לירישן פּאָעט, ווי גאָלדקאָרן טוט עס אין זיין פּאָרטרעט פון זיין אינטימען פּען־חבר מישאַ טראַיאַנאָוו און אַנדערע.

דער צווייטער טייל פון בוך א. נ. „טיפּן", שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָפּקלייב פון די זעלטנסטע בעלי־חלומות, דענקער און גייסטיקע גבורים.

אַלע, אָן אויסנאַם, זענען זיי געמאָלן אין די פאַרביקסטע קאָלירן פון זייערע כאַראַקטערן, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער תמימות, עכטקייט און גאָרער שיינקייט. געגונג צו דערמאָנען, למשל, אַזאַ גייסטרייכן טיפּ ווי יוסף גאַרצעוויטש, וואָס טיילט זיך אויס מיט דער אָריגינאַליטעט פון זיינע קאַפּריזן און קוריאָזן. זיין גאָרע ליטעראַרישע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין אָנשרייבן ...איין ווערק... פון עטלעכע צענדליק שורות א. נ. דער זעלנער און די פּראָסטיטוטקע, אין אַ רעקאָרד־טיראַזש פון צוויי עקזעמפּליאַרן ...וואָס דער מחבר באַצייכנט, ווי אַ ...שאַפונג וואָס געהערט צו די אייגנאַרטיקסטע און זעלטנסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור... לויט דער פאָרעם פון דרוק און טיראַזש...

דער פּאַטאָס און די אָריגינאַליטעט זיינע באַשטייט אויך אין דעם, וואָס ...זינט דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1939, ווען די היטלער־חיילות

האָבן זיך אַריינגעריסן קיין פוילן, האָט גאַרצעוויטש מער נישט געוואָלט אויפשטיין פון בעט... אין וועלכן ער איז אין אַכט טעג אַרום אויסגעגאַנגען פון הונגער...

די לאָדזשער פּאָרטרעטן און טיפּן זענען געשריבן מיט גרויס פּאַטאָס, ליבשאַפט און פאַרערונג, פון אַ ליידנדיקן און צאַרטן מיט־צייטלער, וואָס איז מיט זיינע רירנדיקע עסייען געוואָרן דער גואל הדם פון זיינע שרייבער־חברים. מיט אָט די געראָטענע אַרבעטן זיינע, האָט ער אַריינ־געוויינט זיין אייגענעם און אייגנאַרטיקן — עסייאיסטישן — קדיש, אין אונדזער פאַרצווייגטער חורבן־ליטעראַטור, אויף זייער טראַגישן גורל — אומקום — אין דעם פאַרחושכטן צייט־אָפּשניט פון ערב דעם חורבן פון וועלט און מענטש.

צווישן חורבן און אומקום

ישעיהו שפּיגל: די בריק

דער ווערט פון אַ ליטעראַריש קונסטווערק, אין וועלכער פאָרעם עס זאָל נישט זיין געשריבן, ליגט אין דער פּאָטענץ און אין דעם כוח פון דעם באַטרעפנדיקן ווערק, צו קענען אָנרעגן אַ מיטשעפערישן לייענער מיטצוגיין מיט דעם דיכטער, זיך לאָזן פון אים באַאיינפלוסן, אפילו אים אַליין אויך אָנרעגן צו קענען מיטגיין מיט אים און ממשיך זיין דאָס, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעהויבן און לויט דעם איינדרוק פון דעם מיטשעפע־רישן לייענער, אפשר זיין ווערק ניט דערפירט צו דעם פון אים אַליין גע־גאַרטן קלימאַקס.

דער מחבר פון דעם געראָטענעם בוך נאָוועלן: די בריק, דער דיכטער און נאָוועליסט ישעיהו שפּיגל — זעט מיר אויס צו זיין אַזאַ מין סאָרט שריפטשטעלער, וואָס ער פּיבערט מיט דעם כוח און פאַר־נעם פון זיינע קינסטלערישע עבודות צו אַזאַ גראַד, אַז ער באַאומרויקט דיך לאַנג נאָך דעם, ווי דו האָסט זיך איינגעלעבט און אין זיך איבערגעקאָכט די נאָוועלן זיינע, וואָס פאַרהיימישן דיך צו זיינע העלדן, מיט דעם כוח פון זיינע אויסדרוק־מיטלען: לשון און סטיל, און פאַרטיפטן תוכן פון זיינע נאָוועלן.

אַ בריק, וואָס דינט אין לעבן צווישן מענטשן ווי אַ פּאַקטישע פאַר־בינדונג צווישן צוויי ברעגן, פונקציאָנירט אין דער ליטעראַטור ווי אַ סימבאָל פון עפּעס, וואָס פירט צו דעם קלימאַקס פון אַ סינטעז, וואָס איז דער פּועל־יוצא פון צוויי אונטערשטראָמען אָדער געגנזעצלעכע שטרעמונ־גען, אין דער וועלט פון וויזיעס און רעיונות.

דער נאָמען פון דעם נאָוועלן בוך די בריק פון ישעיהו שפּיגל איז אַ סימבאָלישער צוליב דעם, ווייל זיין הינטערגרונט איז פאַרוועבט

אין חורבן, וואָס איז דאָ דער דירעקטער גורם פון אויפקום פון מדינת ישראל, אין דער אָפשפּיגלונג פון דעם העלדן־פּערסאָנאַזש פון די נאָוועלן, אויף דער פּאָן פון אַ לעבן וואָס באַוועגט זיך צווישן חורבן און אויפקום, וואָס וועקט זיך און וואָס בויט זיך מיט דעם רייץ און דעם וווּנדער פון אַ דורכויס נייעם, צי באַנייטן בראשית.

דער חורבן־מאָטיוו פון יעדער נאָוועלע, כאָטש נישט קיין דירעקטער — דינט דאָ דעם דיכטער ווי אַ בלוטיקער הינטערגרונט, געמאָלן אין אַן איידעלן פּראָפּיל — צו די חבלי־לידה פון זיין ישראל־טעמאַטיק, וואָס פּילט אויס דעם קאָלירפולן תוכן פון זיינע אויסגעוויייטיקטע, עכטע און גרויס־קינסט־לערישע נאָוועלן, וואָס פּאַרכאַפּן דיך מיט דער זעלטענער אָפּגעהיטקייט פון זיין לשון, ישראל־טאָפּאָגראַפיע און פייזאַזש, טיילווייזער ראָמאַנטיק און ביז גאָר לעבעדיקער פּראָצעס פון דער זיך־שאַפנדיקער היינטצייטיקער ישראל־ווירקלעכקייט.

אין די דראַמאַטישע האַנדלונגען פון די מערסטע נאָוועלן, פיגורירן מענטשן פון נעכטן — פון דאָרטן! — וואָס באַמיען זיך צו אַקלימאַטיזירן אין דעם אויסגעחלומטן לאַנד פון האָפענונג, אין אַ באַלעבטן תנ״כישן קלימאַט פון די קינדערישע און שפּעטערדיקע אידעאַליסטישע יאָרן, אין אונדזער צעשפּרייטקייט, וואָס האָט נאָך געברויזט מיט אימפּעט פאַר דעם מבול פון אונדזער יאָרהונדערט — אין אַ סביבה פון טיילווייזן אידע־אַליזם און אויך טיילווייזן קאַריעריזם... אין אָנגעזיכט פון אַ יוגנט — די סאַברעס — און שוין באַלד אָפּגעלעבטע און פאַרעלטערטע חלוצים, אין דער סביבה פון אַ היינטצייטיקן דור הפלגה, ווו איינער פאַרשטייט נישט דעם צווייטן:

— די זשוליקעס, זאָלן לעבן, זיי האָבן פיינט אַז די באָבע רעדט יידיש...

דער קלימאַט פון ארץ־ישראל מיט זיינע אורשיינקייטן פון תנ״כישער סביבה, ווערט דאָ אַרויסגעהויבן איבער די באַרבאַרישע ווילדקייטן פון דעם פאַרהיטלערטן פוילן, אין אַ פּראָצעס פון אימפּעטיקן בויען און באַ־נייונג, אין דעם אָפּשיין און אויפציטער פון דערמאָנונגען און חרוב־פאַר־ווילדערטע היימען פון אַמאָל און העלדישע אַקטן פון געטאָ־יידן, וואָס

שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם געמיט און דער מענטאַליטעט פון די העלדן פון ישעיהו שפּיגלס נאָוועלן, וואָס ווערן פון אים דערהויבן צו העלדן פון אַרבעט און וויזיאָנערן, אין אַ תקופה פון איבערגאַנג, פון חורבן צו אויפקום, וואָס דינט ווי אַ ב ר י ק צווישן נעכטן און היינט, וואָס מוז און וועט פירן צו גאולה.

פראָזע פאַרברידערט צו דיכטונג

יעקב זיפּער: כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען

די טענדענץ און די אויפגאַבן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור איז נישט נאָר אָפּצושפּיגלען, נאָר אויך פאַרויסצוזעגיין דעם לעבן, אים געבן אַ זין און אַ תּיקון אין די ראַמען פון מחשבה און מעשה, חזיון און קאָנקרעטע בילדער.

אין לעבן טרעפט נישט זעלטן, אַז אַ מענטש שפּאַנט אַרויס פון זיין אַנגענומענעם רוטין און ער באַניט זיך פּלוצעם און אומגעריכט פאַר זיך אַליין, מיט אַ נייעם סדר און גאַנג אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

און דאָס וואָס איז גילטיק און גיגנסטיק אין דעם אַקטועלן און פאַקטישן לעבן, איז אויך נישט זעלטן חל אויף די פאָרמען אין דער ליטע־ראַטור, מיט וועלכע אַ טאַלאַנטפולער שרייבשטעלער באַנוצט־און־באַניט זיך, אין זיין שטרעבונג צו שלימות.

אַזוי, למשל, טרעפט, אַז אַ פּאָעט, אַפילו אַ טאַלאַנטירטער, בייט איבער זיין פאָרעם פון אויסדרוק, די פערזנפאָרעם — אויף פּראָזע. און אַ פּראָ־זאַיקער — זיין פּראָזע אויף דיכטונג.

איינעם גיט זיך עס איין, אַ צווייטן — נישט.

די גאָר טאַלאַנטירטע שרייבשטעלער האָבן זיך אַלעמאָל געפילט היימיש אין זייער פּראָזע־שרייבן ווי אין דיכטונג, אויף אַזוי פיל, אַז איינע האָט דערגאַנצט דאָס צווייטע, דורך דעם אַריינמיש פון דער דיכטונג אין דער פּראָזע און — אויך פאַרקערט.

עס טרעפט אָבער אויך נישט זעלטן, אַז אַ שרייבשטעלער בלאָנדזשעט בכלל אין זיינע קינסטלערישע עבודות. דער ניט־באַרופענער פּאָעט שרייבט

דווקא אַ גוט שטיקל פּראָזע, און דער יאָ־באַרופענער פּראָזאַיקער באַמיט זיך דווקא און ער שרייבט, נישט קיין גערעטענע לידער.

און כאָטש אַלץ הענגט אָפּ אין מזל, לויט דעם סדר העולם — איז פונדעסטוועגן פּסיכאָלאָגיש יאָ מעגלעך אַן איבערברוך אין די בלאָנדזשענדיקע באַמיונגען און פאַרזוכן פון אַ שעפערישן שריפטשטעלער, וואָס געפינט, ביי אַ באַשטימטער דערפאַרונג און עלטער, פאַר נויטיק, איבערצוגייען פון איין פאָרעם פון שרייבן צו אַ צווייטער, און אַזוי אַרום פאַרברידערן זיי זיך איינער צו דעם אַנדערן, ווי עס איז איצט דער פאַל מיט דעם פּראָזאַיקער יעקב זיפער, מיט זיין ערשטער און גרעסערער פּאָעמע א. נ. כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען, כאָטש ער האָט אין זיין קערנדיקער פּראָזע, קיינמאָל ביז איצט בפירוש נישט געבלאָנדזשעט.

אויף דעם זאָגן עדות זיינע, ביז איצט, דריי דערשינענע פּראָזע ביכער.

צווישן דער פּראָזע און דער פּערזנקונסט עקזיסטירט, אַגב אַלצאיינס, אַזאַ אינטימע קרובהשאַפט, וואָס איז סתם נישט צעטיילבאַר, אין דער געגנזייטיקער ווירקונג איינער אויף דעם אַנדערן.

דער טאַלאַנטפולער פּראָזע־שרייבער יעקב זיפער, דער מחבר פון דעם וווּנדערלעכן פּראָזע־בוך: געוועזן איז אַ מענטש, אויף יענער זייט בוג, און די קרעפטיקע דערציילונגען: צווישן טייכן און וואַסערן, איז מיר ביז איצט נישט געווען באַקאַנט ווי אַ פּאָעט.

דער ריטעם פון זיין לשון און די פּאָעטישע שטעלן אין זיין שפּראַך־עשירות אין אָט די דריי דערמאָנטע ביכער, האָט ביי אים קיינמאָל נישט גורם געווען קיין בלאָנדזשעניש אויף די וועגן צו זיינע דערגרייכונגען ווי אַ פּראָזע־מייסטער. נאָך מער — זיין פּקחות און למדנות, ערודיציע און בכלל שרייבערישע באַגאַבטקייט, האָט אים פּלוצים, אַן די חבלי־לידה פון אַן אָנהויבער־פּאָעט, אַ דאַנק דער שאַרפער איבערלעבונג זיינער פון אונדזער גרעסטן חורבן — אַרויפגעפירט אויף דעם דרך המלך פון וואָרער דיכטונג, וואָס איז ביי אים איצט צושטאַנד געקומען אין אַ לענגערער, נאַראַטיווער פּאָעמע, א. נ.: כ׳בין ווידער אין מיין חרובער־היים געקומען.

יעקב זיפערס דערפאַרונג ביים אָפּערירן מיט אַ קערנדיקן לשון אין

זיינע אויבנדערמאָנטע פּראָזע־ביכער, אָן דעם גלאַנץ פון פּוסטער רעטאָ־ריק, האָט אים דאָ פאַרשפּאָרט צו פּאַקן־און־צו־מאָזלען.

ביי זיין ערשטן אַרויספאָר אין דער פּערזן פאָרעם, זעט ער מיר אויס צו זיין אַ פּאָעט אין דעם פולסטן זין פון וואָרט. אַ פּאָעט, וואָס ווייסט באַשטימט וואָס ער וויל.

ער באַהערשט זיין טעמאַטיק אין דעם לבוש פון אַ פאָרעם און סטיל, צו וועלכע ער האָט זיך באַלד פאַרהיימישט, אויף דער פּאַן פון אַ פּאַטאָס און דער עכטקייט פון אַ גאָר טראַגישער איבערלעבונג, און דערמיט זיך באַלד פאַרברידערט צו דער דיכטונג.

*

די שטעטל־טעמאַטיק, וואָס איז ביי אונדז געוועזן זייער אַנזעעוודיק אין דעם בראשית פון אונדזער ליטעראַטור, איז אַ דאַנק דעם לעצטן חורבן אונדזערן, איצט ווידער געוואָרן אַקטועל.

די פּאָעמע כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען פון יעקב זיפּער, איז דעריבער טעמאַטיש אַקטועל, היינטצייטיק און אויב איר ווילט — אַפילו מאָדערן אין דעם אופן פון אויסדרוק, אין דעם לבוש פון אַ סטיל און לשון, וואָס גיט זיך דיר איבער אָן דער באַנאַליטעט פון געקינסטלטע גראַמען, וואָס פאַרדעקן בלויז אָפט די אומבאַהאָלפנקייט פון אַ נישט־דערוואַקסענעם, אינפאַנטילן פּאָעט, אין געגנדזנפּיסלעך...

דער תוכן פון דער פּאָעמע כ׳בין ווידער אין מיין חרו־בער היים געקומען, האָט זיך דאָ ביי יעקב זיפּער אויסגעוויטיקט אויף דער פּאַן פון אַ קליינשטעטלדיקער משפחה־כראָניק, וואָס איז אַגב כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר אַ סך אומגעקומענע יידישע משפחות אין דער חורבן־תקופה פון אַלע אונדזערע אַמאָליקע שטעטלעך.

די דראַמאַטישע שילדערונגען אין רעטראָספּעקט, זענען נאָך פאַר־וואָרצלט אין די צערפּולע איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען —

ביים ערשטן חורבן פון אונדזער הויז —
האָבן אַלע געוויינט
אַפילו די גויאישע גאַס,
האָט מיט צער זיך געצלמט
און דער ווייטער קלויסטער,
האָט די גלעקער געלאָזט קלינגען
אַ גאַנצע נאַכט.

און —

דער טאַטע איז איבער נאַכט גראָ געוואָרן.

וואָס איז מער נישט געווען ווי בלויז אַ פאָרשפּיל, כמעט אַן „אידיליע" — לגבי דער שפּעטערדיקער, טאָטאַלער פאַרניכטונג, ווען ס'איז שוין אַפילו נישט געווען מער, ווער עס זאָל וויינען.

ביי זיין צוריקקום אין זיין שטעטל, טרעפט אונדזער דיכטער —

דאָס גאַנצע שטעטל — אַ פּוסט פעלד
שטייט אויף אַ שטיין
און ברוך אויף בראָד
צווישן גראָזן אין מאָד.

און ווייטער —

אַ פאַרשטומט געשריי
הויערט אין דער לופט,
אַ פאַרטייעטער גרויל
אין די גראָזן.
ס'איז שטילער פון שטיל
חורבן פאַרגייט זיך
אין שוויגן.

און זיין ברודעס געדעכעניש, נאָך אַ קרבן פון אַמאָל — איז אויפגעגאַנגען אין גרינס.

די פּאָעמע זעט מיר אויס צו זיין אַ דירעקטער המשך, אויב נישט אין סטיל — ווייל געשריבן אין פּערזן — איז זיכער אינהאַלטלעך, אין דעם גאַנג באַרג־אַראָפּ פון זעלבן שטעטל, ווי אין דעם בוך צווישן טייכן און וואַסערן פון זעלבן מחבר, אין וועלכן עס פיגורירן די זעלבע געסלעך, בריקן, דער וואַול (אָרעמער קוואַרטאַל), און טיפן אין פּראָפיל, אין אַ סביבה פון גאָרער ברוטאַליטעט, אין דער זעונג פון אַ דיכטער, וואָס איז געקומען זיך געזעגענען, אַ לעצטן קוק טאָן, און דווקא נישט אויף קבר־אבות, ווייל קיין קברים זענען דאָ מער בכלל נישטאָ, און —

ס׳האַרץ זאָגט מיר, אַז\
כ׳וועל מער נישט קומען אַהער,\
ס׳איז קיינער מער נישטאָ אַרום.

דער דיכטער איז פול מיט געהער און גאַרונג, צו געפינען —

אפשר אַ שפּליטער פון אַ וואָרט,\
אַן אָפּקלאַנג פון אַ ניגון,\
וואָס האָט דאָ אונדזערע זיידעס\
באַגלייט גאַנצע זיבן הונדערט יאָר.

און אים דוכט זיך, אַז ער איז אפשר גאָר אַהער געקומען ...דערהערן דעם אָפּגעהאַקטן ניגון.

צו זיין ווייטיק און צער הערט ער אָבער בלויז, ווי —

פון די טאָרף־פעלדער פאַר דער לאַנגער בריק\
און די סטראַסטענעס נאָך דער וואַסער־מיל,\
טראָגן זיך די יאָמערן\
פון די לעצטע שעהן;\
ציין־געקריץ און פלוכן\
און קללות און לעסטערונג\
און לעצטע שמע ישראל.

כ׳דאַרף נאָר אַן אויג פאַרמאַכן
און איך שפּאַן שוין מיט זיי
איבער דער לאַנגער בריק.
צאַפּל מיט זיי
אין לעצטן גאַנג.

מיט אַלע זיינע פאַרשאַרפטע חושים דערפילט ער און ער שפּירט, ווי —

איצט, איז דאָ שטילער פון שטיל.
נישטאָ ווער עס זאָל אין געוויין
זיך פאַרגיין.

מיט די פּשוטסטע מיטלען פון קלאָרקייט אין לשון, דעקט זיפער פאַר אונדז אויף דעם חורבן פון זיין שטעטל, אין וועלכן —

אַפילו דער וועג מיטן שטומען שטויב
זאָגט עדות:
אין אַלע שטיבער רויב!

און מיט דעם כח און דער גבורה פון אַ פּאַטעטישן מקונן, דעקט ער אויף: די —

אַלע תאוהס פון רציחה
האָבן דאָך געזאָטן
טאָג און נאַכט.

אין זייער בולטע קאָלירן מאָלט ער דעם אָפּפאַל פון שטעטל, וואָס האָט געירשנט אונדזער האָב־און־גוטס, כאָטש —

...קיינער האָט אויסלייגן נישט געקענט,
אַז ממש יעדער טראָט ערד
איז פאַר אַ קבר אָנגעברייט,
און יעדער בוים
אויף אַ תליה פאַרגרייט.

ביז גאָר רירנדיק זענען די בילדער אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק דער קידוש השם פון די יוגנטלעכע, דווקא אין דער אָפּשפּיגלונג און דעם געמיט פון אונדזערע הענקער און פּייניקער, וואָס גאַפן דערפון —

אַז בחורים זיבעצן,
דער נשאר פון סעמינאַר —
זאָלן מיט זמירות און ניגונים
איבערן אייגענעם לעבן
מאַכן קידוש —
איז דען נישט קיין חידוש?

און דער תליון רופט אויס:

„ער האָט זאָלכעס נימאָלס ניט געזען".

און זיפער גאַליקט אויס זיין צער אַזוי:

גיי דערקלער אים
אַז די יידעלעך פירט מען ניט
צום גאַז־אויוון.
זיי גייען ווען עס קומט די צייט...
ווייל —
אַברהם איז געגאַנגען,
און יצחק איז געגאַנגען,
און יעקב און יוסף;
און לאה האָט די אויגן זיך אויסגעוויינט, —
טאָמיר וועלן חלילה אירע קינדער
ניט זוכה זיין צו גיין, —
ביז מ'האָט איר געוויזן
די עשרה הרוגי מלכות,
האָט זי דאָן אויסגעבראָכן
אין אַ גרויס זינג־געווין —

„רחל שוועסטער,
שטיי־אויף פון אונטערן שטיין!
אַלע יעקבס קינדער
טוען גיין און גיין".

און ווייטער:

אַלע גייען זיי אינאיינעם,

ווייל —

אויך יוסף טרומפעלדאָר
איז געגאַנגען,
און הירש לעקערט,
און נפתלי באָטווין, —
אַלע פון איין שטאַם.

מיט ווייטיק און מיט צאָרן באַמערקט ער, ווי אין שטעטל זענען נאָך דאָ „דער אַפּטייקער (פון דער אַזוי גערופענער אינטעליגענץ — י. ב.) און יאַגינע, די צעטומלטע נפקא":

נאָר פון אונדזער משפחה
מיט אַלע שכנים —
קיינער נישט.
בלויז אין מיר,
זיינען זיי פאַראַן.
בלאָנקע איך דאָ אַרום
צום לעצטן מאָל.

אַזוי אַרום איז זיפער געוואָרן ז י י ע ר גואל הדם אין דער ליטעראַטור, צוליב דעם פשוטן פאַקט, „וואָס בלויז אין מיר זענען זיי פאַראַן", און טראָץ דעם —

ווייל איך בין דערביי נישט געווען,
גייט מיר נאָך דאָס וואָס ס'איז געשען.

און געשען, ווי מיר ווייסן — איז מער וואָס אַ מענטש קען פאַרטראָגן: אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן און פאַרשוווּנדן.

ס'איז שטיל אין „וואול".
קיינער גייט נישט,
קיינער קומט נישט.
בלויז אַ שימה, אַ האַלב־פאַרברענטע,
פון עפּעס אַ ביכל פון דער ביבליאָטעק
וואַלגערט זיך אין קויט.

און פאַר־סך־הכלט זיך צו דעם, אַז —

געווען אַמאָל אַ היים
און נישטאָ מער.
געווען אַמאָל אַ וועלט
און נישטאָ מער.

אין דעם וויטערדיקן אויפזינג פון יעקב זיפערס פּאָעמע: כ'בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען, מיט וועלכער זיין פריערדיקע פּראָזע האָט זיך איצט אויף תמיד פאַרברידערט צו אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש לשון.

הערש פענסטער

ביכער וואָס האָבן אַ קינסטלערישן און קולטור־היסטאָרישן ווערט, זענען דויערהאַפט און אייביק.

ביכער פון אַט דעם כאַראַקטער, ווערן געווײנלעך נישט געשריבן מיט טינט, נאָר — מיט דעם בלוט פון האַרץ.

הערש פענסטער, אַ זעלטענער עניו, עכט און געוויסנהאַפט אין זיין איינשטעלונג און באַציִונג צו זיינע מיטצייטלער — האָט אויף אַזאַ אופן פאַרטראַכט און אָנגעשריבן זיין זעלטענעם בוך: פ אַ ר פ ײ ניקטע קינסטלער, אויף דער פאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק, וואָס טיילט אים צוליב דעם אויס ווי אַ צערפולע פערזענלעכקייט מיט אַן אויסגעשפּראָכענער, אייגנאַרטיקער פיזיאָנאָמיע, וואָס איז געווען און פאַר־בליבן, לויט דעם פאַרנעם און די איכות פון זיין אַרבעט — אַ יחיד במינו.

און כאָטש הערש פענסטער דריקט זיך אויס אין דער התנצלות פון זיין באַשיידענעם אַריינפיר־וואָרט צו די ליי ענער פון זיין מאָנומענטאַל ווערק, אַז זיין בוך —

> ...איז נישט קיין ווערק פון קונסט־קריטיק, נייערט פון פיעטעט... און אַז ער האָט... נישט געזוכט צו שאַפן אַ ליטעראַריש־קינסטלע־ריש ווערק... נייערט אַ ווערק וואָס זאָל זיין אַזוי פשוט און טראַגיש אמתדיק, ווי טראַגיש פשוט און אמתדיק עס איז דער קרבן פון אַלע שאַפערישע יידישע מענטשן, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, ווי דער טויט פון זעקס מיליאָן קדושים...

באַשטעטיקט זיך אָבער דווקא יאָ, אַז ער איז געווען־און־פאַרבליבן אַ שעפערישע פערזענלעכקייט מיט אויסגעשפּראָכענע קינסטלעריש־קרי־טישע אָנשויונגען און נייגונגען, אויף דעם געביט פון אויפנעמען־און־

באַנעמען, קריטיש באַלייכטן, אָפּשאַצן, אויסטייטשן און דערקלערן דעם מהות פון דער פּלאַסטישער קונסט.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן, וועל איך דאָ ברענגען בלויז עטלעכע קאָנדענסירטע שורות פון זיין אַרבעט איבער דעם קדוש־קינסט־לער, איינער פון אַ סך — רודאָלף לעווי. פענסטער שרייבט:

> ...ער איז געווען אַ קינסטלער פון פאַרבן: פון שטאַרקע, לייכטנ־דיקע טענער, פון גרויס־פלאַכיקע קאָמפּאָזיציעס. אין דער מאָלעריי איז ער אַ ליריקער. ער האָט אויסגעדריקט דעם ליריזם זיינעם מיט פרייע, טעכנישע מיטלען...

אין געציילטע ווערטער ווערן דאָ כאַראַקטעריזירט און אַרויסגעבראַכט, די קענטיקסטע הויפּט־אייגנשאַפטן פון דעם מאָלער. זיי גיבן זיך דיר דאָ איבער, מיט דער וויזיע „פון שטאַרקע, לייכטנדיקע טענער".

פון דעם איז צו זען, אַז הערש פענסטער איז געווען אַ שריפטשטעלער מיט אַן אייגענעם פּנים, וואָס האָט געהאַט וואָס צו זאָגן און דער עיקרשט געוווסט, ווי אַזוי עס צו זאָגן, אין אַזאַ שפּראַך און פאָרעם, וואָס האָט זיין וואָרט דערהויבן צו דער פּשטות פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער קלאָר־קייט, וואָס באַצווינגט דעם לייענער. פון דעם לערנען מיר, אַז דער וואָס האָט עפּעס אייגנס צו זאָגן אין דער ליטעראַטור, שטעלט מיט זיך פאָר, אָן יעדן ספק, אַ יש און אַ כּוח אין איר, וואָס באַדאַרף און זאָל רעספּעקטירט און געלייענט ווערן פון יעדן איינעם וואָס האָט באַציונג און פאַרשטענדע־ניש פאַר אונדזער שעפערישן וואָרט, אויף יידיש־לשון.

און הערש פענסטער, ווי געזאָגט — האָט געהאַט וואָס צו זאָגן.

און זאָגן האָט ער עס געזאָגט מיט דעם כּוח און דער עכטקייט פון אַ ראַפינירטן קינסטלער, וואָס האָט זיך געקענט איינלעבן אין די שאַפונגען פון אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער און זיי מחיה־מתים־זיין אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס וועלן פאַרבלייבן ווי אַ בשותפותדיקער מאָנומענט נאָך זיי אַלע, אים אַליין אַריינגערעכנט — לדור דורות.

די קליינע זשורנאַלן

(עסיי)

מיר לעבן אין אַ גורלדיקער צייט: דאָס לעבן גופא גלייכט אונדז אויס, נאָך איידער די מאַמע ערד דעקט אונדז צו.

צוליב דעם אַליין טאָרן מיר זיך נישט גרויסן איינער קעגן אַנדערן, אָפּגערעדט דערפון, וואָס גאווה בכלל שטעלט אַוועק אין שאָטן די מדרגה פון אַ מענטשן מיט פּרעטענזיעס אויף קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַק־טיוויטעטן.

צוליב דעם זענען מיר געצוווּנגען צו לעבן אין איין חברותא.

דאָ נישט לאַנג צוריק ערשט, ווען די קאַרפּנקעפּ פון אונדזער ליטע־ראַטור זענען נאָך געווען מיט אונדז, אונדזער דור האָט נאָך זוכה געווען מיטצולעבן מיט זיי דעם בראשית פון אונדזער ליטעראַטור־רענעסאַנס דאָ אין לאַנד, האָט די פּראָווינץ מיט איר גאָרער תמימות און אויך נישט ווינציקער קנאה, אַרויפגעקוקט צו אונדזער מעטראָפּאָליע און באַוווּנדערט אירע באמת שעפערישע מעשים טובים.

מיט נייגער און מיט באַגייסטערונג האָבן מיר אויפגענומען און אויך אָפּגעשאַצט יעדע ליטעראַריש־שעפערישע טואונג פון אונדזער מעטראָ־פּאָליע, וואָס האָט מיט זיך עפּעס מחדש געווען.

בעת אָבער די אַמעריקאַניש־יידישע פּראָווינץ האָט זיך געלאָזט פון איר יאָ באַווירקן און אויך אויסגענוצט ווערן מצד די וואָרט־זאָגער און פירער פון דער מעטראָפּאָליע, שטיצנדיק זי דערביי אויף אַלע פראָנטן, זענען מיר אָבער לײדער פון תמיד אַן געווען און אויך פאַרבליבן די קרבנות פון איר גרינגשעצונג לגבי אונדז גופא.

מיר האָבן אַגב זעלטן ווען געהאַט דעם מוט, ווידערצושפעניקן: תמיד געגאַנגען אין שפּאַן פון דער נישט געשריבענער לאָזונג: אַלץ וואָס קומט

פון ניו־יאָרק איז גוט, ווייל אונז שייך. און דאָס וואָס קומט פון דער פּראָ־ווינץ ר"ל — איז בלויז גוט פאַר לייטיש געלעכטער...

פון דערפאַרונג אָבער ווייסן מיר, אַז אַזאַ קוק איז פאַלש פון אויבן ביז אַרונטער, שוין דערפאַר אַליין, וואָס די גרעסטע וואָרט־פירער אונדזערע און מנהיגים אויף אַלע געביטן פון קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, וואָרצלען אין זייער אָפּשטאַם — אין משפּחות פון קליינע שטעטלעך. נאָך מער, דאָס לעבן אין אַלגעמיין איז בטבע דינאַמיש, נישט סטאַטיש, קיין זאַך וואָס לעבט און ווירקט, שטייט נישט אויף אַן אָרט; אַלץ וואָס לעבט איז אונטערוואָרפן דעם געזעץ פון אומפאַרמיידלעכקייט: אַנטוויקלונג, בייטן זיך און — אונטערגאַנג.

און דער גורל פון ליטעראַרישע אונטערנעמונגען איז ווייט נישט אַנ־דערש. אין קעגנטייל, זייער ענלעך צו דעם גורל פון דעם מענטש.

פּען־מענטשן לעבן, שאַפן און — שטאַרבן.

בשעת אָבער די באַשעפער פון אַלע ליטעראַטור־ווערטן גייען לײדער אונטער, לעבן אָבער די פון זיי באַשאַפענע ווערטן, לאַנג נאָך דעם, ווי זייערע באַשעפער ווערן אויסגעמעקט פון אונדזער זכרון.

און כאָטש עס איז אין דער נאַטור פון דעם מעטנש אין אַלגעמיין צו דערציען זיינע קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן כאָטש טיילווייז גיין אין זיינע דרכים און ממשיך זיין זיינע אידעען, האָבן אָבער אונדזערע ליטעראַטור־ראשונים דאָ אין לאַנד, נישט געזאָרגט פאַר דעם המשך פון אונדזערע ליטווערטן.

אין דעם באַשטייט זייער, און דער עיקר — אונדזער טראַגעדיע.

און אַז דאָס געזעץ פון אומפאַרמיידלעכקייט האָט זיי גענומען אַניאָגן — זיי האָבן לײדער ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון דער אַרענע — האָבן מיר זיך מיטאַמאָל אַרומגעקוקט און מיט שרעק דערזען, אַז מיר האָבן נישט קיין המשך.

סימנים און פאַרזוכן פון דערוואַכונג, דערצו נאָך זייער קאָנקרעטע — אויף דער פּראָווינץ, פון אַ רצון צו ווערן זעלבסטשטענדיק און זיך שטעלן ליטעראַריש אויף די אייגענע פיס, ווי אַ רעאַקציע צו דער גדלות פון אונדזער מעטראָפּאָליע, וואָס האָט זי אַלעמאָל איגנאָרירט, האָבן זיך באַ־

וויזן אין אַזאַ ווייטן צייט־אָפּשניט, ווי אין דעם צווייטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט.

אין שיקאַגאָ, למשל, האָט זיך דאַן באַוויזן די גרופּע „יונג־שיקאַגע", מיט איר ערשטער קאָלעקטיווער זאַמלונג, א. ב. „אין נעבל". דאָ, אין ל. א. — אין די צוואַנציקער יאָרן — די זאַמלונג „מערב". שפּעטער — די פּערטל־יאָריקע שריפט „ליד", „קאַליפאָרניער אידיש לעבן" און אַ צאָל אַנדערע נישט לאַנג עקזיסטירנדיקע אויסגאַבן. דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט אין טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל און אַנדערע ישובים.

אמת, מיר האָבן נאָך דאַן געהאַט אַ גרויסע צאָל אָפּנעמער פון ליטע־ראַטור־ווערטן, אַ דאַנק דעם צושטראָם פון אַ פאַרהעלטנישמעסיקער ניש־קשהדיקער אימיגראַציע. דער גלייכגילט אָבער צו אונדז מצד דער גרויס־האַלטערישער מעטראָפּאָליע, האָט זיך אָבער לײדער, צוליב אונדזערע באַשיידענע פאַרזוכן אויף אַ האָר נישט געביטן ביז איצט!

און דער קאַמף פון דער פּראָווינץ וואָס וויל, באַדאַרף, מעג און זאָל שטיין אויף די אייגענע פיס און זיין זעלבסטשטענדיק, גייט נאָך אויך אָן ביז איצט.

ווי אַ פּועל יוצא פון אָט דעם געראַנגל, זענען אויפגעקומען און אונ־טערגעגאַנגען אַ צאָל זשורנאַלן, אַפילו גרעסערע זאַמלביכער, וואָס האָבן לײדער, אַ דאַנק דעם דרוק פון דער גרויזאַמער צייט, וואָס האָט אַפילו אויך נישט געשאַנעוועט אונדזער מעטראָפּאָליע, דעם צענטער פון אַלע אונדזערע קולטור־היסטאָרישע אַקטיווויטעטן — זיך געמוזט אָפּשטעלן.

אין דעם זין, האָט אונדז אויך די צייט, שוין ביים לעבן אויסגעגלייכט.

קיין טרייסט אָבער, איז עס סיי ווי נישט... ווייל לעבן, ווי געזאָגט — מיינט: דינאַמיק. און דאָרט וווּ לעבן איז פאַראַנען, מוזן אויך זיין בנמצא בלערליי אַמביציעזע אַקטיוויטעטן, געזעלשאַפטלעכע, ווי יחידישע, דער עיקרשט טאָקע — קאָלעקטיווע.

צוליב דעם איז ביי אונדז די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ מין שפּע אויף קליינע זשורנאַלן, וואָס ראַנגלען זיך אַפילו אין ניו־יאָרק, ווי אויף דער פּראָווינץ — פאַר זייער עקזיסטענץ.

די קליינע זשורנאַלן, זאָל אָבער דאָ געזאָגט ווערן — האָבן לײדער ווינציק, כמעט גאָרנישט — נישט געלערנט פון זייערע פאָרגייער.

קיין איינער פון זיי האָט זיך נישט באַמיט צו שטיין אויף די אייגענע פיס; אַנטוויקלען די אייגענע כוחות! — און ביז היינט באַמיען זיי זיך, דאָ, ווי אויך אין ניו־יאָרק, צו פּוצן זיך אין פרעמדע פעדערן, מיט אָפּגעבן בדרך כלל דעם אויבנאָן, די פירנדיקע פּענמענטשן פון דער מעטראָפּאָליע, וואָס האָבן זיי גופא קיינמאָל נישט דערלאָזט צו נעמען אַ שרייבעריש־אַקטיוון אָנטייל אין „זייערע" ניו־יאָרקער אויסגאַבעס. דערפון אפשר נעמט זיך, די אָפּגעשטאַנענקייט און פלאַכקייט פון די לאָקאַלע מיטאַרבעטער פון די קליינע זשורנאַלן וואָס זענען אַמאָל אַרויסגעגאַנגען, און די וואָס דערשיינען נאָך צומאָל אויך איצט.

די קליינע זשורנאַלן ביי אונדז, ווו זיי דערשיינען נישט, אַפילו אין ניו־יאָרק — ליידן אויך פון דער מחלה: קרקע.

ס'איז פּשוט צום שטוינען, ווי פלאַכע, נאַיווע און „בעזגראַמאָטנע", באַצאָלטע און אומדרוקבאַרע אַרבעטן, ווערן ביי אונדז אָפּט פאַרעפנטלעכט אין אָט די קליינע זשורנאַלן.

ס'איז פונדעסטוועגן שווער צו פאַרשטיין דעם אומזין פון אַ צאָל ניו־יאָרקער שריפטשטעלער מיט נעמען אין דער ליטעראַטור, וואָס יאָגן זיך נאָך אַלץ נאָך פּירסום, דורך דרוקן זיך אַזוי אָפּט אין אָט די קליינע זשור־נאַלן, וואָס לויט זייער איינשטעל און גאווה לגבי דער פּראָווינץ, וואָלטן זיי עס נישט געטאָרט טאָן.

דעם עצם עקזיסטענץ פון אָט די קליינע זשורנאַלן, ווו זיי זאָלן נישט דערשיינען, טאָר אונטער קיינע אומשטענדן נישט אָװעקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט און זאָל פון קיינעם נישט מבוטל ווערן

די קליינע זשורנאַלן מוזן און זאָלן געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זייער עקזיסטענץ, אין די פּאָטענציעלע כוחות פון זייערע היימישע טאַלאַנטן, אויף וויפל זיי זענען ביי אונדז אַ יש. דאָס פּוצן זיך אין פרעמדע פעדערן, דורך אָפּגעבן דעם אויבנאָן די ניו־יאָרקער יידישע שרייבער מיט נעמען אין אונדזער ליטעראַטור — מוז אַרונטער פון די שפּאַלטן פון די קליינע

זשוראַנלן. די לעצטע, באַדאַרפן עס אַליין נישט וועלן, צוליב דעם פשוטן פאַקט, וואָס זיי אַליין מיינען אַוודאי, אַז זיי האָבן שוין זייערס דערגרייכט. אַזאַ השערה איז ווייט נישט קיין אויסגעטראַכטע און פאַלט זיכער צענויף מיט זייער מאָדנער באַציונג, פון קוקן פון אויבן אַראָפּ בכלל אויף אונדזערע פראָווינץ־שרייבער.

און כאָטש די קליינע זשורנאַלן זענען באמת ווייט פון צו זיין פערפעקט (די גרעסערע און עלטערע זשורנאַלן, זענען עס אויך נישט!) מעגן מיר זיי אַלצאיינס ווינטשן אַריכת־ימים און אויסרופן בקול רם: כן ירבו!

ב

אינהאַלט

אַריינפיר צו אָפּטיילונג ב 186
דיכטונג 187
דיכטער און דיכטונג 188
שרייבער און לייענער 190
דער כוח פון אַ זעקסטן חוש 192
אַקט פון יצירה 193
דער כוח פון יצירה 194
יצירה אין טאָגן 195
איבערגאַנג 196
באַגינען 198
נאַכט 199
צייט און רוים 202
מחשבה און מעשה 203
גייסט, האַרץ און נשמה 204
רייץ פון וואָרט 206

*

סטיל איז דער אופן פון טראַכטן אין דעם אויסלייג פון רעיונות-אין-בילדער, אין דעם לבוש פון אַ לשון, וואָס מוז זיין קאָנקרעט און פאַרשטענדלעך.

סטיל איז דער אויסדרוק פון אַ שעפערישע פערזענלעכקייט אין דעם רייץ פון דינאַמיק, אין דעם פּראָצעס פון יצירה, וואָס נעמט אַרום אַ שטח פון צייט, אין די ראַמען פון פאַקטישע און אויך פּאָטענציעלע געשעענישן, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט די זעונגען פון אַ דיכטער.

סטיל איז דער אויסדרוק פון בראשית אין טאָגן, אויף אַלע געביטן פון לעבן, וואָס ווידערהאָלן זיך אַלע מאָל מיט דער ענלעכקייט צו דעם אימפּעט פון ים-כוואַליעס, מיט נייע קנייטשן און צוגאָבן פון קאָלירן און געזאַנגען, אין דער פאַרוואַנדלונג פון אַן אומפאַרגלייכלעכער אייגנאַרטיקייט, אין אַ שפּיל פון קאָנטראַסטן.

אַ שעפערישע פערזענלעכקייט מיידט באַוווּסטזיניק אויס די מאָנאָטאָנקייט פון איין-און-דעמזעלבן סטיל, אין זיין שרייב-קונסט.

אַ שעפערישע פערזענלעכקייט וואָס זוכט-און-געפינט אַ תיקון אין דעם אייגנאַרט פון ז י י ן סטיל — באַמיט זיך אַלע מאָל צו זיין היימיש אין די קאָלירפולסטע פאָרמען פון ליטעראַטור, אָנווענדנדיק דערביי אַן אייגנאַרטיקן סטיל אין יעדער פאָרעם זיינער מיט וועלכער ער באַנוצט זיך, אויף אַ הינטערגרונט פון דער פון-אים-אַליין באַשאַפענער סביבה און טעמאַטיק.

צוליב דעם אייגנאַרט פון אַ סטיל אין דער שרייב-קונסט, האָט דער סטיליסט אַ נטיה, צו זיין איינמאָליק אויף פאַרשידענע אופנים פון אויסדרוק, וואָס דערהייבט זיינע קינסטלערישע ווערטן צו דער האַרמאָניע פון פילפאַרביקייט און קאָלירן, וואָס דערנענטערט אים צו דעם קלימאַקס פון שלימות.

דיכטונג

אַלץ וואָס איז אין לעבן שיין, בענקט און פיבערט ממש מיט אַ תשוקה צו ווערן פאַרוואַנדלט אין דיכטונג, דורך דעם אויפזינגען פון לידער, אין דעם מויל, סטיל, פאָרעם, ריטעם און לשון פון אַ דיכטער, וואָס איז, באַדאַרף און מוז זיין עכט, אין זיין איבערלעבונג.

דער אויסלייג פון לידער אין דעם געמיט פון אַ דיכטער וואָס באַפליישט און פאַרבלוט זיי אין דעם אויסגוס פון אַ פאָרעם אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, געפינט אַלע מאָל אַ רעזאָנאַנס אין דעם געמיט פון אַ צווייטן מענטשן; זיי רייצן זיין פאַנטאַזיע און גיבן זיך עמאָציאָנעל איבער אין זיין אייגענעם געמיט, מיט דעם חן און רייץ פון אַ שיינקייט וואָס איז רעאַל און פונקציאָנירט אין דער סביבה אין וועלכער ער לעבט, שאַפט און געניסט פון זיי בלחש סיווי, אָבער — אָן דער פאַרמיטלונג פון דעם דיכטערס יצירה, נעמט ער זיי אויף שטום־און־טויב, אויף אַ טונקעלען, אומקלאָרן אופן.

דער דיכטער וואָס איז שעפעריש אין זיין טואונג, סטימולירט אָבער יאָ מיט זיין דיכטונג, די חושים פון אַ צווייטן מענטשן. ווען דער מענטש באַהעפט זיך מיט די לידער פון אַ פּאָעט, ווערט ער מיט אַ מאָל דערהויבן צו אַ באַוווּסטזיניקן געניסער פון דיכטערישע ווערטן, וואָס שטעלן אים באַלד אַוועק אין דער בחינה פון אַ מיטשעפערישן געניסער, פון שיינקייט אין דער שיינקייט פון אמת.

דיכטער און דיכטונג

די שיינקייט פון דיכטונג וואַרצלט אין צימצום.

דער אָנווענד פון צימצום אין דיכטונג איז בלויז אייגן יענע פּאָעטן, וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט דער עכטקייט פון זייערע איבערלעבונגען, אָן דעם באַוווסטזיין, צו וועלן עמיצן געפעלן אונטער אַלע אומשטענדן.

יעדע באַמיִונג מצד אַ פּאָעט צוצופּאַסן זיין דיכטונג צו דעם געשמאַק פון אַ צווייטן אָביעקט: לייענער צי קריטיקער, סאָציאַלן איינשטעל, קלאַס אָדער שולע, רעדוצירט באַלד זיין דיכטונג צו „דיכטונג" אין קלאַמערן, אין דער פאַרוואַנדלונג פון זיין וואָרט צו אַ מעכאַנישן אויסדרוק פון אַ נישט־שעפערישן אַקט: מאַכן פּאָעזיע אָן דער טרייבקראַפט פון אינטואיציע, וואָס איז און באַדאַרף זיין דער דאָמינירנדיקער כוח און רוקנביין פון שעפערישער עבודה און עסטעטישן ארומנעם פון זיין וויזיע.

דער ווערט פון דיכטונג טאָר קיין מאָל נישט געמאָסטן ווערן מיט דער מאָס פון כמות, נאָר מיט דער מאָס פון איכות.

פּאָעטן וואָס יאָגן זיך נאָך כמות, פאַרוואַסערן זייער אינטואיציע. צוליב דעם דערגרייכן זיי קיין מאָל נישט וואָס זיי ווילן: אַ דאָמירנדיקע ראָלע אין דער ליטעראַטור.

פּאָעטן וואָס לײדן פון אַן איבערפּראָדוקציע, די קלענסטע ווי די גרעסטע — פאַרגוואַלטיקן זייער לשון, הינקען אונטער אין זייער ריטעם און זיי פאַרקריפּלען די איידעלע פאָרמען פון דיכטונג, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן גורם געווען זייערע דערגרייכונגען.

עכטע דיכטונג פאַרטראָגט נישט קיין צביעות, פּוצט זיך נישט אין פרעמדע פעדערן און איר איז סתם נישט אייגן קיין רעטאָריק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס ווילד־גראָז פון פּאָעזיע.

דער דיכטער וואָס איז עכט אין זיין שאַפן, גייטיקט זיך נישט אין קיין רעקלאַמע.

די דיכטונג וואָס איז עכט, רעדט פאַר זיך אַליין, אין דעם אויסלייג פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אין דעם געמיט און אין דעם באַוווסטזיין פון אַ דערפאַרענעם און מיטשעפערישן לייענער, וואָס נעמט איר אויף מיט דער פרייד פון אַן אייגענער איבערלעבונג, אין דעם לבוש פון אַ פשטות, וואָס איז אייגן, קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם וואָס לעבט זיך אויס אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן אין דעם אומגאַנג פון זיין פאָלקס לשון.

שרייבער און לייענער

כּאָטש די שייכותן צווישן שרייבער און לייענער זענען קיין מאָל פון קיינעם נישט באַגרינדעט געוואָרן, פונקציאָנירן זיי אָבער אַלצאיינס אין דעם אויסלייג פון אַ געמיינזאַמען אינטערעס און לאָזן זיך באַאיינפלוסן איינער פון דעם אַנדערן, ווי די ליבשאַפט און פאַרערונג צווישן מאַן און פרוי. די עקזיסטענץ פון איינעם איז אָפּהענגיק פון דעם אַנדערן, און בלויז אויף דער באַזע פון אַ קעגנזייטיקן רעספּעקט, פאַרערונג און ליבשאַפט, איז מעגלעך דער אויפוווּקס און דערגרייכונג פון ליטעראַטור־ווערטן.

נאָך דעם ווי אַ שרייבער איז גובר זיינע זעונגען, וואָס ווערן פון אים פאַרקערפּערט אין ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערטן אין שריפט, ווערט ער ערשט סטימולירט פון דעם אָפּנעמער פון זיינע ווערק — דעם לייענער, צו אַ נייעם אָנהייב.

אָן דעם סטימול פון אַן אַקטיוון און מיטשעפערישן לייענער, וואָס רעפלעקטירט זיך אין דעם שרייבערס געמיט, איז פאַר דעם לעצטן כמעט ווי אוממעגלעך ממשיך צו זיין זיין שעפערישע עבודה.

דער שפּעטערדיקער לייענער פאַרשותפט זיך צום שרייבער פון קינסט־לערישע ווערטן דערמיט, וואָס ער נעמט־אויף דעם שרייבערס ווערק מיט חשיבות, בענקשאַפט און נייגער נאָך קלאָרקייט פון דעם לעבן און סביבה, אין וועלכער ער גופא איז אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער מיט ז ײ ן עצם עקזיסטענץ, און ער ווערט דורך דער אילוזיע און די סימבאָלן פון דעם שרייבערס ווערק, אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ מיטשעפער, אין דעם זין, וואָס ער דערגאַנצט און ער איז אויך ממשיך אויף זיין אייגענעם, פּרי־מיטיוון אופן, דאָס וואָס דער מחבר האָט אפשר באַוווּסטזיניק נ י ש ט ד ע ר ז אָ ג ט.

צוליב דעם וואָס דאָס לעבן בכלל איז דינאַמיש, געפינט זיך אַלע

מאָל אין אַ פּראָצעס פון ווידערבאַנייונג, קען אויך די ליטעראַטור נישט זיין אַנדערש און הינטערשטעליק לגבי אים, און אין דעם פּראָצעס פון איר פאָרמירונג, קלעטערט זי אַלע מאָל אַרויף צו נייע און נייערע דערגרייכונגען.

און וויל דער שרייבער, אייגנטלעך — קינסטלער, גייט־מיט מיט דער דינאַמיק פון דעם לעבן, ווערט דער מיטשעפּערישער לייענער אויך דירעקט באַאיינפלוסט פון דעם שרייבער און פון אים אָנגערעגט, צו ווערן אַ שותף צו זיינע שעפערישע מעשים טובים דערמיט, וואָס מיט זיין אויפ־נעם־און־אָפּנעם דעם שרייבערס ווערק, איז ער גורם דעם המשך פון ליטעראַטור־ווערטן אין אַלגעמיין.

דער כוח פון אַ זעקסטן חוש

דאָס וואָס איז פאַרהוילן פאַר דעם באַוווסטזיין פון דעם פּאַסיוור־דענ־קנדיקן און נישט־שעפערישן מענטשן, מיינט בכלל נישט, אַז עס איז נישט בנמצא אין זיין הינטערבאַוווסטזיין.

דער פּרימיטיווער מענטש, ווי דער סאַמע קולטורעלסטער, איז בלויז אַנדערש סיטואירט פון דעם לעצטן דערמיט, וואָס ער אַליין האָט נישט אַנטוויקלט זיינע חושים צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז ער זאָל יאָ קענען אַרויסברענגען זיינע איבערלעבונגען און שטומע פאַרלאַנגען מן הכוח אל הפועל.

דער דיכטער ווידער, דער וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען דיכטער — ער אָפּערירט מיט אַ זעקסטן חוש, און ער האָט יאָ דעם כוח צו אַנטפּלעקן דאָס פאַרהוילענע און מיסטישע, אַפילו דאָס וואָס איז פון אים אַליין לפנים פאַרהוילן — און עס צעהעלן־און־באַהעלן מיט דער העלקייט פון קאָנקרעטע בילדער.

די אַנטפּלעקונג ווידער וואָס קומט ביי אים לכתחילה אַרויס רוי און אומבאַהאָלפן, אוממיטלבאַר און פול מיט חסרונות אין דער אור־זעונג זיינער, דינט אים בכלל ווי די טרייב־קראַפט צו שעפערישע מעשים, אין זיין באַמיונג די אַנטפּלעקונג גופא צו פאַרקליידן אין דעם לבוש פון אַ לשון אין קלאָרקייט, אין דעם אויסלייג פון זעונגען וואָס קלאָרן זיך אויס צו אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פאַר דעם פּרט, וואָס באַלייכט מיט זיין עצם עקזיסטענץ דעם כלל, און גיט אים גופא צו אַ זין, אין זיין עלנט־קייט אויף דעם קיילעך פון דער ערד.

אַקט פון יצירה

דער אויסגאַנג פון יעדן אַקט פון יצירה איז, ד י קרוינונג פון אַ וויזיע, פאַרקערפּערט אין אַ בילד, וואָס אָטעמט מיט דער דינאַמיק פון לעבן.

אין דער נאַטור באַקומט זיך אַן אַקט פון יצירה, קאַלירפול אין וווקס — פון זיך אַליין. דאָס מינדסטע גרעזל, למשל, גרינט מיט חידוש אַרויף צו דעם הימל און טיילט דעם זעלבן רייץ פון אַ צעצווייגטן בוים, וואָס קיניגט פון אונטן אַרויף, מיט דעם חן און ווונדער פון אַ פאַרבלעטערטער קרוין, אין אַ זיך תמיד באַנייענדיקן גרין.

אַ שטיין אין מדבר פוצט זיך גאַנץ אָפט אין דעם לבוש פון אַ גרין־געלבלעכן מאָך, וואָס אָטעמט מיט לעבן אין דעם געשטאַלט פון דומם.

די פּלאַסטישע קונסט אָטעמט נישט זעלטן מיט דער דינאַמיק פון אַ זיך בייטנדיקער זעונג, וואָס די האַנט פון אַ קינסטלער האָט אין איר אַריינגעחלומט מיט דעם כוח פון ז י י ן אינטואיציע.

און דאָרט ווו דאָס לעבן פון מענטש איז עכט, דראַמאַטיש און דינאַמיש, און זיין לשון איז צו שוואַך עס צו באַנעמען און אים געבן אַ געוווּנטשטן אויסדרוק, נעמט דאָס לעבן גופא אַן אַ פאָרעם פון אַן אַקט פון יצירה, וואָס דריקט זיך אויס אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן, אין דעם אויסלייג און אַקט פון אַן איבערלעבונג, וואָס רייצט דעם נייגער פון אַ באַאָבאַכטער, וואָס איז דער עדות פון אַ זיך־שאַפנדיקער איבערלעבונג אין טאָגן, אומאָפּהענגיק פון דעם אַריינמיש פון ליים, פאַרב און לשון, אין דער האַנט און אין מויל פון אַ ילוד אישה, אַ קינסטלער — וואָס איז אַלע מאָל אין דער בחינה פון זיין אָנגעוויזן אויף דער טרייב־קראַפט און דעם כוח פון ז י י ן אינטואיציע און באַוווּסטזיין, וואָס איז אין אים גורם, קול־דממה־דקהדיק אַן אַקט פון יצירה.

דער כוח פון יצירה

דער כוח פון יצירה, אומבאַגרייפלעך־און־אומבאַשרייבלעך ווי ער איז, געפינט זיינע וועגן פון אויסדרוק, אויף די מיסטעריעזסטע אופנים פון אַנטפּלעקונג.

אונטערערדישע וואַסערן — קוואַלן־אויף מיט געזאַנג דורך די טונקלסטע וועגן פון אַנטפּלעקונג, דערשלאָגן זיך צו באַרג־און־טאָל, דורך וואַלד און דורך פעלד־און־פעלדז און זינגען־אויף מיט דער פרייד און דער הנאה פון לעבן, אין אַלץ וואָס בענקט און נייטיקט זיך אין זיי.

ווילדע געוויקסן — שמייכלען מיט אַ לעבדיקן גרין אַרויף צו דעם בלוי פון דעם הימל, שלאָגן זיך דורך אַ וועג דורך פאַרמאַכיקטע פעלדזן, וואָס שווערן זיך עקשנותדיק אַרונטער צו דער מאַמע ערד אין שווייגן, און בערגלען זיך גלייכצייטיק אַרויף אין די הויכן.

קאַקטוסן ווילדע — שלאָגן זיך דורך אַ וועג אין זאַמדיקן מדבר און זיי וואַרפן פון זיך אַרויס קאַלירפולע און זאַפטיקע קאַקטוס־בערן, אין אַ בגד פון שטעכעלקעס.

פּאַלם־ביימער — רייסן זיך עקשנותדיק מיט שטאָלץ און מיט שטילער גבורה צום הימל אַרויף, פאַרבלייבן נישט זעלטן אָדם־נאַקעט, אָבער — מיט בליענדיקע און גרינע קרוינען אין דער לופטן.

און דער מענטש — דער בחיר היצירה — ער קוועלט אייביק מיט דער רעטזלהאַפטער אַנונג, שפּירונג און פאַרויסזעונג, פון דעם וואָס וועבט זיך דממה־דקהדיק אין זיין דמיון, וואָס לייגט זיך פריער אָדער שפּעטער אויס, אין דער עשירות און אין דעם וווּנדער פון זיין לשון, ווי די יצירה פון אַ בעל־דמיון, וואָס גרייט צו און באַמיסטיקט דעם באָדן פון זיין נאָכקומענדיקן יורש, וואָס קומט נאָך אים, געניסט פון אַלע זיינע דערגרייכונגען אין אַ פּראָצעס פון באַנייונג, וואָס פירט אים, פריער צו שפּעטער — באַרג־אַרויף, צו אַלץ נייע־און־נייערע דערגרייכונגען, אין זייןליידנשאַפטלעכן באַגער און שטרעבונג, צו גאַרער שלימות.

יצירה אין טאָגן

אויף אַן אָפּגעלייגטן וועג, צווישן הויך־ווילדע גראָזן, זייטיקייט זיך אַ סטעזשקע וואָס פירט דיך אַוועק פון דעם טומל פון דער גאַס אונטער דעם זעבאַרן אויג פון אַ רחבותדיקן הימל, וואָס בייט אָפט זיין אויסזען און ווירקט אויך אוממיטלבאַר אויף דער שטימונג פון דעם גייער. אָט איז ער בלוי און דורכזיכטיק אין אַ זוניקן אויפהעל. און אָט איז ער גאָר פאַרוואָלקנט און פאַרכמאַרעט, ווי ערב אַ שטורעם.

דיין אויג איז פאַרכאַפּט פון אַן אַרויסשטראַלנדיקער זעונג, וואָס גיסט זיך צונויף מיט דער אַרומיקער אומגעבונג, וואָס קומט דיר אַנטקעגן מיט דעם גאַרן רייץ און חן פון דער יצירה אין טאָגן.

צו דיין אויער דערטראָגט זיך דאָס קאָלירפול געזאַנג פון כלערליי בעלי־חיים, וואָס גיסט זיך האַרמאָניש צענויף מיט דעם געסוויטשער פון פייגל, וואָס קרייזן זאָרגלאָז איבער דיר אַרום מיט דער גאַרער פרייד פון דעם לעבן, אין אַנגעזיכט פון דעם דומם, וואָס נעמט אַלץ אויף מיט דעם רייץ פון זיין מיסטעריעזן שווייגן...

קיינער קומט דיר נישט אַנטקעגן.

מיט דעם כוח פון אַלע דיינע רמ״ח אברים, זינגט פון דיר אַרויס אַ לויב צו דיין באַשעפער, וואָס פירט דיך ווי אַ קינד ביי דער האַנט און ער זעטיקט דיך, מיט דער זיכערקייט פון בטחון און גלויבן, אין דעם גע־רעכטן איינשטעל פון זיין אומבאַגרייפלעכן סדר העולם.

איבערגאַנג

נישט אַלע פּאַזן פון דעם לעבן, באַזונדערס — ביי מענטשן, לאָזן זיך אידענטיפיצירן דורך דער פאַרמיטלונג פון דויערהאַפטע ווערטן אין דער קונסט.

דאָ און דאָרטן גייט פאַרלוירן אין דער דינאַמיק פון דעם לעבן אַן איבערלעבונג, וואָס איז בליצנאַרטיק און איינמאַליק אין איר כאַראַקטער און געפינט נישט קיין אויסדרוק אין איר מאָמענטאַלן אויפקום־און־אומקום, ווי דער פאַרטויבטער קרעכץ ביים געבוירן, און די טונקעלע זעונג ביים גיין פאַרלוירן — יציאת הנפש.

איןביידע, ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן — איז די אינטענסיוויטעט פון דער איבערלעבונג אויף אַזוי פיל מבולבל און צעשטורעמט, אַז עס מוז נישט אַנדערש ווי פאַרלוירן גיין אין דער איבערלעבונג פון דעם באַטרעפנדיקן פּרט: אין דעם וואָס בלייבט לעבן און פאַרגעסט, און אַוודאי אויך אין דעם וואָס לייזט זיך אויף אין דעם איבערגאַנג פון זיין אין נישט־זיין.

*

דער איבערגאַנג פון שלאָף און רו צו וואַך־זיין און באַוווסטזיין, איז ווי דער איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג.

דער מאָרגן־שטערן שימערט מיט דער שאַרפקייט פון אַ דימענט, וואָס רייסט דיר אויף די אויגן.

דער חושך פון דער נאַכט, נעמט זיך ביסלעכוויז בלייכן מיט דער מראה פון חלב, וואָס צעשמעלצט, פאַרשלינגט און פאַרשפּיגלט אים אין זיך, אין אַן אומגעריכטן אויסגוס פון רעטזלהאַפטער מאָרגנליכט, אַנט־

קעגן אַ זיך־רויטלענדיקן מזרח־ראַנד, וואָס וועקט זיך מיט דעם רייץ פון אַ דערוואַכנדיקער כלה.

דער חלום פון דער נאַכט גייט דיר נאָך ווי אַ שאָטן, באַגלייט דיין באַוווּסטזיין מיט דער מיסטעריע פון סודות, וואָס פאַרלירן זיך אין דעם איבערגאַנג פון פּאַסיוון שלאָף, צו וואַכזאַמער, קרעאַטיווער אַקטיוויטעט, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ביז אויסגעשעפּטקייט, וואָס ענטפערט דיך באַלד ווידער איבער צו דער פּאַסיווקייט פון רו־אין־שלאָף, אין דער זיך אייביקער ווידערהאָלונג פון ד ע ר מיסטעריע פון ד ע ר נאַכט.

באַגינען

נישט אַלע באַגינענס זענען די זעלבע.

יעדער באַגינען ווירקט אָבער אין תוך גענומען אַלצאיינס, מיט דעם זעלבן מיסטעריעזן רייץ און נייגער פון אויפקום, מיט דער האָפענונג אויף עפּעס איבערראַשנדיקס, אין דעם געמיט פון דעם מענטשן.

אין חלום פון דער נאַכט וועבט זיך די זעונג פון דעם באַגיען.

אַ געהיים, אומזעבאַר ליכט, טאָגט־אויף דיין געמיט צווישן חלום און וואָר.

אַט גייט עס אויף, און אַט — פאַרשווינדט עס.

מיט אַ מאָל אָבער, אומגעריכט פון זיך אַליין — קומט די אַנטפּלעקונג !

דער מזרח־האָריזאָנט וועקט זיך אויף מיט דער שעמעוודיקייט פון אַ כלה, נאָך דער איבערלעבונג פון דער ערשטער חופה־נאַכט ; אַ ביסל פאַר־טונקלט, מיד, נישט אין גאַנצן וואַך, אָבער — רייצנדיק־שיין ,האַלב פאַר־חלומט און פול מיט זאָרג, פאַר די נאָך אַלץ פאַרהוילנדיקע, נאָכקומענדיקע איבערלעבונגען.

דער האָריזאָנט פלאַמט־אויף מיט דעם רייץ פון אַ פייער, וואָס פאַר־לירט זיך ביסלעכווייז אין דעם גאָלד פון זיין אייגענער נעץ, אין דער פאַר־וואַנדלונג פון טאָג, וואָס גייט פאָרויס מיט יונגע און פלינקע טריט, אין אַ וועלט פון כולו ליכט.

נאַכט

די נאַכט, וואָס איז עקסטרעם אַנדערש פון דעם טאָג, האָט קיין מאָל נישט די זעלבע ווירקונג אויף דעם געמיט פון יעדן מענטשן, וואָס אַנדערשט זיך אויך אין דער מיסטעריע פון איר סביבה.

אויף דעם פרימיטיוון מענטש, למשל, ווען עס זענען פרעמד די זעונגען פון אַ טראַכטנדיקן מענטשן — וואַרפט זי פּשוט אַן אַ מורא.

אויף דעם קולטור־מענטש, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם עסענץ פון אַ באַשעפעניש מיט אַ הויכער אינטעליגענץ — ווירקט זי אַלע מאָל, מיט דעם רייץ און חן פון איר שיינקייט; זי רופט אין אים אַרויס אַ ראָמאַנטישע באַציונג צו דעם לעבן אין אַלגעמיין.

אויף דער אומרויקער נאַטור פון קינסטלער פון יעדן מין, ווירקט זי מיט דער סודותדיקייט פון איר שלווה, מיסטעריע פון שווייגן — וואָס באַאומרויקט אים און רעגט אים אָן צו שעפערישע מעשים.

דער פלאַסטישער קינסטלער, למשל, כישופט פון זיך אַרויס דעם צויבער פון די ליכטיקסטע קאָלירן, דווקא אין דעם חושך פון דער נאַכט.

דער דענקער און פילאָזאָף ווידער — ער פיבערט מיט דער עשירות פון זיין געדאַנקען־וועלט, ביי נאַכט.

דער פּאָעט — ער בליצט ממש מיט די קאָלירפולסטע זעונגען ביי נאַכט, וואָס זענען אין אים קרעאַטיוו גורם דעם אויפזינג פון זיין האַרץ־און־נשמה, אין דעם אויסלייג פון ריטמישע לידער — אין אַ געזאַנג צו דער יצירה, צו וועלכער ער אַליין פאַרשותפט זיך, ווי אַ מייסטער פון לשון אין קלאָרקייט.

דער מוזיקער — ער כישופט מיט אילוזיעס אין מעלאָדיעס, וואָס לייגן זיך ביי אים אויס אין דער האַרמאָניע פון קלאַנגען, וואָס רודערן אויף די קאָלירפולסטע זעונגען אין דעם אויפלויכט פון זיין געמיט

און די נאַכט גופא — אין דעם ווייטסטן צפון, צויבערט זי מיט דעם פאַנטאַסטישסטן רייץ פון צפון־ליכט, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג פון נייגעריקן מענטשן.

אין געגנטן פון אַ מילדן קלימאַט — אָטעמט די נאַכט מיט דער געגאַרטער רו פון דעם מענטשן, וואָס דאָמינירט און רעגולירט זיין אייגן לעבן איבער דעם קיילעך פון דער ערד אויף וועלכער ער לעבט, שאַפט און פאַרלירט זיך סוף־כל־סוף אויף תמיד...

*

אין דער גרויסשטאָט, כאַטש פאַרטרונקען אין אַ ים פון עלעקטרישער ליכט — רייצט זי פונדעסטוועגן מיט איר אייביקן צויבער דעם נייגער פון דעם מענטשן; זי פלאַנטערט אים נישט זעלטן אַריין אין דער נעץ פון איר מיסטעריע, מיט גאַפונג און מיט שפּאַנונג, און דערהייבט אים צו אַ מורמעל פון שבחים צו איר, אָן לשון...

אין דעם מדבר צויבערט די נאַכט מיט דעם אייגנאַרט פון אַ פענאָמען אין אַ גאַר הויכן שוויגן, וואָס פאַרכאַפּט ממש די קרוין פון דער יצירה — דעם מענטש, מיט אַלע זיינע באַלעבטע חושים; זי אייגנט אים צו צו זיך און צו דעם מדבר און דערפירט אים צו דער בחינה, פון ווערן אַליין אַ מיטווירקנדיקער כוח און דינאַמישער אָפּגלאַנץ אין דעם רייץ און שיינקייט פון איר צויבערהאַפטן וואַך־זיין, צו אַלץ וואָס איז פאַרסודעט אין איר נעץ פון שוויגן.

אין דער מיסטעריע פון דער נאַכט זינגען הימל און ערד שירה בלחש, איינער צו דעם אַנדערן.

דער הימל — מיט דעם צויבער פון זיין מילד־וועג אין אַ פאַרשטערנטן מלכות, צו דער ערד אַרונטער.

די ערד — מיט דעם קאָלאָס פון אירע פלאַכן, טאָלן, געבערג, פעלדער און וועלדער, טייכן און ימים, זינגט שירה צום הימל אַרויף.

אוןביידע צוזאַמען — אין גרויס און שטיל געזאַנג פון שירה, אין אַ

גרויסער בענקשאַפט אוןליידנשאַפטלעכן באַגער איינער צום אַנדערן, זיך צוזאַמענצוגיסן האַרמאָניש אין אַן איינהייטלעכן געזאַנג צו דער יצירה וואָס איביקט פון זיי אַרויס, וויסט נישט פון קיין אָנהייב און נישט פון קיין סוף.

נאַכט — דער דינאַמישער כוח אין דעם חלל פון דער וועלט, אין זיך אַליין פאַרסודעט...

צייט און רוים

צייט און רוים — אַן אומצעטיילבאַרער צווילינג.

איינער איז אָפּהענגיק פון צווייטן.

די צייט באַוועגט זיך אין דעם חלל פון דער וועלט, וואָס איז אָפּהענגיק פון איר און — פאַרקערט.

דער חלל פון דער וועלט איז אין זיך כולל דעם עסענץ פון צייט, וואָס כאָטש זי איז נישט קאָנקרעט אין איר אויסזען, איז זי פונדעסטוועגן די־נאַמיש געגנוג אין איר פאַרנעם, וואָס פאַרזינט דעם רוים אין דער אומענד־לעכקייט פון האָבן געוועזן און פאַרבליבן אַ טייל פון דעם קאָסמישן יש, אין וועלכן די וועלט איז פאַררונדיקט ווי אין אַ שאָל, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין סוף.

מחשבה און מעשה

די טענדענץ פון דער מחשבה איז אַלע מאָל געווען און פאַרבליבן, פאָרויס צו גיין דער מעשה, וואָס האָט זיך וויזיאָנעריש אין איר פריער אויס־געקריסטאַליזירט און ערשט שפּעטער זיך אויסגעשטאַלטיקט קאָנקרעט, אין דעם לבוש פון אַ געשעענעם פאַקט־און־אַקט פון דער מחשבה.

ערגעץ ווו, אין דעם הינטערבאַוווסטזיין פון אַ טראַכטנדיקן און שעפע־רישן מענטשן, ליכטיקט זיך בלחש די זעונג פון אַן אַקט פון יצירה, וואָס די אינטואיציע זיינע פירט אים, נאָך אין דעם נעפּל פון דער מחשבה, ווי אַ קינד ביי דער האַנט, מיט אַנונג־און־מיט־שפּאַנונג.

די זעונג זיינע, לויכט־אויף אין זיין באַוווסטזיין, מיט דעם רייץ פון אויפגאַנג פון אַ באַגינען אין פרילינג.

זיין האַרץ איז איבערגעפילט מיט דער פרייד פון זיין מחשבה, וואָס גליט־און־בליט אין אים, מיט דעם כוח פון זיין אינטואיציע, וואָס פאַרוואַנדלט זיך באַלד אין אַ געשעענעם פאַקט: דעם וווּנדערלעכן איבערגאַנג פון מחשבה צו מעשה.

גייסט, האַרץ און נשמה

די דרייאייניקייט פון גייסט, האַרץ און נשמה, מאַניפעסטירט זיך אין דער קרוינונג פון אַן אַקט פון יצירה, וואָס איז ענלעך און בלויז בנמצא אין דער יצירה אַליין.

איינער איז אָפּהענגיק פון צווייטן. דער צווייטער — פון דריטן, און יעדער איינער פון זיי איז בלויז אויף אַזוי פיל זעלבשטענדיק, אויף וויפל אַ כוואַליע איז מסוגל זיך צו פאַרווינקלען יחידיש, לפנים בלויז — אין דעם מינימאַלסטן אַפּלויף פון אַ סעקונדע, אין אַ קלאַמפּערשט פאַרקערטער ריכטונג, און איז באַלד — אין אַ הרף עין — געצווונגען זיך צוריק צו־זאַמענצוגיסן אין איין האַרמאָניש געזאַנג מיט דער סטיכיע פון דעם לויפנ־דיקן וואַסער־שטראָם, אין זיין זיג־זאַגישן אַפּ־און־אויפגאַנג אין דער מיס־טעריע פון די מרחקים, אין דעם חלל פון דער וועלט.

אין דעם אָפּגלאַנץ פון זייער עקזיסטענץ, וואָס איז אַגב אַ יש און אויך אַ דאָמינירנדיקער כוח אין דער פאַרמירונג פון דער וועלט פון לעבן, וואָס איז דורכויס דינאַמיש, געפינען זיי בלויז אַן אויסדרוק אין דעם געמיט פון דעם בחיר היצירה — דעם מענטש, וואָס איז רעאַל, אין פלייש און אין בלוט, און אויך אין זיינע קולטור־היסטאָרישע און קינסטלערישע ווערטן. זיי זענען און פאַרבלייבן אויך רעאַל, און לעבן לאַנג, אויב נישט אייביק — נאָך דעם ווי דער מענטש, ווי אַ יחיד, בייט די פאָרעם פון זיין פיזישער עקזיסטענץ, אין זיין איבערגאַנג צו דעם געדעכעניש פון די נאָכקומענדיקע דורות, אין דער וויבראַציע פון דער גאָלדענער קייט פון געשיכטע, וואָס באַוועגט זיך מיט דעם חן, רייץ, שיינקייט און זין פון אַ כוואַליע, אין דעם ים פון דעם אומאויפהערלעכן לעבן.

און אויב עס טרעפט, אַז איינער פון דער דרייאייניקייט גליט זיך אוועק

אויף אַ זייטיקן שטעג פון אויסגעדוכטער זעלבשטענדיקייט, ווערט ער אויגנבליקלעך צוריק אַריינגעפּיבערט אין דער סביבה פון דעם עיגול פון דער דרייאייניקייט: גייסט, האַרץ און נשמה, וואָס זאַלבעדריט דאָמינירן זיי אונדזער איינמאָליק לעבן, ווי יחידים — דאָ אויף דער ערד.

רייץ פון וואָרט

די וועלט וואָס איז פול מיט וווּנדער אין געשען, רייץ און שיינקייט פון אַנטפּלעקונג, האָט פאַר דעם מענטשן — די קרוין פון דער יצירה — בלויז דאַן נאָר אַ ווערט, ווען זי שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין געמיט, און זי געפינט באַלד אַ תּיקון אין דעם רייץ און אין דער שיינקייט פון ז י י ן וואָרט, וואָס איז אין זיך אומבאַדינגט כולל דעם זין, מהות און ווערט פון דער עצם עקזיסטענץ פון זאַכן און פאַקטישע איבערלעבונגען, וואָס פונק־ציאָנירן אין־און־אַרום אים, אין דעם גאַנצן אויסלייג פון דעם כדור הארץ.

פאַר זיך אַליין איז אַ זון־פאַרגאַנג, מיט דער גאַנצער מאַיעסטעטישקייט און קאָלירפולקייט פון איר שקיעה, אַ שפּיל פון דער יצירה, אין איר אייביקן פּראָצעס פון ווערן, וואָס ווידערהאָלט זיך טאָג־טעגלעך, אומאָפּהענגיק פון דער עקזיסטענץ פון ד ע ם מענטשן.

אַזוי גיך ווי דער זון־פאַרגאַנג שפּיגלט זיך אָבער אָפּ אין דעם געמיט פון דעם מענטשן, פאַרכאַפּט אים מיט זיין רייץ, און איז אין אים גורם די דערוואַכונג פון אַ זעקסטן חוש, וואָס רעגט אים באַלד אָן וויזיאָנעריש צו פאַרקליידן זיינע איינדרוקן און אילוזיעס פון איר שפּיל אין פאַרבן, מיט דעם רייץ און ד ע ר שיינקייט פון ז י י ן וואָרט, באַקומט שוין דער זון־פאַרגאַנג גאָר אַן אַנדער פּנים, זין און שיינקייט, וואָס לאָזט זיך אָנרופן מיט אַ נאָמען, ווי אַ געשעענער פאַקט אין זיין זיך־בייטנדיקער דערשיינונג און אַנדערשקייט, ווי אַ פענאָמען פון גרויסן באַדייט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גאָטעס־דינסט פון אַ דורכויס רעליגיעזער איבערלעבונג.

צוליב דעם טיילט זיך אויס דאָס וואָרט אין דעם מויל פון דעם שעפערישן מענטשן, ווי אַן אייגנאַרטיקע יצירה, וואָס פיבערט אַלע מאָל מיט דעם רייץ פון שיינקייט, קרוינונג פון וויסן און מיסטישן אויפלויכט, וואָס דינט אים גופא ווי אַ ליכט אין דער פינצטער, צו באַלייכטן די וועלט

אין וועלכער עס איז אים באַשערט צו שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָלע, אין דער דינאַמיק פון אומאויפהערלעכן לעבן.

ב

דאָס וואָרט אין דעם מויל פון אַ דיכטער, וואָס איז נישט פאַרשקלאַפט צו דער אויסערלעכער פאָרעם פון מעטריק און גראַם, נאָר עס איז עכט אין דער איבערלעבונג פון זיין זעונג, איז באַזעלט מיט אַ שליחות און קלאָרקייט, וואָס אָטעמט מיט דער מיסטעריע פון יצירה, אין דעם אויסלייג פון אַ זינלעכקייט אין פשטות.

אין דער עכטקייט פון אַן איבערלעבונג, איז דאָס וואָרט קיין מאָל נישט אָנגעוויזן אויף קיין צופאַל; איז אַלע מאָל פּרעציז, און אָטעמט מיט דעם רייץ און דער נאַטירלעכקייט פון אַ קוואַל, וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג און קומט אַלע מאָל אָן, ווען־און־ווו ער וויל, אָן דער באַמיונג פון אויסערלעכן צי מעכאַנישן פּוץ.

דער גורל און די טענדענץ פון דעם וואָרט ליגט, אין דער שליחות און אוממיטלבאַרער אַנטפּלעקונג פון אמת, יושר און שיינקייט, אין דער איבערלעבונג פון אַ ילוד אישה, דורך דער שפּיערוודיקייט און די זעונגען פון אַ דיכטער, אַ דאַנק דער זעעוודיקייט פון זיינעם אַ זעקסטן חוש, וואָס איז בלויז אים אַליין אייגן.

ג

אינהאַלט

אַריינפיר צו אָפּטיילונג ג 210
אַברהם רייזען 211
נ. ב. מינקאָוו 216
שלום שוואַרצבאַרד 221
סטעלאַ (עטל גאָלדבערג) 226
ל. בערקאָוויטש 231
מישא (משה) בוזין 238
בען צוקערמאַן 242
יחזקאל בראָנשטיין — ביבליאָגראַפיע צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים
ישורון 249

*

דער מענטש, וואָס איז ווי אַ יש אַרויסגעוואַקסן פון דעם תוהו, פון אַין, ווערט מיט אימפּעט געיאָגט און געטראָגן פון אַ מיסטער־יעזער אומרו, צו אַלץ נייע און נייערע, אַמביציעזע דערגרייכונגען.

ווען אָבער דעם מענטש, די קרוין פון דער יצירה, דוכט זיך, אַז ער איז שוין אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון זיין אַנטוויקלונג און דערגרייכונג, פאַלט ער אומגעריכט צוריק אַריין אין דעם זעלבן תוהו פון אומבאַוווּסטזיין, טאָטאַלער פאַרגליווערטקייט — פון וועלכער ער איז מיט גרוים מי אַרויסגעוואַקסן.

נאָך זיין טאָטאַלער פאַרגליווערטקייט אין דעם פּראָצעס פון איבערגאַנג, פאַרבלייבט דער מענטש בלויז אומשטערבלעך אין דעם באַוווּסטזיין פון די וואָס זענען שוין דאָ, קומען און פאַרבלייבן, ווי ער — דאָ, בלויז ציטווייליק אַהינטער אים, דערצו אויך בלויז אין יענע זעלטענע מאָמענטן, ווען זיי באַניצן זיך מיט די פון אים גופא באַשאַפענע קולטור־אוצרות און ווערטן, פון יעדן מין און פון יעדן כאַראַקטער — די קינסטלערישע ליטעראַטור אַריינגערעכנט.

אַברהם רייזען

אין די צוואַנציקער יאָרן, בשעת דער באַשיידענער ישוב, דער יידישער, אין דרום קאַליפאָרניע, דער עיקרשט אין דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, האָט נאָך געפיבערט מיט יונגשאַפט אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעך־שעפערישע אונטערנעמונגען, און מאַמע־יידיש האָט פאַרשייט און בנעימות־דיק אַרומגעשפּאַצירט, שוין אָן אַ שייטל — איבער די גאַסן פון דעם ניי־אויפגעקומענעם יידישן געגנט — בויעל הייטס; זיך געלאָזט ווילגיין מיט דער געוואַגטקייט, אַנונג־און־שפּאַנונג פון אַ סך יוגנטלעכע אונטערנעמונגען: בתי מדרשים, תלמוד תורהס, וועלטלעך־יידישע דערציונגס אינסטיטוציעס, פּראָטערנאַלע אָרדנס, אַפילו צייטונגען און זשורנאַלן אויף יידיש לשון, טעאַטער אונטערנעמונגען, עפנטלעכע לעקציעס און סתם אַסיפות פון זיך אַליין מערנדיקע יידיש־ריידנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט אַן אָפּצווייג פון איינער פון אונדזערע נאַציאָנאַלע פּראַטערנאַלע אָרדנס, באַזעלט פון אַ שעפערישער וויזיע, געוואַגט און אַרונטערגעבראַכט אַהער דעם באמת באַרימטן, פּאָפּולערן און באַליבטן פאָלקסדיכטער און דערציילער אַברהם רייזען, דאָס ערשטע מאָל קיין ל. אַ.

אַברהם רייזענס גרויסער נאָמען, איז אים פאָרויסגעגאַנגען ווי אַ לע־גענדע ביים לעבן.

ביי דעם ערשטן אָנזאָג פון זיין קומען אַהער, האָט זיך אונדזער יידישע גאַס אַ וויג געטאָן פון פרייד און פון יום־טוב. יונג און אַלט זענען מיט אַ מאָל געוואָרן אַקטיוו ביים איינאָרדענען זיין קבלת־פּנים, וואָס האָט באמת אָנגענומען און אויך געטראָגן אַ פאָלקס־כאַראַקטער, ווי אַברהם רייזען האָט זיך עס כשר פאַרדינט.

פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס מיר האָבן אים דאָ באַגעגנט, האָט דער זשוואָוועדיקער, אומרויִקער, טעמפּעראַמענטפולער, זייער באַליבטער און

זעלטן האַרציקער מענטש און דיכטער, קיין איין רויִקע און פרייע מינוט פאַר זיך נישט געהאַט.

קינד און קייט, יונג און אַלט, אַלע ריכטונגען פון אונדזער געזעל־שאַפטלעכקייט, האָבן זיך מיט אים געגרויסט און אים שטאַרק מקרב געווען. די עסקטרעם לינקע איקאָר־באַוועגונג דאָ אין שטאַט, האָט אים, למשל, באַגריסט און אויפגענומען אויף אַזאַ מערקווירדיק און אָריגינעלן אופן: זיי האָבן עקספּראָמטאָם באַשאַפן אַ פאָנד, געקויפט אַ נייעם טראַקטאָר פאַר דער פּלאַנירטער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אים אַ נאָמען געגעבן: אַ ב ר ה ם ר ײ ז ע ן. רייזען גופא האָט פון גרויס התפעלות מאָמענטאַל אָנגעשריבן וועגן דעם אַ ליד, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף דעם טראַקטאָר און אַוועקגעשיקט געוואָרן ווי אַ מתנה פון דעם היגן איקאָר.

און אונדזערער אַ היימישער שטאַט־באַלעבאָס און געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס איז דאַן געווען אַ וויצע־פּרעזידענט פון אַ היגער אַרבעטער־באַנק (אַמאַלגעמייטעד ?), האָט דעם דיכטער פּרעזענטירט מיט אַ נייעם צוואַנציק־דאָלערדיקן ביליל, מיט זיין יידישן אונטערשריפט — זאָלן די גוים וויסן, האָט זיך פּיט קאָהן געחכמעט — אַז אַ יידישער וויצע־פּרעזידענט פון אַ באַנק, שעמט זיך נישט מיט זיין יידישן אונטערשריפט.

און אַברהם רייזען, וואָס האָט ממש געגאַפט דערפון — האָט באַ־גייסטערט אויסגערופן: — געלט מיט אַ יידישן אונטערשריפט אויף יידיש לשון! וווּנדער איבער וווּנדער! איך, האָט ער פאַרזיכערט זיינע מקורבים — וועל עס קיין מאָל נישט אויסבייטן! איך וועל עס מיטברענגען אין קאַפע ראָיאַל, אין נ. י., און עס אַלעמען באַווייזן! זאָלן זיי זען, וויסן און געדענקען, אַז אין אונדזער פרייער אַמעריקע פונקציאָנירט געלט מיט אַן אונטערשריפט אויף יידיש.

ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אַברהם רייזען האָט ער מיר דער־ציילט, ווי מיין ערשטע בוך־מתנה האָט זיך צופעליק פאַרלוירן צווישן די אַנדערע ביכער פון זיין הויז־ביבליאָטעק.

— דערפאַר אָבער, האָט ער מיר ווייטער דערציילט — האָב איך זיך צו דעם צוגעכאַפּט מיט גרויסן אַפּעטיט און זיך אין אים אַריינגעלייענט

אין אַ קאַלטער און לאַנגער ווינטער־נאַכט, ווען איך האָב אים צופעליק געפונען און וועגן אים אויך געשריבן אין דער „פעדער״.

אין יענער צייט, דערמאָנט זיך מיר — האָב איך געטראָגן ברילן, וואָס האָבן זיך קיין מאָל אויף מיר נישט געהאַלטן. רייזען האָט עס באַמערקט.

— צוליב וואָס באַדאַרפט איר פּאַסקודנע ברילן, האָט ער זיך כמעט ווי געבייזערט אויף מיר — איר האָט דאָך אַזעלכע שיינע אויגן!

— פאָלגט מיך, האָט ער מיר באַלד פאַרגעלייגט — וואַרפט זיי אַוועק...

איך האָב זיי טאַקע אַוועקגעוואָרפן, און יאָרן לאַנג אָן זיי זיך באַגאַנגען.

ביי אונדז אין שטאָט האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז כל זמן ר. ה. האָט געלעבט איז נאָר ער און נישט קיין אַנדערער געווען דער פאָרזיצער ביי יעדן עפנטלעכן קבלת־פּנים פאַר אַ שרייבער־גאַסט, אים באַטירלעך אָפיציעל באַגריסט און אויך אָפּגעשאַצט.

אַזוי איז אויך געווען ביים קבלת־פּנים פאַר אַברהם רייזען, אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין שטאָט, וואָס האָט געברויזט מיט פרייד, באַגייס־טערונג און יום־טובדיקייט פון אונדזער יידיש־ריידנדיקן עולם.

דער פּאָעט ר. ה. וואָס האָט נאָך דאַן געשמט ווי אַ מיטלמעסיקער דיכטער און אַליין נאָך ווייט נישט דערגרייכט דאָס, צו וואָס אַ דיכטער שטרעבט — די געהעריקע אַנערקענונג, האָט אָן יעדן ספק שטאַרק געליטן פון אַן אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס און איז זיכער באַהערשט געווען פון אַ שאַרפן געפיל פון קנאה צו יעדן דיכטער מיט אַ נאָמען, דאָס האָט פון אים ממש אַרויסגעוויטיקט בקול רם. צוליב דעם אפשר האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט, אַלע מאָל עפנטלעך צו ציטירן לידער פון אַמעריקאַנער און ענגלישע פּאָעטן, פאַרגעסנדיק דערביי גאַנץ באַוווסטזיניק, אונדזער היימיש־יידישע דיכטונג פון אונדזערע פּאָעטן — דעם גאַסט אַריינגערעכנט.

ביי רייזענס קבלת־פּנים איז אויך אַזוי געווען!

ביי זיין פאָרשטעלן אַברהם רייזען פאַר אַ ריזיק גרויסן עולם, האָט ר. ה. דערמאָנט די פּאָעטן, טעניסאָן, שעללי, קיטס, וואָלט וויטמאַן און אַנ־דערע גרויסע, גויאישע דיכטער, און דעם גאַסט — אַברהם רייזען — אָט, אַזוי זיך, כלאחד יד — קאַלט און אָן פּיעטעט, פאַרגעשטעלט פאַר דעם עולם.

— אַלטער באָק וואָס איר זענט, האָט זיך רייזען צוקאָכט און צעהיצט,

אים אַריינפּאַלנדיק אין זיינע רייד — איך בין איין מאָל אין מיין לעבן צו אייך געקומען צו גאַסט, האָט איר גאָר וועגן מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן? איר רעדט גאָר פון גויאישע פּאָעטן!

דער ריזיקער עולם אין זאַל, וואָס האָט אפשר יאָ און אפשר נישט פאַרשטאַנען וואָס אויף דער בינע איז פאָרגעקומען, האָט זיך אַ וויג געטאָן מיט טומל. מיר אָבער, די נאָענטע אין די פאָדערשטע רייען און אין די הינטערקוליסן פון דער רחבותדיקער בינע, האָבן אָבער באַלד רעאַגירט אויף דעם. עס האָט גענומען היפּשע עטלעכע מינוטן, ביז אונדז איז געלונגען די צוויי צערייצטע און אויפגערעגטע פּאָעטן צוריק צוזאַמענצוברענגען און ממשיך זיין דעם אָוונט.

אין יענעם יאָר האָבן שוין דאָ געוווינט אַ היפּשע צאָל יידישע שרייבער אַגב, יונגע אויך. האָבן מיר צווישן זיך באַשלאָסן, פאָטאָגראַפירן זיך מיט דעם גאַסט — אַברהם רייזען.

דאָ אין שטאָט האָט דאַן אויך געלעבט אַ פאַרמעגלעכער יוועליר, אַ צירונג הענדלער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו טינטלען מיט גראַמען.

אַלע מאָל ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען זיין רייך געשעפט אין דעם האַרץ פון דעם היגן פינאַנץ־צענטער פון שטאָט, האָט ער קיין מאָל נישט פאַרפעלט מיך צו פאַרטשעפּן, אַריינגענעמען אין זיין אָפיס און פאַר מיר פאַר־לייענען זיינע פרימיטיווע גראַמען.

— אָט דאָס ליד, פלעגט ער ליב האָבן זיך באַרימען — האָב איך ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר דער „צוקונפט", עס געווידמעט אַברהם ליעסין — דעם רעדאַקטאָר.

— אָט דאָס ליד — — — וואָס איך האָב נאַטירלעך קיין מאָל אין ערגעץ נישט געזען געדרוקט.

בשעת מיר זענען מיט רייזענען אָנגעקומען אין דער סטודיאָ, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן דעם נעמלעכן יוועליר.

— וואָס טוט ער דאָ? — האָט זיך ל. כאַנוקאָוו צעהיצט.

— דאָס זעלבע וואָס מיר טוען דאָ, האָט אים עמעצער געענטפערט.

— אויב ער וויל זיך מיט אונדז אויך פאָטאָגראַפירן, צי איך זיך צוריק.

— איך בין אַ שרייבער, האָט ער זיך ווייטער געהיצט, — וויל איך זיך נישט פאָטאָגראַפירן מיט אַ קרעמער, כאָטש איך האָב צו אים אַבסאָלוט גאָרנישט.

אַברהם רייזען, דער אייביקער בעל רחמים, מיט זיין געזונטן חוש השמיעה, ראיה און אינסטינקט — האָט עס באַלד אויפגעכאַפּט, און אויך דער בעל דבר האָט עס דערשנאַפּט.

— וואָס איז דאָ דער אומגליק, האָט זיך רייזען אויפגערעגט — און אַז נישט קיין שרייבער, איז וואָס? אָבער אַ לייענער איז ער דאָך יאָ! און אַ לייענער אַליין איז אויך אין דער בחינה פון אַ שטיקל שרייבער — אַ מיטשאַפער. און ער שרייבט דאָך טאָקע אויך...

צום גליק, האָט דער יוועליר אַליין זיך צוריקגעצויגן.

מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט מיט אַברהם רייזען אָן אים.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען צו גאַסט אין נ. י., איז אַברהם רייזען געווען דער פּרעזידענט פון דעם יידישן פּ. ע. נ. קלוב.

ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים האָט ער מיך זייער האַרציק אויפגענומען און מיך באַלד איינגעלאַדן ווי אַ גאַסט, צו אַ זיצונג פון דעם פּ. ע. נ. קלוב.

בשעת אַברהם רייזען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם פּ. ע. נ. האָט ער מיך אויפגעפאָדערט איבערצוגעבן אַ גרוס פון אונדזערע יידישע שריי־בער אויף דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, וואָס איך האָב נאַטירלעך נישט געטאָן, ווייל קיינער האָט מיר קיין מאַנדאַט אויף דעם נישט געגעבן.

אין מיין באַשיידענער באַגריסונג צום פּ. ע. נ. קלוב האָב איך פּשוט דערקלערט, אַז איך בין אַהער געקומען אויסהערן זיי און נישט זיי — מיך.

דער איידעלער אַברהם רייזן האָט מיך דער ערשטער אַפּלאָדירט און הויך אויסגערופן:

— די פּראָווינץ פאַרשעמט נישט!

נ. ב. מינקאָוו

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דעם פּאָעט, ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער נ. ב. מינקאָוו אין ניו־יאָרק, אין דעם יאָר 1933, האָט זיך אויסגעלייגט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט צווישן צוויי דערוואַקסענע מענטשן, כאָטש מיר האָבן זיך קיין מאָל פריער נישט באַגעגנט.

מיטלוווקסיק, מיט דעם הדרת־פּנים פון אַן עניו און היימישן תּלמיד־חכם, האָט מינקאָוו מיך באַלד פאַרכאַפּט מיט זיין תּמימות, ערנסטקייט, טאַקט און מעטאָדישקייט אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור, מיט זיינע וואַגיקע, שעפערישע מעשׂים טובֿים.

צוליב זיין פאַרנומענקייט ביי זיינע פּראָפעסיאָנעלע און פאָרשערישע אַרבעטן, האָבן מיר נישט געהאַט גענוג צייט זיך אָפטער צו באַגעגענען און נעענטער זיך באַקענען. די פּאָר מאָל וואָס מיר האָבן זיך יאָ באַגעגנט, האָט מינקאָוו זיך באַמיט מיך צו פאַראינטערעסירן אין דער פאַרשפּרייטונג פון זיין זשורנאַל „באָדן״.

— איך וועל אייך אויף אַזוי פיל אַרויסהעלפן, אַ דאַנק מיינע פאַר־בינדונגען — האָט ער מיר געפּרוווט איינרעדן — אַז איר וועט דערפון אַפילו האָבן אַ ביסל פּרנסה.

אין דעם זין, האָט דער קלוגער מינקאָוו אַרויסגעוויזן אַ סך נאַיִוויטעט, מיינענדיק, אַז זיין באמת וואַגיקער זשורנאַל „באָדן״, איז געווען צוגענגלעך צום דורכשניטלעכן לייענער פון יענער צייט.

דער סוף איז געווען, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער: איך בין באַלד אַוועקגעפאָרן און דער „באָדן״ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט ווי פריער, איידער מיר האָבן זיך באַ־קענט — ווייטער אָנגעהאַלטן.

אין יאָר 1935 בין איך ווידער געקומען קיין ניו־יאָרק.

דאָס מאָל האָט אונדז מינקאָוו איינגעלאַדן צו זיך אַהיים.

צוליב דער ווייטקייט אין שטח האָבן מיר פרי פאַרלאָזט אונדזער וווינונג. די כוונה דערביי איז געווען: אָנקומען אין צייט.

אויף אונדזער מזל האָט זיך דער וועטער געגומען בייטן. אַ פאַרשייט ווינטל האָט גענומען בלאָזן. און כאָטש די ריזיקע שטאָט איז פאַנטאַסטיש שיין און שטאַרק באַלויכטן, האָט זי זיך פונדעסטוועגן געלאָזט באַהערשן, טיילווייז אַפילו אַ ביסל פאַרטונקלען פון די אַנלויפנדיקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך שמאַטעדיק איבער איר צעגענעצט און אַנגעוואָרפן אויף איר אַ מאָדנעם אומעט, וואָס האָט זיך ווי איינגעגעסן אין אירע וואָלקנקראַצערס און די אומצעליקע מענטשן נאָך מער סטימולירט צו יאָגן זיך און אַריבער־יאָגן איינער דעם אַנדערן.

מיר האָבן זיך באַלד אַריינגעכאַפּט אין אַ זיך יאָגנדיקער סאָבוויי, איבערגעפּאַקט מיט מענטשן פון אַלע קאָלירן.

די סאָבוויי יאָגט זיך ווי אַ הונגעריקער וואָלף אין דעם חושך פון די אונטערערדישע טונעלן. פון צייט צו צייט באַווייזט זי זיך נאָר אין דער הייך און איידער דו קוקסט זיך אַרום, יאָגט זי זיך שוין ווידער אין דעם חושך פון טונעלן, וואָס בליצן אויף מיט באַלויכטענע סטאַציעס. דאָ שטעלט זי זיך אָפּ אויף עטלעכע סעקונדן, וואַרפט פון זיך אַרויס אַ צאָל פּאַסאַזשירן, פאַרשלינגט אַ צאָל נייע און שוין, זי איילט שוין ווידער אין וועג.

מיט אַ מאָל האָט די סאָבוויי עפּעס גענומען פּאַנפּען, פאַרלוירן איר פלינקקייט, באַלד זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און — געוואָרן פינצטער. ס'איז באַטירלעך געוואָרן אַ שטיקל מהומה. די קאָנדוקטאָרן האָבן אונדז באַלד באַרויקט אַ ביסל און געלאָזט וויסן, אַז צוליב אַ שטורעם האָט די עלעקטריק זיך אָויסגעלאָשן. דער עולם האָט זיך דער פּאַניק נישט איבערגעגעבן און איז „לפנים" געבליבן רויק.

פאַר מיר איז אָט די איבערלעבונג בכלל געווען אַ געשפּאַנטע און אויך אינטערעסאַנטע. און כאָטש מיר האָבן זיך אַלע געפינען ווי אין אַ שטייג, היפּשלעך צעטומלט, כמעט ווי פאַרלוירן אין דעם רירנדיקן כאַאָס פון געפינען זיך פּלוצים אין דער פינצטער אין די היילן פון דער אַזוי גערופענער ציוויליזאַציע, האָט עס מיך דערמאָנט אין אַן ענלעכער איבער־

לעבונג אין מערב־קאַנאַדע, ווען אַן אַרטיקער טאָרנאַדע־שטורעם האָט אין איין אויגנבליק אויסגעלאָשן דעם טאָג, און מיט שטורעם אים פאַרביטן אויף נאַכט. דער אונטערשיד באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס דאָרט האָב איך זיך געפונען פריי אויף דער גאַס: געזוכט אַ שוץ אונטער אַ דאַך, און דאָ — דאָ געפין איך זיך ברבים אין אַ שטייג, טיף אונטער מאַנהעטן, מיט אַ צאָל אַנדערע מענטשן וואָס קענען זיך, ווי איך, נישט באַוועגן, און מוזן צוימען דעם אימפּולס פון וועלן ווי אַנטלויפן.

די שפּאַנונג האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, ביז דער שטורעם האָט זיך אַ ביסל איינגעשטעלט און מיר האָבן זיך ווידער גענומען יאָגן אין דער סאָבוויי, אָבער — אַ ביסל מער סטאַטעטשנע און געצוימט, ווי להבדיל אַ פּאַרצייטיקער שלעפּ־צוג...

דער מאַנהעטן־אינדזל האָט זיין פּנים אויסגעוואַשן און זיך ביסלעכווייז ווידער גענומען פּוצן, אין דעם וווּנדער פון קינסטלעכער ליכט.

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו מינקאָווס וווינונג, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געשאָטנט אין גאָרער פינצטערניש — אין אַ שפּעטער שעה.

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך אייך שוין היינט נישט דערוואַרט, האָט אונדז מינקאָוו באַגעגנט מיט חידוש אין די אויגן, האַלטנדיק דערביי אַ חלבן ליכטל אין די הענט, צוזאַמען מיט זיין פרוי — די פּאָעטעסע כאַסיע קופּערמאַן.

— ווי איך זע, האָט ער גלייך באַטאָנט — זענט איר אויסגעהאַלטן אין אייער פּינקטלעכקייט, וואָס איך שעץ זייער אָפּ. איך אַליין, האָט ער צוגעגעבן — בין זיך אויך אַזוי נוהג, דאָס מעגט איר וויסן. פונדעסטוועגן, זאָג איך אייך — איך וואָלט דאָס מאָל אויף אייך בפירוש נישט געוועזן ברוגז, פאַר נישט האַלטן קיין וואָרט און אין גאַנצן נישט קומען אין אַזאַ שטורעם. און ווייטער:

— פאַר די אַלע יאָרן וואָס איך וווין דאָ אין ניו־יאָרק, געדענקט זיך מיר גאָרנישט קיין איין פאַל אַזאַ, מיר זאָלן פּלוצים פאַרבלייבן אָן באַ־לייכטונג און זיך דאַרפן באַנוצן מיט חלבנע ליכט.

אין דער טונקלקייט פון די חלבנע ליכט האָט זיך פון דעסט וועגן שטאַרק אָנגעזען די רייכע ביבליאָטעק, וואָס האָט מיט איר ליכטיקייט, ווי

מיר האָט זיך אויסגעוויזן — אָפּגעשלאָגן זיך אויף דעם פּאַרגייסטיקטן פּנים פון נ. ב. מינקאָוו, אין דער ראַם פון זיין באָרד, וואָס האָט אים דווקא צו־געגעבן די חשיבות פון אַ דענקנדיקן מענטשן, אין דער גאָרער איידלקייט פון אַ זעלטענעם מכניס אורח.

אין דעם גאַנג פון אונדזער שמועס, האָט זיך מינקאָוו באַמיט נישט צו ריידן וועגן זיך, אַן אייגנשאַפט וואָס איז בלויז אייגן דער באַשיידנקייט פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס נ. ב. מינקאָוו איז געווען — וואָס ווייסט אַליין זיין ווערט און נייטיקט זיך באמת נישט אין דער זעלבסט־רעקלאַמע פון מיטלמעסיקייטן און סתם פּסעוודאָ־שרייבער.

פון זיין האַלטונג האָט זיך אַרויסגעוויזן די מעטאָדישקייט פון אַ געלערנטן מענטשן, וואָס וועגט און מעסט כמעט די ווערטער זיינע, מיט דער מאָס פון דער שטרענגסטער לאָגיק. און וויפל איך האָב זיך נישט באַמיט צו באַרירן דעם כאַראַקטער פון זיין שרייבן, האָט ער פאַרקערעוועט דעם שמועס אין אַן אַנדער — אַלגעמיינער — ריכטונג. ער האָט גאָר גערעדט אין לויבן, הינטער איר פּלייצע, וועגן די שיינע דערגרייכונגען פון זיין פרוי, אויף דעם געביט פון פאָרשערישער אַרבעט, און מיט נישט ווינציק שטאָלץ מיר געוויזן אירן אַ בוך, צי מער ווי איינעם — אויף ענגליש, דערביי אויך באַטאָנט אירע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון דיכטונג, אויף יידיש לשון.

צוליב דעם נישט־גינסטיקן וועטער און שפּעטקייט פון דער נאַכט, האָבן מיר נאַטירלעך דאָ לאַנג נישט פאַרבראַכט.

די געגנט ווו די מינקאָווס האָבן געוווינט, איז נאָך אַלץ נישט געווען באַלויכטן. פון דער וויטנס האָבן זיך אָבער שוין יאָ געזען צעוואָרפענע אינדזלען פון עלעקטרישער באַלייכטונג.

ווי פריער, ביי אונדזער אָנקום — האָט אונדז אויך איצט מינקאָוו אַרויסבאַגלייט מיט אַ חלבן ליכט אין דער האַנט.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט דעם שעפערישן פּאָעט און ליטעראַטור־קריטיקער נ. ב. מינקאָוו, וואָס האָט מיט זיין האַלטונג דערמאָנט אַן אַ פּאַרצייטיקן נזיר.

אונדזער חברשאַפט אין בריוו האָט אָבער אַלצאיינס אָנגעהאַלטן, ביז זיין אומגעריכטן און פריצייטיקן טויט.

כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז ביי זיין ערשטן באַזוך אין מיין אַמאָ־ליקער היים־שטאָט, וויניפּעג, קאַנאַדע, האָט ער זיך באַמיט און באַלד אויפֿ־געזוכט מיין עלטערן ברודער, מיט אים זיך באַקענט און גלייך מיר איבער־געשיקט אַ דירעקטן גרוס פון אים.

שלום שוואַרצבאַרד

ווינטער 1933.

נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון צען לאַנגע יאָר, געפין איך זיך ווידער אין וויניפּעג, בלויז צוגאַסט — און איך לעב ממש איבער דעם ווידערגעבורט פון מיין יוגנט, אונטער די ליכטיקע הימלען פון מערב־קאַנאַדע.

איך זע זיך דאָ אַליין אין אַ פריערדיק געשטאַלט, אַרומבריאַזגען איבער די פאַרשנייטע גאַסן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו די ביינאַכטיקע הימלען, וואָס וויקלען זיך אין דעם פאַנטאַסטיש־דינאַמישן רייץ פון צפון־ליכט וווּנדער, וואָס פאַרשיכורן מיך אין גאַנצן.

מיין גאַנצע צען־יאָריקע דערפאַרונג אין דרום־קאַליפאָרניע, ווי אַ באַרג־קלעטערער און וואַגאַבונד איבער אירע ווונדערלעך צעוואָרפענע וועגן צווישן בערג און טאָלן — ווערט מיט אַ מאָל ווי אויסגעמעקט פון מיין זיכרון.

איך בין ווידער דער ווילדער בחור פון אַמאָל, וואָס ווערט געטריבן פון אַ מאָדנעם אומרו איבער די רחבותדיקע גאַסן פון וויניפּעג, וואָס שטויסן מיך צוריק אַריין אין דער יוגנטלעכער סביבה פון מיינע אַמאָליקע איבער־לעבונגען ביי דעם „רעד ריווער", אין די פּאַרקס און, דער עיקרשט — אויף מיינע ביינאַכטיקע שפּאַצירן אונטערן אַ זעלטן צעשטערנטן הימל איבער די הינטערגעסלעך, פאַרחלומט און צעטראָגן, פאַרחברט מיט דער נאַכט.

— דאָ איז אַ מאָל געווען דיין היים — רעדט צו מיר אַן אָפּגעלאָזן הויז, אויף סעלקירק.

— אין אָט דעם הויז, דערמאָנט מיך אַ שאָטן — איז געשטאָרבן דיין טאַטע, ערשט נישט לאַנג צוריק.

— אין אָט דעם לאָקאַל, האָט זיך דיין יוגנט אויסגעשטורעמט אין

פלאַמיקע דרשות לטובת אַ שוין פון לאַנג פאַרשוועכטן און דיסקרעדי־טירטן אידעאַל...

מיט אַ מאָל בלייב איך שטיין ביי דער טיר פון דעם לערער פון דער לאָקאַלער א. ר. שול, צו וועמען איך בין איינגעלאַדן ווי אַ גאַסט.

— איר זענט געקומען פונקט אין צייט, באַגעגנט מיך דער לערער געלבערג — מיר איילן זיך באַזוכן שלום שוואַרצבאַרד.

— וואָס איז אויף אייך די איילעניש? — פרעג איך אים גוטמוטיק.

— צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, גיט ער מיר צו פאַרשטיין:

— אונדזער שטעטל איז שטאַרק באַפעלקערט מיט אוקריינער — פעטליורעס לאַנדסלייט, ימח שמו! — מוזן מיר צוליב דעם זיין זייער פאַר־זיכטיק מיט שלום שוואַרצבאַרד, כמעט ווי אויסבאַהאַלטן אים פון זיי...

זאַלבעדריט: רוזשקע, געלבערג און מיין ווייניקייט — האָבן מיר זיך אין איילעניש פאַרפּעלצט אין אונדזערע וואַרעמע בגדים און באַלד זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ שכנהדיק הויז, ווו שלום שוואַרצבאַרד איז אַליין געווען אַ גאַסט.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מיטלוווקסיקער מענטש אַ זשוואַוועדיקער, און ממש געפיבערט מיט רייד, וואָס האָבן ווי אַרויסגעלאָפּירט פון אים מיט אימפּעט, אין אַליידנשאַפטלעכן באַגער פון זיך אויסצוקלאָרן זיינע לויפנ־דיקע סענטימענטן און גרויס צופרידנקייט, צו באַגעגענען זיך מיט נייע מענטשן.

געלבערג האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט.

זיינע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעצונדן מיט דעם צויבער פון גוטס־קייט און נייגער.

שלום שוואַרצבאַרד האָט מיין האַנט מיט וואַרעמקייט אַריינגעכאַפּט אין זיינעביידע ריר־עוודיקע הענט און הויך אויסגערופן:

— איך ווייס פון אייך און איך קען אייך פון אייער שרייבן. גוט, זייער גוט! — וואָס איר זיינט מיך געקומען זען.

בשעת שוואַרצבאַרד האָט פאַרדריקט מיין האַנט אין זיינער, האָט ער מיך באַלד אָנגעשטעקט מיט דער גאַרער וואַרעמקייט פון זיין האַרץ

און נשמה, וואָס האָט זיך מיר אויך איבערגעגעבן דורך דעם אויפבליץ פון זיינע ברענענדיקע אויגן.

— אָט דאָס זענען טאַקע די ריכטיקע הענט? — האָב איך אים אומ־באַקלערט אַ פרעג געטאָן.

— יע, יע! האָט ער אַ ציטער געטאָן, ווערנדיק היסטעריש און זיך כמעט ווי צעוויינט.

איך בין אויף אַ ווײַלע פאַרבליבן מטושטש פון מיין אייגענער טאַקט־לאָזיקייט און זיך פאַרשעמט אַ ביסל. און אַז איך האָב געוווּנען מיין קאָנטראָל איבער זיך, איז פאַר מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט מיט אַ גאָר סענטימענטאַלן און געוויסנהאַפטן מענטשן, וועמענס אייגענע מעשים, די מעשה פעטליורע, ימח שמו — אַריינגערעכנט, גייען אים נאָך ווי אַ שאָטן און לאָזן אים קיין מאָל נישט קומען צו זיך.

ווי אַ פּועל יוצא פון אָט דער מאָמענטאַלער איבערלעבונג, האָבן מיר זיך שוין אַלע באַמיט אָפּצווענדן אונדזער שמועס איבער זייטיקע און אַנדערע ענינים. צוליב דעם, איז שוין דער אָוונט אַוועק אונטער דעם צייכן פון אַ געדריקטער שטימונג.

נאָך מיינע עטלעכע באַגעגענישן מיט שלום שוואַרצבאַרד אין וויניפּעג, האָבן מיר צווישן זיך אָפּגערעדט, צו טרעפן זיך אין שיקאַגע, ווּהין מיר האָבן ביידע פּלאַנירט צו פאָרן, אין אַ וואָך אַרום.

— דאָרטן — האָט מיך שוואַרצבאַרד פאַרזיכערט — וועלן מיר זיך ערשט נענטער באַקענען און טאַקע אַ הוליע טאָן אויך.

אין שיקאַגע האָב איך שוואַרצבאַרדן באַגעגנט אין אַ באַשיידן און אָפּגעלאָזן הויז, ביים קאָרעגירן זיינע פּלאַנירטע צוויי ביכער: „אין קריג מיט זיך אַליין" און „אינעם לויף פון יאָרן", וואָס האָבן זיך טאַקע דאָרט געדרוקט.

אונדזער באַגעגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע. שוואַרצבאַרד האָט מיך דאָ אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס און מיט טרערן אין די אויגן אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט אונדזער באַגעגעניש.

איך האָב אים באַלד פאַרגעשלאָגן, צו העלפן אים לייענען און מאַכן די קאָרעקטורן פון זיינע ביכער, וואָס ער האָט גערן באַלד אָנגענומען, און

כך הווא: מיר האָבן באַלד פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. און ערשט דאָ, ביים קאָרעגירן זיינע כתבים — האָט ער זיך געלאָזט דערקענען אין זיין גאַרער סענטימענטאַלקייט, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין גרענעץ. וואָס עס איז אים נאָר איינגעפאַלן, האָט ער באַלד אַרויסגעלייגט אויף דעם טיש, מיט דער גאַרער תמימות פון אַ טיפּיש גוטן פאָלקסמענטש. און גערעדט האָט ער — מיט האַרץ און מיט נשמה.

— ווייסט איר וואָס, מיין פריינד — גיט ער מיר פּלוצעם אַ זאָג — לאָמיר גאָר אַ זינג טאָן עפּעס אַ פאָלקסליד, אָט — וואָס נאָר מיר קענען און געדענקען.

מיר האָבן ביידע מיט אַ מאָל אַוועקגעשאַרט די זיך קנייטשנדיקע פּראָזע־בויגנס פון זיינע ביכער.

שוואַרצבאַרד האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבער דעם צימער און זינגען אַ פּאָפּולער פאָלקס־ליד. איך ווידער, בין גאָר אַרויס פון די כלים. מיט התלהבות אַרויף אויף דעם טיש און זיך שטאַרק באַמיט אים אַריבערצוזינגען. און אַז איך בין אַרונטער פון דעם זיך וואַקלדיקן טיש, האָבן מיר זיך ביידע אַרומגענומען און מיט חסידישן ברען אויסגעזונגען און אויסגעטאַנצט אונדזער גאַנצן רעפּערטואַר פון פאָלקסלידער, וואָס מיר האָבן ביידע, יאָ־צי־נישט געקענט...

און אַז מיר זענען שטאַרק מיד געוואָרן און געבליבן זיצן אויסגע־שעפּטע איינער קעגן איבער דעם אַנדערן, האָבן מיר זיך האַרציק הויך צעלאַכט...

צו דער קאָרעקטור־אַרבעט האָבן מיר זיך שוין נאַטירלעך מער נישט צוגערירט. דער טאָג איז שוין ביי אונדז אַוועק אין חברישער שיחת־חולין, פון וועלכע מיר האָבן ביידע שטאַרק הנאה געהאַט...

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן מיר זיך צעשיידט. ער איז אַוועק צוריק קיין פּאַריז. און איך — צוריק קיין קאַליפאָרניע.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט איינער מיט דעם אַנדערן; זיך דורכגעשריבן אַ לענגערע צייט.

אַז זיינע צוויי ביכער זענען אַרויס פון דרוק, האָט ער דאָ שריפטלעך אויטאָריזירט זיינעם אַ חבר, אַ היגן אַנאַרכיסט — ער זאָל מיר איבערגעבן

זיינע ביכער, ווי אַ מתנה אין זיין נאָמען, וואָס איך האָב זייער און זייער אָפּגעשאַצט.

אין יענע יאָרן בין איך דאָ געווען דער רעדאַקטאָר פון דער פּערטליאָר שריפט „ל י ד". שוואַרצבאַרד איז געווען איינער פון מיינע לייענער און אָפּשאַצער פון אָט דער צייטשריפט.

מיט אַ מאָל דערהאַלט איך פון אים אַ לענגערן בריוו מיט אַ צאָל לידער זיינע.

אין זיין צושריפט האָט דער באַשיידענער און זעלטענער עניו, שלום שוואַרצבאַרד, מיר געשריבן, אין שייכות מיט זיינע צוגעשיקטע לידער — ...גם אני בין הנביאים... וואָס האָט מיך דאַן אַגב, היפּשלעך שאָקירט, צוליב דער רויקייט פון זיינע לידער. און כאָטש מיר איז געווען זייער נישט אָנגענעם צוריקצוּווייזן זיינע לידער, האָב איך אָבער, ווי אַלע מאָל — נישט געקאָנט פאַרלייקענען און אונטערדריקן מיין אייגענעם אמת ווענגן זיי. האָב איך, ווי ס׳ביט איז, געפונען אַ וועג אים צו ענטפערן און... נישט דרוקן זיינע באמת נאַיווע גראַמען.

פון דאַן אָן, האָב איך לײדער פון אים מער דירעקט נישט געהערט.

שלום שוואַרצבאַרד איז שפּעטער אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן, אין דער קולטור־שליחות פון דער ייוו״אָ, אין דער ווייטער אַפריקע.

זיין אומגעריכטע פּטירה איז מיך נישט פאַרבייגעגאַנגען אומבאַרירט. ביז איצט קען איך זיך אַליין נישט פאַרגעבן מיין יוגנטלעכע חוצפה: צוריק־צעווייזן די לידער פון אונדזער זעלטענעם און גאָר האַרציקן פאָלקס־העלד און נקמה־נעמער, שלום שוואַרצבאַרד ז״ל.

סטעלאַ

(עטל גאָלדבערג)

אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, ווען דער יידישער ישוב אין דרום קאַליפאָרניע איז נאָך געווען זייער אַ קליינער און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן — פּנימלאָז און צעשוומען, האָבן זיך פון דעסט וועגן באַוויזן סימנים פון אַ דראַנג צו שרייבעריש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, אַ דאַנק דעם צופלוס פון באמת יונגע — אָנהויבנדיקע — שרייבערישע כוחות.

מיט דעם אויסנאַם פון ל. שאַפּיראָ און ה. רויזענבלאַט, אַ ביסל שפּעטער — מ. מ. דאַליצקי און פּרץ הירשביין, איז יעדער צוגעקומענער שרייבער געווען אַן אָנהויבער. אין יאָרן — זייער יונג.

פון צייט צו צייט האָבן זיך דאָ באַזעצט אַ צאָל יונגערע שריפטשטעלער מיט אָנזען: ראובן לודוויג, יצחק האַראָוויץ און אַנדערע. יצחק האַראָוויץ און אַגב געווען אַ שיין־רעדנער און אויך אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. אַ דאַנק זיין באַמיונג און טאַלאַנט, איז דאָ צושטאַנד געקומען די איינמאַליקע דערשיינונג פון דער ערשטער קאָלעקטיווער ליטעראַרישער זאַמלונג, א. נ. מ ע ר ב.

אין יענער צייט האָב איך זיך צופעליק באַקאַנט מיט אַ היימיש רוסיש־יידישער אינטעליגענטקע, מיט דעם נאָמען: ס ט ע ל אַ ב ל אָ ק.

סטעלאַ איז געווען אַ גאָר יונגע פרוי, אַוודאי אין די ערשטע צוואַנציקער. מיטלוווקסיק און שיין, מיט לאַכנדיקע אויגן, עלעגאַנט געקליידט און פול מיט חן. זי האָט געשפּרודלט מיט לעבן און, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט — האָט אויף איר תמיד גערוט די שכינה. און כאָטש זי איז געווען אַ באַריידעוודיקע, און אַלע מאָל געהאַט וואָס צו זאָגן, איז איר באַשיידנקייט אַלע מאָל איר פאָרויסגעגאַנגען, און איר קלוגשאַפט און נאַטירלעכע אינטעליגענץ האָט דיך אַלע מאָל פאַרכאַפּט, געהאַלטן געשפּאַנט אין איר קעגנוואַרט

אויף אַזוי פיל און צו אַזאַ גראַד, אַז דו ביסט קיין מאָל נישט מיד געוואָרן זיך צו געפינען אין איר געזעלשאַפט און הערן, וואָס זי האָט צו זאָגן.

אין האַלענבעק־פּאַרק, אין שאָטן פון פּאַלם־ביימער, קעגנאיבער אַ קינסטלעך טייכל, וואָס האָט זיך פאַרחלומט געכוואַליעט אונטער דער בלויקייט פון אַ פאַרשטערנטן הימל, האָב איך זיך צופעליק באַגעגנט מיט סטעלען און אירער אַ חברטע, אין אַ שפּעטער אָוונט־שעה. זאַלבעדריט האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט אין אַ שכנותדיקן דראָג־סטאָר וואָס איז שוין געווען שוואַך־באַלויכטן, און באַשטעלט דריי פּאַרציעס אייז־קרעם. די קלוגע סטעלאַ פאַרנעמט נאַטירלעך דעם אויבנאָן אין אונדזער שמועס, וואָס באַאומרויִקט אַ ביסל דעם באַלעבאָס, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן זיין קרעמל. איך האָב זיך נאַטירלעך אַ כאַפּ געטאָן צו דער קעשענע און געוואָלט פאַר אַלעמען באַצאָלן.

— מיר און מיין חברטע, האָט מיך סטעלאַ באַלד אָפּגעשטעלט — באַדאַרפט איר נישט פונדעוועגן — האָט זי אַ שמייכלדיקע אויסגערופן — איר זענט פאַר מיר נישט קיין קאַוואַליער און איך בין פאַר אייך נישט קיין באַרישניע.

פון יענעם מאָמענט אָן זענען מיר פאַרבליבן חברים, ביז צו דעם סוף פון אירע טעג.

מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ בן־בית ביי איר אין הויז. און ווען איר באמת איידעלער מאַן, אַ דערפאָלגרייכער פּאָליטישער עקאָנאָמיסט און אָנגעשטעלטער ביי אונדזער פעדעראַלער רעגירונג, ד״ר בלאָק — פלעגט מיך דער ערשטער באַגעגענען אין זייער געשמאַקפול איינגעאָרדנטער דירה, פלעגט ער מיך שפּאַסיק אָנאָנסירן אויף אַזאַ אופן:

— סטעלאַ! — פלעגט ער אויסרופן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל — דיין געליבטער איז דאָ.

און אַלע דריי האָבן מיר זיך האַרציק צעלאַכט.

ד״ר בלאָק איז געווען אַן אַסימילירטער ייד, קיין יידיש נישט פאַר־שטאַנען און צוליב דעם זיך זעלטן באַטייליקט אין אונדזערן אַ שמועס. צוליב זיין ערלעכקייט און עטישער באַנעמונג צו מיר, האָט ער מיך נאָ־

טירלעך קיין מאָל נישט פאַרדעכטיקט אין מיין באַציונג צו זיין סטעלאַן, ווען ער האָט פּשוט פאַרגעטערט.

אין אונדזערע דעמאָלטדיקע ליטעראַרישע קרייזן האָט זיך סטעלאַ מער אָנגעזען מיט איר רייץ, חכמה, אינטעליגענץ און וויסן פון אַנדערע פּרויען, מיט פּרעטענזיעס אויף שרייבן.

און כאָטש זי האָט מערסטנטיילס געלייענט רוסיש און ענגליש, האָט זי פון דעסט וועגן זיך באַנוצט מיט אַ ליטעראַרישן יידיש אין אונדזער סביבה, וואָס אַלע אָן אויסנאַם האָבן באַוווּנדערט. קיינעם פון אונדז איז אָבער נישט איינגעפאַלן און האָט איר אויך נישט פאַרדעכטיקט, אין האָבן ליטעראַרישע אַמביציעס, דווקא אויף יידיש לשון.

אין אונדזער יוגנטלעכן נייגער צו ווען זיך דרוקן, דער עיקרשט — אין די ניו־יאָרקער אויסגאַבן, האָבן מיר אַלע תמימותדיק נאָכגעפאָלגט די ניו־יאָרקער פּרעסע, כדי צו זען, וועמען פון אונדז עס האָט זיך איינגעגעבן עפּעס אָפּצודרוקן. און אַז עמיצן פון אונדז האָט זיך טאַקע איינגעגעבן עפּעס־וואָס צו פאַרעפנטלעכן, האָבן אַלע דערפון גערעדט.

מיט אַ מאָל האָט זיך באַוויזן אין דער „פ. א. ש.״ אַן איבערדיכטונג פון קאַליל גיבראַן, מיט דעם איבערשריפט: יידיש פון עטל גאָלדבערג. און ווייל קיינער פון אונדז האָט נישט געוווּסט ווער די עטל גאָלדבערג איז, און די איבערדיכטונג איז געווען זייער אַ קאָרעקטע, אין אַ זעלטן געראָטענעם לבוש פון יידיש־לשון, האָבן מיר אַלע גענומען שפּעקולירן און פּרווון טרעפן, ווער דאָס איז. און אַז מיר האָבן זיך, צו אונדזער גרעסטער איבערראַשונג דערוווּסט, אַז דאָס איז סטעלאַ בלאָק, איז ה. רויזענבלאַט געווען דער ערשטער איר צו באַגריסן:

— גיי ווייס, האָט ער געריבן די הענט — אַז דאָס איז אונדזער חנעוודיק־געראָטענע סטעלאַ!

אַזוי איז סטעלאַ בלאָק נתגלה־און־פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער דיכטערין, עטל גאָלדבערג — אין יידיש לשון.

די גוטע און געראָטענע סטעלאַ האָט זיך מיט דער צייט באַזעצט אין סאַן פראַנציסקאָ, ווו זי איז קראַנק געוואָרן אויף אַ האַרץ־קראַנקייט.

איר איידעלער מאַן האָט זיך באמת פאַר איר מקריב געווען, אַלץ געטאָן איר צו ראַטעווען.

פון ציט צו צייט פלעגט ער זי ברענגען צוריק קיין לאָס־אַנדזשעלעס, איר געמאַכט אַזוי באַקוועם ווי מעגלעך.

זי איז, ליידער מער קיין מאָל נישט געקומען צו זיך. יאָרן לאַנג געווען צוגעשמידט צום בעט.

סטעלאַס קאָרעספּאָנדענץ מיט מיר האָט אַלעמאָל געטראָגן אַ ליטע־ראַריש־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. צוליב דעם האָב איך אַ סך פון זיי פאַרעפנטלעכט אין אַן אויסגאַבע, וואָס איך האָב דאַן רעדאַקטירט דאָ אין שטאָט, ווי אַ צוגאָב צו אירע אָריגינעלע לירישע לידער און איבערדיכטונגען אויף יידיש.

אין יאָר 1933 בין איך זי געקומען באַזוכן אין סאַן פראַנציסקאָ, ווו זי האָט געוווינט אין דער באַוועלדערטער געגנט פון טעלעגראַף־הילל, אויף אַ פאַרנעפּלטן באַרג, אַנטקעגן דעם פּאַסיפיק.

די הויז־דינערין וואָס האָט מיך באַגעגנט ביי דער טיר, האָט מיר געהייסן צוואַרטן אַביסל. דאָס צוגרייטן סטעלאַן אויפצונעמען אַ גאַסט, האָט לאַנג געדויערט און האָט מיך שטאַרק באַאומרויִקט.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ טיר, און איך בין אַ שטילער אַריין אין דעם קראַנקן־צימער.

דאָס צימער איז געווען שטיל באַלויכטן און קינסטלעך באַהייצט.

סטעלאַ איז אונטער אַ האַלבן צודעק געזעסן אויף דעם בעט. און וויפל זי האָט זיך ניט באַמיט צו מאַכן אַ „געזונטן" איינדרוק, האָבן אירע פיבער־דיקע אויגן איר פאַר׳מסרט און דאָס געלקייט פון איר פאַרפּודערט פנים און פאַרברענטע ליפּן, האָבן מיר קיין גוטס ניט דערציילט...

איך בין געזעסן האַרט לעבן איר בעט ווי אויף שפּילקעס, און מיט אַלע מיינע כוחות זיך באַמיט, ניט אויסצוברעכן אין אַ היסטערישן געוויין.

— — — בראָנשטיין — זענען אירע לעצטע ווערטער צו מיר געווען — איך האָב שוין דערלעבט אַ סך נחת אין איך — ליטעראַריש. איצט, האָט זי ממשיך געווען מיט אַן איינגעהאַלטענער טרער אין אירע אויגן —

וואָלט איך נאָך וועלן אײַך זאָגן פון אייך: איר זאָלט ווערן אַ גוטער קאָמוניסט...

איך האָב נאַטירלעך אויף דעם נישט רעאַגירט.

פון דער נאַטור אַ שווייגער, האָב איך דאָ, לויט די אומשטענדן אַרום מײַן פּריינט — סתם פאַרלוירן דאָס לשון און הויך געשוויגן.

די שטימונג צווישן אונדז בײַדע, איז געווען אַ געדריקטע. מיר האָבן זיך בײַדע גוט פאַרשטאַנען און מער געשוויגן ווי גערעדט.

— — — איך מוז שוין גיין, האָב איך ענדליך קוים אויסגערופן.

סטעלאַ האָט מיך אומגעריכט און חבריש אַרומגעכאַפּט בײַם קאָפּ. צום ערשטן און לעצטן מאָל, האָט זי מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן, קוים אָפּ־כאַפּנדיק דעם אָטעם.

איר קוש האָט זיך אַרײַנגעגליווערט אין מײַן גאַנצן לייב־און־לעבן, אַ ציטער האָט מיך דורכגענומען. און אַז איך בין אין עטלעכע מינוט אַרום געבליבן אַליין אויף דער אַנדערער זייט טיר פון סטעלאַס וווינונג, האָט מיך אַ בלינדקייט געשלאָגן אין דער ווינטיקער הויכקייט פון טעלעגראַף הילל, אין סאַן פראַנציסקאָ, ווו די אומפאַרגעסלעכע סטעלאַ, די דיכטערין עטל גאָלדבערג — איז אויסגעגאַנגען, אין עטלעכע טעג אַרום.

ל. בערקאָוויטש

ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען איך בין געווען אַ באַ־צאָלטער רעדאַקטאָר פון אַ יידישן וואָכנבלאַט, א. נ.: ל. א. יידישער בולעטין, איז צו מיר אַרויפגעקומען אַ יונגער מאַן אין מיין עלטער און פאַר מיר זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַ דיכטער פון קינדער־לידער — דער לערער: ל. בערקאָוויטש.

אין אַ וואָכעדיק־צעזונטן טאָג, איז פאַר מיר געשטאַנען אַ גאָר איידע־לער, אינטעליגענטער און זייער באַשיידענער יונגער מאַן מיט אַ שאַרפן בליק אין זיינע ברענענדיקע אויגן, וואָס האָט מיך באַלד פאַרכאַפּט מיט זיין תמימות און גאָרער יוגנטלעכער שיינקייט. און כאָטש זיין דיכטונג איז מיר נאָך דאַן געווען פרעמד, ווי ער אַליין — האָב איך אים פון דעסט וועגן באַלד איינגעלאַדן צו ווערן מיינער אַ מיטאַרבעטער, וואָס ער האָט, אַגב באַלד אָנגענומען, מיט דער איינציקער פאַרשטענדעניש, אַז ער וועט מיר ערשט צושיקן זיינע אַן אַרבעט אַ ביסל שפּעטער, ווען ער וועט זיך אומקערן פון זיין וואַקאַציע אויף זיין לערער־פּאָסטן אין אַ שטעטל אין טעקסעס.

באַלד נאָך זיין אָנקומען אין טעקסעס, האָט ער מיר טאַקע צוגעשיקט אַ צאָל לידער זיינע אין אַ פּערלדיקער האַנטשריפט, וואָס איך האָב אָנגע־הויבן צו פאַרעפנטלעכן.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט מיר אין אַ נאָכפאָלגנדיקן בריוו דערקלערט, אַז אַזוי ווי ער איז ...געזעלשאַפטלעך פאַרבונדן מיט אַ קרייז, וואָס איז ,אידעאָלאָגיש׳ נישט מסכים מיט אייערע אָנשויונגען וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין אייער וואָכנבלאַט, מוז איך זיך ליידער צוריקציען פון מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין אייער ,בולעטין׳...

איך האָב בערקאָוויטשן באַלד צוריקגעשיקט זיינע פאַרבליבענע מאַ־נוסקריפּטן.

אונדזער פּאַפּירענע חברשאַפט, דורך בריוו, האָט פון דעסט וועגן דערפון נישט געליטן, אין קעגנטייל — פּאַקטיש אָנגעהאַלטן היפּשע עטלעכע יאָר, ביז ער איז ענדלעך צוריקגעקומען קיין ל. א. מיט זיין פרוי — די דיכטערין לאה קאַפּילאָוויטש האָפמאַן, און מיר האָבן זיך אינטים פאַר־חברט ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג.

ל. בערקאָוויטש איז געווען אַ מתמיד, מיט אַ זעלטן געוויסנהאַפטן איינשטעל אין זיינע אַנשויונגען, וואָס האָבן זיך כראָנאָלאָגיש געביטן.

און אין וואָס ער האָט געגלויבט, האָט ער בפועל ממש פּראַקטיצירט און אויסגעפּירט אין דער פּראַקטיק פון זיין אייגענעם לעבן.

אין אַלע זיינע גילגולים, סאָציאַל־עטישע אידעאָלאָגיעס — איז ער געווען עכט, אָפנהאַרציק מיט זיך און אויך מיט זיינע מיטמענטשן.

— וויסט איר — האָט ער מיר אַ מאָל נאַיוו אַ זאָג געטאָן, אין זיין קאָמוניסטישן גילגול — פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל״, און פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״? מיינענדיק דערמיט, אַז ער האָט פאַר מיר אַנטדעקט מי יודע וואָס...

אין יענע יאָרן פון זיין קאָמוניסטישער אָריענטאַציע און פרומען גלויבן אין דער דורכפירבאַרקייט פון דער שפּעטער דיסקרעדיטירטער אידעע, אין פּראַקטישן־און־פּאַקטישן לעבן אין דעם אַזוי געררופענעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד, האָט ער טאַקע געשריבן און אויך פאַרעפנטלעכט גאַר אַ סך טענדענציעזע, פּראָלעטאַרישע קינדער־לידער, אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט און טאַקע פאַרהערלעכט און אידעאַליזירט, זיינע עקסטרעם לינקע אַנשויונגען און קרעדאָס. אויף דעם זאָגן עדות אַ צאָל לידער זיינע, שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין זיין איינציקן לידער־בוך, א. ב. קליינוועלט וואָס איז דערשינען מיט דער הילף פון דער לינקער באַוועגונג אין ל. א. ...געווידמעט צו יינגלעך און מיידלעך וואָס שפּאַנען מיט רויטע פּיאָנערישע טיכלעך... אין דעם יאָר 1934, מיט וועלכע איך האָב געמאַכט אַן אָנהויב אויף פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישער טעמאַטיק, וואָס איך האָף און פּלאַניר פאָרצוזעצן אין מיינע וויטערדיקע אַרבעטן... (זע דעם פאָרוואָרט פון זיין בוך קליינוועלט).

די אוממיטלבאַרקייט און גאָרע עכטקייט פון זיינע באמת געראָטענע

און שיינע קינדער־לידער, האָבן אָבער אַפילו דאַן פאַרטונקלט זיין גע־גאַרטע „פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע טעמאַטיק”. וואָס איז ביי אים באַלד אויסגערונען, אויף קיין מאָל נישט צו קומען צוריק.

ווי אַ דיכטער און דענקענדיקער מענטש מיט אַ געוויסן, האָט ער זיך טאַקע באַלד אַנטוישט אין דעם סאָוועטישן קאָמוניזם נאָך דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט און אין אַלץ וואָס איז דערמיט דערנאָך געקומען.

און אַז ל. בערקאָוויטש האָט זיך אין עפּעס אַנטוישט, האָט עס באַלד גענומען אַראָפּשרייען פון זיין פאַרטראַכטן פּנים, וואָס האָט דיך אַלע מאָל צוגעצויגן צו זיך.

— ווי קען איך זיין אַ שותף צו אַ באַוועגונג, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דעם טייוול — דעם גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט בכלל און יידישן פאָלק — בפרט ?

אין זיין שטענדיקן גריבלען זיך אין דער וועלט פון אידעען, האָט אים אַלע מאָל באַאומרויִקט דער גורל פון מענטשן, דעם פּרט און כּלל — ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו די אייביקע פראַגן פון וועלט־און־מענטש, אויף וועלכע ער האָט נאַטירלעך קיין צופרידנשטעלנדיקע ענטפערס, ווי יעדער פון אונדז נישט געפונען. פון דער נאַטור אַ גלויביקער, האָט ער פון דעסט וועגן קיין מאָל נישט מסכּים געווען מיט דעם אייביק־אומפאַרמייד־לעכן אמת, אַז — סוף אדם למות.

— ווי אַזוי איז עס גאָר מעגלעך, פלעגט ער מיט מיר איינטענהן — אַז מיר גופא זענען אַ טייל פון דער יצירה, וואָס איז אַבסאָלוט און אומ־פאַרגענגלעך !

אין זיין עקשנות צו דערגיין דעם אמת, האָט דער מתמיד אין אים, אים געשטויסן־און־אַריינגעשטויסן, אין נישט זעלטן אַבסורדאַלע האַנד־לונגען, בנוגע זיין אייגענעם לעבן.

ווען ער איז, למשל, קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם געדאַנק, אַליין צו ראַציאָנאַליזירן זיין לעבן דורך דעם אַנווענד פון אייגענע מעטאָדן און מיטלען פון היילונג, דורך פאַסטן, אַ רויער שפּייז־דיעטע, און אונטער קיינע אומשטענדן זיך נישט געלאָזט באַנוצן מיט דער היינטצייטיקער מעדיצין, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר פאַלש און אומגערעכט.

ער איז אין זיינע האַנדלונגען בנוגע זיך גופא אַוועק צו אַזאַ עקסטרעם, וואָס האָט אים צייטנווייז אַפילו גייסטיק קראַנק געמאַכט...

— אויב איר ווילט געזונט ווערן, פלעגט ער מיר אָפט עצהן — מוזט איר זיך אַליין איבערבויען.

— ווי אַזוי ? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— צום סאַמע ערשטן — פאַסטן אַ דרייסיק טעג. דערנאָך — אָנהייבן מיט עטלעכע גלאָז וואַסער אַ טאָג. שפּעטער — אין גאַנצן באַזייטיקן צו עסן נבלה (פליישׁ), און ביסלעכווייז איבערגיין צו רויע שפּייז.

און אַז ביי אונדז איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, האָט ער אונדז גע־עצהט: נישט שטעלן אים קיין פּאָקן, און בכלל נישט טאָן וואָס אַלע טוען...

און אַז זיינע ציין זענען אים קאַליע געוואָרן, האָט ער זיי אַליין אַרויס־געריסן אונטער די שווידערלעכסטע אומשטענדן, זיך קיין מאָל נישט באַנוצט מיט קיין דענטיסט.

אַזוי האָט זיך דער איידעלער ל. בערקאָוויטש שטופּנווייז אַליין אַריינ־געטריבן אין די שווידערלעכסטע און קאָמפּליצירסטע חולאתן, וואָס האָבן אים אָן יעדן ספק פאַרקירצט די יאָרן.

נאָך זיין אַנטוישונג אין דעם קאָמוניזם פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט ער זיך צופעליק באַקאַנט מיט דער לערע פון טעאָזאָפיע.

אין אָט דעם נייעם גלויבן זיינעם, וואָס ער האָט אַגב פאַרבונדן מיט אונדזער קבלה, האָט ער זיך נאַיִוו און פאַנאַטיש אויסגעלעבט די יאָרן זיינע, באַזוכנדיק רעגלמעסיק אַ טעאָזאָפיע־טעמפּל איין מאָל אַ וואָך, יעדן זונטיק — ווי להבדיל אַ קירכע.

און גערעדט האָט ער וועגן אָט דער „לערע", ווי ער פלעגט איר אָנרופן — מיט דער התלהבות פון אַן אמתן חסיד, מיט ברען, פאַרערונג און ליבשאַפט.

ער איז אויף אַזוי פיל געווען פאַרגלויבט אין אָט דער לערע, אַז ער האָט לגמרי געחוזקט פון אונדזער פּוסטן און זינלאָזן לעבן אויף דער ערד, אַפילו אין גאַנצן מבטל געווען דעם טויט.

— דער טויט, פלעגט ער טענהן — איז בלויז אַן איבערגאַנג פון אַ נידעריקער צו אַ העכערער פאָרעם פון לעבן. מיר, דאָ — זענען בלויז דער

חומר פון דעם אוניווערז. אונדזער אמתדיק לעבן הויבט זיך ערשט אָן נאָך דער פאַרוואַנדלונג אונדזערער פון חומר אין גייסט.

און ער האָט זיך באמת מיט חדוה געגרייט צו אַן אייביק לעבן אין אַן אַנדערע וועלט, וואָס מיר, דאָ, זענען דערווייל נישט אַלע זוכה איר צו באַנעמען און פאַרשטיין.

איין מאָל, שפּאַצירנדיק מיט אים אין אַ לבנה־נאַכט אין די אַרומיקע בערג, גיט ער מיך פּלוצעם אַ פרעג:

— וואָס איז דער נאָמען פון אָט דעם שטערן?

— איך ווייס נישט.

ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ שטערן און מיט דער גאַנצער תמימות זיינער, מיר אַ זאָג געטאָן:

— אויף אָט דעם שטערן, ווייזט ער מיר מיט אַ פינגער — לעבן מענטשן מיט אַ העכערער אינטעליגענץ פון מיר און איך. און מיר ביידע, האָט ער מיך פאַרזיכערט — אויב מיר וועלן לעבן עטיש און מיט דער צייט זיך באַפרייען פון אונדזער חומר — וועלן זיך דאָרט אַ מאָל באַגעגענען.

ביי אַן הזכרה־אָוונט נאָך אונדזערער אַ חברטע, האָט מען אים געבעטן עפּעס זאָגן. — איר לעבט אַלע אין טעות — האָט ער איראָניש אַ זאָג געטאָן — אונדזער חברטע סטעלאַ, איז נ י ש ט ג ע ש ט א ר ב ן! זי האָט בלויז געביטן די פאָרעם פון איר לעבן. ערשט איצט לעבט זי אַן אמתדיק לעבן, אין אַ וועלט פון גייסט און גאָרער שיינקייט.

און אַז איך האָב אַ מאָל באַגעגנט זיין פרוי און אויף אים זיך נאָכגעפרעגט, האָט זי מיר גאַנץ ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— מיין לייבל איז פאַרנומען מיט זיך גופא און מיט זיין „לערע"... ער האָדעוועט מיך מיט דער האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך ביידע טרעפן אויף דעם שטערן...

אין זיין פאַנאַטישן גלויבן אין „דער לערע", האָט ער פאַרניינט און אויך מבטל געווען אַפילו זיין אייגענעם נאָמען.

אָט איז אַ קאָנקרעטער ביישפּיל: ווען איך האָב דאָ אין די יאָרן 1950—51 אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט די חודש־שריפט: ק א ל י פ א ר נ י ע ר

יידיש לעבן, האָט ער מיר איבערגעגעבן זיינע אַן אַרבעט, א. נ. „לויטערע טראָפּנס פון אַלגעמיינע קוואַל״, פון דעם בוך „גוטע עצות״, פון אָריגינאַל אין סאַנסקריט, ענגליש פון סער עדוואַרד אַרנאָלד, אין זיין אייגענער איבערדיכטונג, אָבער — אָן זיין נאָמען.

— פאַר וואָס האָט איר נישט אָנגעגעבן אייער נאָמען?

— ווייל ס'איז אַבסאָלוט נישט נייטיק!

— פאַר וואָס?

— ווייל יעדער איינער פון אונדז איז גאָרנישט, ווינציקער פון אַ טראָפּן אין ים, אין דעם ליכט פון דעם אוניווערז.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט עס צו דרוקן, כאָטש די אַרבעט זיינע איז געווען און פאַרבליבן, זייער אַן איינגעגעבענע. צום סוף האָט ער מסכים געווען עס אונטערצושרייבן מיט דעם מאָדנעם פען־נאָמען — אַ קיינער, צו וואָס איך האָב יאָ מסכים געווען און עס אָפּגעדרוקט.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ל. בערקאָוויטש געלעבט אַליין, איזאָלירט אויף דעם העכסטן באַרג, אין דער געגנט פון סיטי טעררעס.

זיין וווינונג איז באַשטאַנען פון אַן אָפּגעלאָזן קאַמער־צימערל, אין וועלכן מירביידע, הויך און ברייטפּלייציק — פלעגן דאָרט קוים קענען זיצן באַקוועם. אַלע מאָל, ווען איך פלעג צו אים אַרויפקומען, האָב איך זיך געמוזט אויסציען אויף זיין אָרעם, אייזערן בעטל, כדי ער זאָל קענען זיצן אויף דעם איינציקן טרוקענעם בענקל וואָס ער האָט פאַרמאָגט. צוליב דעם, פלעגן מיר מערסטנטיילס אַרומשפּאַצירן צווישן די בערג. ביי טאָג — אין דער פאַרזונטער קאַליפאָרניער רחבות. אין די אָוונטן — אונטער אַ צעשטערנטן הימל, אַנטקעגן אַ ים פון עלעקטרישע ליכט, אין אונדזער באמת שיינער און צעוואָרפענער שטאָט: לאָס אַנדזשעלעס.

ביי מיין לעצטער באַגעגעניש מיט אים אין זיין „פּאַלאַצל אין דער לופטן״, האָבן מיר זיך ביידע דערשמועסט צו דעם מאָדנעם און קוריאָזן פאַקט, אַז מיר ביידע זענען געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר, חודש און טאָג אַפילו.

צוליב זיין דעליקאַטן געזונט־צושטאַנד, האָט ער געלעבט אויף דער

באַשיידענער הוצאה פון אונדזער שטאַט־רעגירונג. און געשטאָרבן איז ער, אַ פאַרחלשטער אין גאַס.

און כאָטש איך בין געווען מיט אים אַזוי אינטים פאַרחברט, ...דער איינציקער חבר־שרייבער דאָ אין שטאָט, וואָס באַזוכט מיך רעגלמעסיק און איז פאַראינטערעסירט אין מיין ווילזיין... ווי ער פלעגט עס מיך אַליין דערמאָנען — בין איך צו מיין ווייטיק און בושה — פון דעסט וועגן נישט געווען ביי זיין לוויה. איך האָב זיך וועגן זיין פּטירה ערשט דערוווּסט, אַ וואָך שפּעטער.

די פּטירה פון ל. בערקאָוויטש, ווי די פּטירה פון אַן אינטימען, לאַנג־יאָריקן חבר — האָט מיך שטאַרק דערשיטערט. איך בין באַלד אַוועק צו דער באַלעבאָסטע פון זיין „פּאַלאַצל אין דער לופטן", צוזאַמענגענומען אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן, אַ טייל פון זיי אויף ענגליש — און זיי אַוועק־געשיקט צו דעם ייוו"אָ, קיין ניו־יאָרק.

אַזוי האָט דאָ געלעבט, געשאַפן, שטאַרק געליטן און אומגעקומען דער דיכטער ל. בערקאָוויטש.

מישא (משה) בוזין

ווי אַן אָפּשטאַמיקער פון דער שטאָט אָדעס, דערצו נאָך אַ געוועזענער, אַקטיווער מיטגליד פון דער ס. ר. פּאַרטיי, ערב דעם יאָר 1905, איז אים כל ימיו נאָכגעגאַנגען זיין רעוואָלוציאָנערע איבערלעבונג פון אָדעס דורך סיביר, ווי אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט — ביז די פּאַראייניקטע שטאַטן.

פון דער נאַטור אַ גיבור און זייער אַ געוואַגטער, אָן דעם שאָטן פון מורא פאַר עפּעס צי פאַר עמעצן, האָט ער זיין שליחות, ווי אַ מיטגליד פון דער ס. ר. פּאַרטיי אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, אויף אַ גאָר געוויסנהאַפטן אופן.

— אָוועקלייגן אַ זשאַנדאַרם, אַ דינער פון דער אָכראַנקע, צי גאָר קאַלט מאַכן אַ פּאַררעטער — פלעגט ער ליב האָבן דערציילן, נישט צו באַרימען זיך חלילה! — איז געווען איינע פון די גרינגסטע און באַליבטסטע פּאַרטיי־מיסיעס מיינע.

ווען מישא (משה) בוזין האָט זיך אין די צוואַנציקער יאָרן באַוויזן פאַר מיר ביי מיין שרייב־טיש און זיך אַליין פאָרגעשטעלט, אָן צערעמאָניעס:

— מיין נאָמען איז מישאַ בוזין, אַ פאַרשטייער פון דער פּרעסע — און דערביי אַריינגעכאַפּט מיין האַנט אין זיין דריי־פינגערדיקער האַנט, האָב איך אַזש דערזען מיין באָבע באַנציע פון יענער וועלט... זיך פּשוט פאַר אים דערשראָקן — — —

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מגושמדיקער ברייט־פּלייציקער, הויכער מאַן — אַ גיגאַנט! — וואָס האָט מער דערמאָנט אָן אַ רוסישן קאַצאַפּ ווי אַ ייד, מיט אַ פאַרברוינט פּנים, אַ פליישיק־סענסיטיווע פּאַררייסענע נאָז, אַ היפּש פּליכל, מיט בולטע סימנים פון אַ געקרויזטן קאָפּ האָר. זיינע גרינלעך־בלויע מילדע אויגן, וואָס האָבן געפלעמלט מיט דער אוממיטל־באַרקייט פון נאַטירלעכער גוטסקייט, האָבן גליקלעכערווייז פאַרשלונגען

מיך געפיל פון מורא, אין קעגנטייל, מיך גאָר צו אים צוגעצויגן מיט דעם רייץ און מיט דער גוטסקייט פון ז י י ן פערזענלעכקייט, און מיך שפּעטער צו אים פאַרברידערט אויף תמיד. פאַקטיש — ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג.

פון דער נאַטור אַ לעבע־יונג און נישט קיין קליינער בעל עבירהניק, האָט מישאַ צו זיך קיין מאָל נישט צוגעלאָזט קיין געפיל פון עצבות. און ווען עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט, ביי זיך צי ביי יענעם אין הויז, צי ביי אַן עפנטלעכער אונטערנעמונג — האָט ער אַלע מאָל ליב געהאַט אַריינצוכאַפּן אַ טרינק בראַנפן, גוט אָפּעסן און — אַריינכאַפּן אַ טענצל.

אַז עס איז אים גאָר גוט געווען אויפן האַרצן, פלעגט ער מיט חסידישן ברען גאָר אויסטאַנצן אַ קאַזאַטשקע, צו דער פרייד און דער באַגייסטערונג פון זיינע אומצייליקע פריינד און חברים וואָס האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט און רעספּעקטירט צוליב זיין נאַטירלעכער גוטסקייט, ערלעכקייט און דער גאָרער עכטקייט פון זיין פּשטות.

צו זיינע שמחות, וואָס זענען געווען לרוב — פלעגט ער פאַרבעטן כמעט אַלע מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע ער איז געווען אַקטיוו.

די הייזער און די זאַלן אין וועלכע ער פלעגט פּראַווען זיינע אָפּטע פאַמיליען־שמחות, זענען קיין מאָל נישט גרויס געווען גענוג, אַריינצונעמען זיינע איינגעלאַדענע געסט. הגם ער איז נישט געווען קיין „גרויסער פאַרדינער", האָט ער מיט דער ברייטסטער האַנט פון דעסט וועגן, ביי אַלע זיינע שמחות צעטיילט זיינע אָפּגעשפּאָרטע קישקע־דאָלאַרן, צו די געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין וועלכע ער האָט כל ימיו גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, ווען ער האָט אַפילו געוווּסט, אַז מאָרגן וועט ער צוליב דעם, באַדאַרפן לייען אַ גמילת־חסד אויף פּראָצענט, פאַר זיינע אייגענע הצטרכותן.

זיין נאַטירלעכע גבורה, וואָס איז אים צענוץ געקומען אין דער אונ־טערערדישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, איז אים אויך בייגעשטאַנען אין אַן עת־צרה דאָ, אין אַמעריקע.

און כאָטש ער איז געווען אַן אַסימילאַטאָר, נישט זעלטן אָפּגעהוזקט

אַפילו פון ייִדישע מנהגים, יום־טובים, זיטן און טראַדיציעס, באַזונדערס — רעליגיעזע — איז ער פון דעסט וועגן געווען אַ שטאָלצער ייִד, וואָס ער האָט נישט זעלטן דעמאָנסטרירט מיט דעם כוח פון זיינע מוסקולן.

ביי דעם עלטער פון אַריבער 60, האָט ער אַ מאָל, ביים אָפנעמען אַ צאָל פעקלעך ציישונגען און זשורנאַלן אין דעם היגן פּאָסט־אָפיס — זיך צעווערטלט מיט אַ געזונטן גויעץ, וואָס האָט אים מישען — באַליידיקט און אים אָנגערופן „בעסטאַרד דזשו".

— אַנו, לאָמיר זען ווער ס'איז אַ „בעסטאַרד", האָט זיך מישאַ אָנגערופן.

אַלע אַרומיקע גויים, האָבן באַלד פאַרמירט אַ רעדל אויף דעם אַמע־ריקאַנער שטייגער — און מישאַ האָט באַלד באַוויזן וואָס ער קען: אין איין הרף־עין האָט ער דעם גויעץ אַזוי צעממיתטט, אַז מ'האָט אים באַלד, אַ צעבלוטיקטן אַרויסגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל און אַוועקגעפירט אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל, פון וואַנען ער איז שוין אַזוי גיך נישט צוריקגעקומען צו דער אַרבעט.

מישא בוזין האָט זיך אַליין באַטראַכט, ווי „אַ פּראָסטער חי וקים". זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ און נאַטירלעכע איידלקייט, האָט אָבער פאַר־דעקט זיין מגושמדיקן אויסזען, און אים צוגעגעבן דעם חן און רייץ פון אַ צעבאַלעוועט קינד, אין דעם געשטאַלט פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן.

זיין פשוטקייט האָט אים לגמרי נישט געשטערט צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער פירערשאַפט פון דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג און אויך אין אַ צאָל אַנדערע, לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זענען ביי אים צום אויסדרוק געקומען, אויף גאָר אַ חנעוודיקן און פאָלקסטימלעכן אופן, וואָס אַלע אָן אויסנאַם, האָבן עס אין אים באַוווּנדערט.

אין די פינצטערע מלחמה־יאָרן, איז מישאַ בוזין דאָ געווען דער סאַמע אַקטיווסטער טוער אין דעם „אַרבעטער קאָמיטעט". טעג און נעכט, האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער הייזער און געשעפטן, אין די ווייטסטע געגנטן פון שטאָט, און געזאַמלט קליידער פאַר די מלחמה־געליטענע אין רוסלאַנד. דערנאָך ערשט — האָט ער זיי אַליין סאָרטירט, פאַרפּאַקט אין שווערע קאַסטנס און זיי אַוועקגעפירט צום פּאָרט מיט דער הילף פון זיינע

בנים, וואָס ער האָט זיי אָנגעבן דערצויגן אין סאָציאַליסטישן גייסט און זיי גייען טאַקע אַלע אין זיינע דרכים, מיט וואָס נישט יעדער פון אונדזערע היימישע מענטשן מעג און קען זיך באַרימען.

פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, איז זיין אומגאַנגס־שפּראַך צווישן זיינע בני־עיר, דאָ אין אַמעריקע געווען און פאַרבליבן — רוסיש.

ווי אַ פאָלקס־מענטש און אַקטיווער טוער אָבער, דאָ, אין דעם סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, א. ר. אַרבעטער קאָמיטעט, „סיטי אָוו האָפּ" און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, האָט ער זיך דער עיקרשט אָבער אויסגעלעבט אין אַ חנעוודיקן, פאָלקסטימלעכן יידיש־לשון, וואָס איז געווען אין ווידערשפּרוך צו זיין קאָזאַקיש־גויאישן אויסזען.

און כאָטש ער האָט נישט זעלטן געחוזקט פון אונדזער יידישער רעליגיע, זיך אַפילו פאַר מיר אַ מאָל באַרימט, אַז אין זיין באַוווסטזיניק לעבן איז ער קיין מאָל אין קיין בית תפילה נישט אַריינגעקומען, האָט ער מיר פון דעסט וועגן אַ מאָל געשריבן פון דער ווייטער אַרגענטינע, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויף דער עלטער אַוועקגעלאָזט וואַנדערן מיט זיין סאָניען איבער דער גאָרער וועלט, „מעשה גביר" — מיט פּראַכט־שיפן... אַז ער האָט דאָרט יאָ באַזוכט אַן אָרטאָדאָקסישע שול, זיך אָנגעטאָן אַ טלית און זיך אַפילו געלאָזט אויפרופן צו קריאת־התורה... מחמת איך האָב נישט געוואָלט פאַרשעמען אונדזערע היימישע יידן, וואָס האָבן מיך אָנגעבן זייער האַרציק אויפגענומען...

בען צוקערמאַן

ביי דעם אָנגעזיכט פון דער גרויזאַמקייט פון טויט, איז דוכט מיר, דאַס טראַכטן פון אים בקול רם, אין ווידערשפרוך צו דער עכטקייט פון דער איבערלעבונג וואָס דער טויט רופט אוממיטלבאַר אַרויס אין אונדזער מחשבה, האַרץ און נשמה.

ביי דעם טויט פון אַ נאָענטן מענטשן, פאַרליר איך אַלע מאָל דאָס לשון.

צוליב דעם האַלט איך, אַז דאָס דממה־דקהדיקע שוייגן אין דעם אַנ־געזיכט פון טויט, איז מער ווירקזאַם ווי דאָס טראַכטן אין דער הייך, ווען איינער זאָל דערביי אַפילו האָבן די בעסטע כוונות אויסצודריקן זיין צער אין ווערטער, וואָס פאַרבלייבן אַלצאיינס בלאָס און טרייסטלאָז אין דעם געמיט פון אַן אבל, אין אָנגעזיכט פון טויט.

אין מיין אַפּיקורסות און סקעפּטישן צוגאַנג צו זאַכן, מענטשן און געשעענישן פון אַן ערנסטן כאַראַקטער אין אַלגעמיין, דערלויב איך זיך זאָגן, אַז איך גלייב נישט אין דעם דעוויז פון אחרי מות קדושים.

מיר דוכט, אין קעגנטייל, אַז עס וואָלט געווען אַ סך עטישער און ווירקזאַמער, ווען אין אונדזערע קעגנזייטיקע באַציונגען בין אָדם לחברו, זאָלן מיר אָפּשאַצן די מעשים טובים פון אַ שעפערישן מענטשן ביי זיין לעבן, נישט נאָך זיין טויט. דער פועל יוצא דערפון וואָלט געווען אַ סך ווערטפולער פאַר אים גופא, און אָן יעדן ספק אויך פאַר אונדז. פאַר אים — דעם לעבעדיקן מענטשן — דערפאַר, ווייל עס וואָלט אים פאַרשאַפט פאַר־געניגן און אים זיכער סטימולירט צו נאָך מער שעפערישע מעשים. מיר ווידער, וואָלטן צוליב דעם באַרייכערט געוואָרן פון אַ נייעם אויפשוווּנג פון זיינע באַגיטע און מער סטימולירנדיקע אַקטיוויטעטן לטובת הכלל.

די אַקטיוויטעטן פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט, ווי אין דעם פאַל פון בען צוקערמאַן — מוזן זיך נישט אַלע מאָל דווקא אויסדריקן און זיין

פאַרקערפּערט, ווי אַ סך פון אונדז מיינען — אין ליטעראַריש־קינסטלערישע עבודות.

עס איז פאַראַן גאַר אַ סך גרויסקייט און שעפערישע שיינקייט, וואָס אַנט־פּלעקט זיך אין די וואָכעדיקסטע מעשׂים טובים פון די פּשוטסטע פאָלקס־מענטשן אויף די פאַרשידנסטע, און צוליב דעם — קאָלירפולסטע געביטן פון לעבן, ווען זיי ווערן דורכגעפירט אויף דעם אָנרעג און דער איניציאַ־טיוו פון דעם אייגענעם געוויסן מצד דעם פּרט, לטובת הכלל. און כאָטש אַזעלכע אַקציעס ווערן אָפט אַדורכגעפירט בסתר און טראָגן דעם כאַראַק־טער פון נאָמענלאָזיקייט, ווערן זיי אָבער דאָ און דאָרטן פערזאָניפיצירט אין דער אַקטיוויטעט פון אַ יחיד, אָן דעם באַנאַלן און כאַראַקטעריסטישן אָנשטעל פון אַ שרייענדיקן אני שלמה, און דעם פּוסטן געיעג נאָך כבוד, רעקלאַמע און באַלדיקער אָנערקענונג.

פון אַזאַ כאַראַקטער און פאַרנעם זענען געווען די פּשוטע, אָבער שעפערישע עבודות פון בען צוקערמאַן ז״ל, כאָטש צו זיין קרעדיט מעג דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז ער איז אויך שרייבעריש געווען אַקטיוו אויף זיין אייגענעם, איך וואָלט געזאָגט — תמימותדיקן אופן. אויף דעם זאָגן עדות זיינע נישט זעלטענע אָפּרופן אין שריפט, אויף אונדזערע נאַציאָנאַלע פּראָב־לעמען און נויטן, און די איינדרוקן זיינע פון זיינע נסיעות קיין מדינת ישׂראל.

אין דער עכטקייט פון בען צוקערמאַנס צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון מענטש און פאָלק, האָט זיין שעפערישקייט זיך אויסגעדריקט אין קאָנקרעטע מעשׂים טובים.

זיין אייביקע זאָרג פאַר דעם גורל פון פאָלק, האָט אים פון זיין פריסטער יוגנט אָן פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדאַרישן משולח פון־און־פאַר די נאַציאָנאַלע נויטן פון אונדזער פאָלק, וואָס ער האָט אין דעם לויף פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט ממש אויפגעטאָן וווּנדער לטובת אונדזער מדינת ישׂראל, אין די ראַמען פון זיינע אָנגעשטרענגטע אַקטיוויטעטן אַרום דעם נאַציאָנאַל פאָנד, דער הסתדרות און ענלעכע ציוניסטישע אַקציעס.

אין זיין פאָלקסטימלעכער פּשטות און גוטסקייט וואָס האָט אַרויסגע־פּלעמלט פון דעם בלוי פון זיינע אויגן, האָט ער אין זיך אַנטוויקלט אַן

אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו מענטשן, פאַרכפּלט מיט אַ גוט אַנטוויקלטן חוש פאַר הומאָר, וואָס האָט אים גיך פאַראייגנט און צוגעאייגנט צו מענטשן וואָס האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט און אַלע מאָל אַנטקעגן געקומען זיינע מאַנונגען לטובת די דערמאָנטע אַקציעס, אין וועלכע בען צוקערמאַן איז געווען אַלע מאָל פאַרטאָן. צוליב אָט די אייגנשאַפטן זיינע, האָט ער טאַקע אַלע מאָל אָנגעשפּאַרט דאָרט, וווּ קיינער האָט נישט דערגרייכט און גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן.

ווען אויף מיין אייגענעם גורל איז אין ל. א. אויסגעפאַלן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די א. ר. ־צווייגן, לאַנדסמאַנשאַפטן און די טרייד־יוניאָן דיוויזיעס פאַר דער הסתדרות אין די מלחמה־יאָרן, פלעג איך זייער אָפט מיטנעמען בען צוקערמאַן צו די פאַרזאַמלונגען פון אָט די דיוויזיעס, ווי דעם אַפּיל־מאַכער לטובת דער הסתדרות. צוליב דער שלעכטער טראַנספּאָר־טאַציע, פלעג ער זיך מיט מיר אַרומשלעפּן אָפט אַ פאַרקילטער אין רעגנ־דיקע נעכט אויף באָסעס, אין די ווייטסטע געגנטן פון שטאָט, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

פאַר מיר איז אַלע מאָל געווען די פריידיקסטע איבערלעבונג צו זען און הערן, ווי בען צוקערמאַן פלעגט זיך אַליין פאַרשטעלן פאַר די פּשוטסטע יידן פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן:

— איך — פלעגט ער אָנווייזן מיט דער האַנט — בין דער „קלאַינער״, נישט דער גרויסער ב. צוקערמאַן. זיינע בלויע אויגן האָבן דערביי געפיבערט מיט דעם אימפּעט פון אַ פאַרחלומטן און לאַכנדיקן יינגל. און ס׳איז באמת געווען צום שטוינען, ווי מיט אָט דער פּשטות זיינער, האָט אונדזער „קלאַינער ב. צוקערמאַן״ מער דערגרייכט פון אַ סך אַנדערע, מיט די מער קלינגענדיקע נעמען און געפליגלטער פראַזעאָלאָגיע. און דערגרייכט האָט ער גאָר אַ סך צוליב דעם, ווייל ער איז געווען פריווילעגירט צו זיין איינער פון פאָלק, ווען די צוהערער זיינע האָבן פאַרשטאַנען און באמת מיטגעריסן געוואָרן פון דער עכטקייט פון זיינע רייד, אין הסכם מיט דעם דעוויז: דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב.

אין דעם איז געלעגן דער כוח זיינער — דער כוח פון אַ מאַגישער

פערזענלעכקייט, וואָס איז געווען און פאַרבליבן באַליבט ביי אַלעמען און אויסנאַם.

זיין קרבנות־גרייטקייט לטובת דעם פרט, איז ווייט נישט געווען הינטערשטעליק לגבי די נויטן פון דעם כלל. אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו און מיט זיינע אייגענע כוחות, האָט ער באַלד נאָך דער ערשטער מלחמה אַרויסגעראַטעוועט פון זיין געבורטס־שטעטל, אַ היפּשע צאָל פאַמיליעס. און באַלד, נאָך דעם גרעסטן חורבן אונדזערן, כאָטש אַ האַרץ־קראַנקער, האָט אים זיין אומרו ווידער אַ שטויס געטאָן צו נייע און באַנייטע אַקטי־וויטעטן, און מיט דער הילף פון זיינע לאַנדסלייט האָט ער גורם געווען די דערשיינונג פון דעם יזכור בוך „צום אָנדענק פון די קדושי קראַסניסטאַוו", זיין חרוב געוואָרן שטעטל אין פּוילן, וואָס מיט דעם אַליין האָט ער זיך איינגעזאַמלט אין דעם געדעכעניש פון אונדזער פאָלק לעולם ועד.

יחזקאל בראָנשטיין

ביבליאגראפיע

צוזאמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

בראָנשטיינס ווערק און ביכער:

בליטצען
לידער אין פּראָזע און פערזן. 1917, 64 זייטן.

מלחמה וועהען
אַ זאַמלונג לידער און בילדער, מיטן אָנטייל פון מ. מילער און ה. גאַלסקי, פאַרלאַג „וויניפּעג", 1914, 32 זייטן.

צווייַ וועלטען
אַ בוך לידער.
2־טע העלפט „זון און בענקשאַפט" פון מרדכי מילער. פאַרלאַג „וויניפּעג", 1919, 112 זייטן און 94 זייטן.

פון דער פּרעמד
לידער און פּאָעמעס, לאָס אַנגעלעס, 1929, 128 זייטן.

וואַגאַבונדיאַדע
פּאָעמען און לידער. פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1935, 130 זייטן.

לידער פון אַ וואַגאַבונד
לידער. פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1940, 128 זייטן.

אימפּרעסיעס פון אַ לייַנער
פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1941, 158 זייטן.

צווישן טאָג און נאַכט
לידער און פּאָעמעס. פאַרלאַג דער בער, לאָס אַנדזשעלעס, 1949, 192 זייטן.

דריי פּרויען פּאָעטן אין מאָדערנעם יאַפּאַן. אַנטאָלאָגיע.
מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 1952, 48 זייטן.

געהיים שטאָט
אָן עסיי איבער אברהם סוצקעווערס פּאָעמע „געהיים שטאָט"
מעקסיקע, 1952, 60 זייטן.

יאָ און נישט — ניין
אימפּרעסיעס פון אַ לייענער. לאָס אַנדזשעלעס, 1953, 254 זייטן.

אונטער איין דאַך
קריטישע עסייען, לאָס אַנגעלעס, 1956, 207 זייטן.

אינאיינעם און באַזונדער
עסייען. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1960, 276 זייטן.

פון אייגן הויז
עסייען און מענטשן וואָס איך האָב געקענט. פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, ישראל, 1963, 318 זייטן.

אין דעם פּרדס פון יידיש
פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, ישראל, 1965.

איבערזעצונגען:

דאָ קען עס ניט פּאַסירן,
פון יודזשין אָ'ניעל, פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג פון אַמעריקע.

פּסעוודאָנימען:

יאמב, קהלת, י. ב. אַ טעאַטערגאַסט, בנימין שלמה שוחטס אייניקל, דאָס קליינע מענטשעלע.

רעדאַקטירט:

ל. א. יידישער ביולעטין
וואָכנבלאַט־מערץ 1928, אויגוסט 1928.

„פאָרווערטס"
איינמאָליקע אויסגאַבע.

ליד
פערטליאָרשריפט פאַר ליד און איבער

ליד, פון יאַנואַר 1933, ביז די נומערן 8—9, האַרבסט־ווינטער 1938־1939.

דער בעכער

פערטל יאָר שריפט, 1949, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון מ. דייטש.

קאַליפאָרניער יידיש לעבן

חודש זשורנאַל, דעצעמבער 1950, ביז מערץ־אַפּריל 1951.

באַטייליקט זיך אין פאָלגנדיקע פּובליקאַציעס:

אינזל — בוקאַרעשט.

די וואָך — בריסל, בעלגיע.

דער קאַמף — טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

די יידישע שטימע — דעטראָיט.

טינט און פעדער — טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

אונדזער פריינט — תל־אביב.

נייע יידישע צייטונג — מינכען.

אונדזער וועג — שיקאַגאָ.

לשון און לעבן — לאָנדאָן.

קיום — פּאַריז.

דער שפּיגל — בוענאָס איירעס. אַרגענטינע.

דאָס יידישע וואָרט — וויניפּעג, קאַנאַדע.

דער יידישער זשורנאַל — טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

דער אַמעריקאַנער — ניו־יאָרק.

קאַליפאָרניער יידישע שטימע — לאָס אַנדזשעלעס.

„שיקאַגאָ" — שיקאַגאָ.

יידישע אַרבעטער וועלט — שיקאַגאָ.

דעטראָיטער וואָכנבלאַט.

די פעדער — ניו־יאָרק.

פאַר אונדזערע קינדער — פּאַריז.

דער האַמער — ניו־יאָרק.

סיגנאַל — ניו־יאָרק.

פּראָלעטאַרישער געדאַנק — ניו יאָרק.

דער יידישער קעמפער — ניו יאָרק.

די צוקונפט — ניו יאָרק.

די גאָלדענע קייט — תל־אביב.

דער קענעדער אָדלער — מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

פרייע אַרבעטער שטימע — ניו יאָרק.

דער וועג — מעקסיקע.

אונדזער געדאַנק — ווענעזועלאַ.

ווייטער — ניו־יאָרק.

די פּרעסע — בוענאָס איירעס, אַרגענטינע.

יידישע נייעס — מעלבורן.

פּאָרויס — מעקסיקע

חשבון — לאָס אַנדזשעלעס.

אונדזער צייט — ניו־יאָרק.

היימיש — תל־אביב.

דאָ — מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי.

אויפסניי — ניו יאָרק.

אייגנס — ישראל.

לעבנס־פראַגן — ישראל.

היינט — מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי.

ל. א. יידישער ביולעטין.

קאַליפאָרניער יידיש לעבן.

דער בעכער.

ליד.

פּאַסיפיק.

קליוולאַנדער וואָכנבלאַט.

איל. ליטעראַרישע בלעטער — בוענאָס איירעס.

ישראל שטימע — תל־אביב.

וועגן בראַנשטיינען אין ביכער:

קייזערמאַן־וויטאַל, ח. מ.:
יחזקאל א. מ. בראַנשטיין. אידישע דיכ־טער אין קאַנאַדע, פאַרלאַג „ניואַנס" — **מאָנטרעאַל, 1934, זז' 15־18.**

ראַבאַק, א. א.:
וועגן אונדזער קריטיק. **די אימפּעריע ייִדיש, מעקסיקע, 1958, ז' 349.**

אין זאַמלביכער:

סאַפּאָזשניקאָוו, גרשון
אונטער איין דאַך. **דער האַלץ אינדוסטריאַל, בוענאָס איירעס, 1956.**

וועגן בראַנשטיינען אין צייטונגען און זשורנאַלן:

איגנאַטאָוו, דוד
צוויי יאָר „ליד". **ליד. לאָס אַנדזשעלעס, פעב. 1935, ז' 18.**

אייקעלע, מזיק
פון „דער פרעמד". (אויב איר ווילט רופט עס קריטיק). **קאַליפאָרניער אידישע שטימע, לאָס אַנדזשעלעס, אויג. 9, 1939.**

אלמי, א.
צוויי יאָר „ליד". **ליד. לאָס אַנדזשעלעס, פעב. 1935, ז' 18.**

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.
צוויי יאָר „ליד". **ליד. לאָס אַנדזשעלעס, פעב. 1935, ז"ז 18—19.**

בלום, אליעזר
יאָ און ניין אין ליטעראַטור־קריטיק. **צוקונפט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1957, ז"ז 44—45.**

בן־יקיר
„יאָ און נישט־ניין" פון יחזקאל בראַנ־שטיין, **אונזער וועג, שיקאַגאָ, סעפּטעמ־בער 1953, ז"ז 5 און 14.**

בערלינער, יצחק
אַ נייער זשורנאַל אין לאָס אַנדזשלעס. **דער וועג, מעקסיקע, 1950.**

בערלינער, יצחק
דורך די שויבן. אַ נייער זשורנאַל אין לאָס אַנדזשעלעס. **קאַליפאָרניער אידיש לעבן. [געניויע דאַטע אומבאַקאַנט].**

בערלינער, יצחק
דורך די שויבן. „דריי פּרויען פון מאָ־דערנעם יאַפּאַן", **דעצעמבער 15, 1951 [ווו געדרוקט אומבאַקאַנט].**

בערלינער, יצחק
אַ ניי בוך פון יחזקאל בראַנשטיין „גע־היים שטאָט". **דער וועג, מעקסיקע, דע־צעמבער 15, 1951.**

בערלינער, יצחק
דריי פרויען — פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן. **דער וועג, מעקסיקע, 1952.**

בראַנזווילער, סטאַליאַר
יובילײ פון זשורנאַל „ליד. (צום 2־יאָ־ריקן יובילײ פון זשורנאַל „ליד", רע־דאַקטירט פון יחזקאל בראַנשטיין) **קאַלי־פאָרניער אידישע שטימע, לאָס אַנדזשע־לעס, דעצעמבער 27, 1934.**

גאַק, יואל
דער יאָ־זאָגער פון לאָס אַנדזשעלעס. **„דאָ" ! מאָנטעווידעאָ, יוני־יולי 1961, זז' 6־7.**

גיטלסאָן, י.
יחזקאל בראַנשטיין: „יאָ און נישט־זיין". **אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, מאי 21, 1954.**

גלאַטשטיין, יעקב
דער קאַמף מיטן קריטיקער **אידישער**

קעמפּער, ניו יאָרק, יולי 20, 1956, ז׳ 11.

[גלאַנץ] אַ. לעיעלעס

באָסטאָן, יאפּאַן, לאָס אַנדזשעלעס. **דער וועג, מעקסיקע, נאָוועמבער 3, 1956.**

גראַבאַרד, ד״ר ב.

„אונטער איין דאַך" פון יחזקאל בראַנשטיין. **דער וועג, מעקסיקע, נאָוועמבער 3, 1956.**

גראַבאַרד, ד״ר ב.

יחזקאל בראַנשטיין — דיכטער און קריטיקער. **אונזער וועג, שיקאַגאָ, דעצעמבער 1956, זז׳ 5 און 11.**

גראַבאַרד, ד״ר ב.

יחזקאל בראַנשטיין — דיכטער און קריטיקער. **קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יאַנואַר 7, 1957.**

גראַבאַרד, ד״ר ב.

יחזקאל בראַנשטיין — דיכטער און קריטיקער. **היינט, מאָנטעווידעאָ, מערץ 13, 1959.**

גרין, בער

קעגן קליינבירגערלעכן נעפּל. **סיגנאַל, ניו יאָרק, מערץ 1935, ז׳ 18.**

גרינבערג, ש.

יחזקאל בראַנשטיין — פון אייגן הויז. **דאָ! מאָנטעווידעאָ, יולי 1963.**

דובין

משורר ומבקר. **אמר, תל־אביב, (ווען געדרוקט אומבאַקאַנט).**

דייטש, מאַטעס

דאָס געוויין פון אייביקן סאָלדאַט... (וועגן יחזקאל בראַנשטיינס בוך „יאָסל") **דער וועג, מעקסיקע, נאָוועמבער 4, 1950.**

וויערניק, פּ.

אונזער פיל־שפּראַכיקע ליטעראַטור פון דער פרעמד. **מאָרגן זשורנאַל, ניו יאָרק, נאָוועמבער 2, 1930.**

וויינפּער, ז.

ביכער און שרייבער, יחזקאל בראַנשטיין. **יידישע קולטור, ניו יאָרק, יאַנואַר 1953.**

וויינפּער, ז.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין. **דער אויפקום, ניו יאָרק, יאַנ.־פעבר. 1936, ז״ 41.**

וויינפּער, ז.

יחזקאל בראַנשטיין. **יידישע קולטור, ניו יאָרק, אויג.־סעפּט. 1956, ז׳ 52.**

זאַלצמאַן, ד״ר נ. ס.

אַ בריוו אין דער רעדאַקציע. **די פעדער, ניו יאָרק, 1930.**

זיפּער, יעקב

„וואַגאַבונדיאַדע" פון יחזקאל א. מ. בראַנשטיין. **„שיקאַגאָ", שיקאַגאָ, מערץ 1936, זז׳ 42־44.**

זיפּער, יעקב

„וואַגאַבונדיאַדע" פון יחזקאל בראַנשטיין. **דאָס אידישע וואָרט, וויניפּעג, אַפּריל 9, 1936.**

זיפּער, יעקב

באַמערקונגען ביים לייענען וועגן יחזקאל א. מ. בראַנשטיינס ניי־בוך לידער (לידער פון אַ וואַגאַבונד). **פּראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו יאָרק, אָקטאָבער 15, 1940.**

זעמעל, יצחק

בריוו אין רעדאַקציע. אַ ווענדונג צו יידישע לייענער. **אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, יולי 19, 1957.**

זשיטניצקי, ד״ר ל.

„וואַגאַבונדיאַדע" און... דעקאַדענץ. **די פּרעסע, בוענאָס איירעס, דעצעמבער 1935.**

זשיטניצקי, ד״ר ל.

„וואַגאַבונדיאַדע" פון יחזקאל בראַנשטיין. **דאָס יידישע וואָרט, אַפּריל 9, 1936.**

חאַימאָוויטש, מ. י.
צווי יאָר „ליד".
ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז' 19.

טענענבוים, ש.
„וואַגאַבונדיאַדע" — יחזקאל בראַנשטיין.
אידישער קוריער, שיקאַגאָ, דעצעמבער 27, 1936.

טשאַרני, דניאל
קולות פון דער ווייט. ביבליאָגראַפישע נאָטיצן. **ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומ' 27 (478).**

יאַנאַסאָוויטש, יצחק
אין דער וועלט פון יידישן וואָרט. יחזקאל בראַנשטיינס פירוש צו סוצקעווערס „געהיימשטאָט". **אַרבעטער וואָרט, פּאַריז, מערץ 15, 1952.**

יאַנאַסאָוויטש, יצחק
יחזקאל בראַנשטיינס פירוש צו סוצקעווערס „געהיימשטאָט". **דער וועג, מעקסיקע, אַפּריל 26, 1952.**

לאַפּין, ב.
יחזקאל א .מ. בראַנשטיין. (צו זיין באַזוך אין וויניפּעג). **דאָס אידישע וואָרט, וויניפּעג, סעפּט. 1, 1933.**

לייוויק, ה.
צווי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז' 19.**

לעבעדיקער (דער)
וועגן בראַנשטיינס „געהיימשטאָט" פון אַ. סוצקעווער און וועגן זיין אַנטאָלאָגיע „דריי פּרויען־פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן". **מאָרגן זשורנאַל, ניו יאָרק, אַפּריל 13, 1952.**

לעבעדיקער (דער)
אויפן ליטעראַרישע יאַריד. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אַפּריל 18, 1954.**

לעבעדיקער (דער)
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, יאַנואַר 13, 1957.**

לעבעדיקער (דער)
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, יוני 9, 1957.**

לעוו, אַברהם
יחזקאל בראַנשטיינס בוך „אונטער איין דאַך". **אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס, מערץ־אַפּריל 1958, ז' 8.**

לעוו, אַברהם
יאָ און נישט־ניין. **אונזער שטימע, פּאַריז, אויגוסט 14־15־16, 1953.**

לעוו, אַברהם
„אונטער איין דאַך". אַ ניי בוך קריטישע עסייען פון דעם דיכטער און קריטיקער יחזקאל בראַנשטיין. **לעבנס־פראַגן, תל־אביב, יאַנואַר־פעברואַר 1957, זז' 16־17.**

[מאַלאַמוט, יוד לאַמעד]
יחזקאל בראַנשטיין. **קאַליפאָרניער יום־טוב בלעטער, לאָס אַנדזשעלעס, סעפּטעמבער 1956, ז' 25.**

מאַניק, י.
„אינאיינעם און באַזונדער". **ישראל־שטימע, תל־אביב, פעברואַר 23, 1961.**

מוקדוני, ד"ר א.
יאַפּאַנישע דיכטערינס. **מאָרגן זשורנאַל, ניו יאָרק, נאָוועמבער 2, 1952.**

מוקדוני, ד"ר א.
שיטער ווערן אונדזערע שרייבערישע רייען. **די גאָלדענע קייט, 26, תל־אביב, 1956, זז' 157־158.**

מינקאָוו, נ. ב.
צווי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז' 19.**

מייזל, נחמן
רייסענישען און בייסענישען. **ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 292, וואַרשע, דעצעמבער 13, 1929, זז' 973־974.**

מלמד, מ.
ליטעראַרישע נאָטיצען. פון דער פרעמד, לידער פון יחזקאל מ. בראַנשטיין. **איד־דישע וועלט, פילאַדעלפיע, דעצעמבער 10, 1929.**

מרמר, קלמן
וועגן דריי נייע ביכער. **מאָרגן־פרייהייט, ניו יאָרק, יוני 2, 1940.**

נאָומאָוו, י. ש.
די יידישע פרעסע אין לאָס אַנדזשעלעס. **חשבון, לאָס אַנדזשעלעס, נומ׳ 5, אָק־טאָבער 1954, ז׳ 35.**

נחמן, לייב
יחזקאל בראַנשטיין. **„זיין" ניו יאָרק, פעברואַר 1954, ז׳ 31.**

ניגער, ש.
ליטעראַרישע קריטיק. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, יוני 12, 1955.**

סיגאַל, י. י.
נייע לידער זאַמלונגען. וועגן דעם ערשטן און דריטן נומער „ליד". **קע־נעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 10, 1934.**

סיגאַל, י. י.
דער דריטער נומער „ליד". **קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 17, 1934.**

ספיוואַק, יונה
צווייי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז׳ 19.**

פאַטאַש, ריקודה
„אונטער איין דאַך". פון יחזקאל בראַנ־שטיין. **קולטור היימיש, תל־אביב, אָק־טאָבער 15, 1956.**

פינסקי, דוד
צווייי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעב. 1935, ז׳ 20.**

פאָגעל, ד"ר דבורה
ארום א נייעם זשורנאַל פאַר ליד און איבער ליד. דאָס „ליד" ל. א. יאַנ.־פעב. 1933. **דער נייער מאָרגען טאָגבלאַט, לעמבערג, יוני 30, 1933.**

צעשינסקי, משה
צוויי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז׳ 20.**

קליגער, אבא
א שעפעריש לעבן. **חשבון, 25, לאָס אַנגעלעס, מאַי 1961, זז׳ 24־26.**

קראַוויץ, נפתלי
אינאַיינעם און באַזונדער. **אונדזער וועג, ניו יאָרק, העפט 7, תשכ"א.**

ראַבאַק, א. א.
צוויי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז׳ 20.**

ראַבאַק, א. א.
וואָס פעלט דער יידישער קריטיק? **פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, דע־צעמבער 14, 1956, ז׳ 3.**

ראַבינאָוויטש, ישראל
אידישע ליטעראַרישע טעטיקייטן אין קאַנאַדע. **קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מאָוועמבער 3, 1959.**

ראַלניק, יוסף
צוויי יאָר „ליד". **ליד, לאָס אַנדזשעלעס, פעברואַר 1935, ז׳ 20.**

רייזען, אַברהם
פון דער פרעמד, לידער. יחזקאל בראַנ־שטיין. **די פעדער, ניו־יאָרק, אַפּריל 1931.**

שולמאַן, אַברהם
קלאָר, בילדעריש, אַנאַטאָמיש... **אונזער שטימע, פּאַריז, יוני 17־18, 1959.**

שטאַרקמאַן, משה
נייע ביכער, יחזקאל בראַנשטיין. לידער פון א וואַגאַבונד, **1940, דער טאָג, ניו יאָרק, 1940.**

שטיין, ב.
יחזקאל בראַנשטיין: „יאָ און נישט ניין". **אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלע־טער, בוענאָס איירעס, נאָוו.־דעצ. 1957, ז׳ 12.**

נאָטיצן וועגן בראַנשטיינען אין ציימונגען און זשורנאַלן:

אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן
אָקטאָבער 23, 1959. דערשינען הערץ בערגנערס נייער ראמאן.

אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן
סעפטעמבער 16, 1960. אינאיינעם און באַזונדער״. נייער בוך עסייען פון יחזקאל בראַנשטיין דערשינען.

אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן
פעברואַר 8, 1963. „פון אייגן הויז״, ניי בוך עסייען פון יחזקאל בראַנשטיין דערשינען.

דער אויפקום, ניו־יאָרק
מערץ־אַפּריל 1933, ז׳ 28. ליטעראַרישע פּאַסירונגען.

אונזער וואָרט, פּאַריז
סעפּטעמבער 3, 1960.
יחזקאל בראַנשטיין.

אונזער וועג, שיקאַגאָ
אַפּריל 1961, זז׳ 38־39. אינאיינעם און באַזונדער. יחזקאל בראַנשטיין.

אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס
יוני 9, 1953. נייער בוך פון י. בראַנשטיין וועגן אידישע שרייבער.

אידישער קעמפער, ניו־יאָרק
1963. „פון אייגן הויז״, ניי בוך עסייען פון יחזקאל בראַנשטיין.

אמר, תל־אביב
[וועגן דערשינען אומבאַקאַנט] משורר ומבקר.

דאָ! מאָנטעווידעאָ
יוני־יולי 1963, ז׳ 14. יחזקאל בראַנשטיין „פון אייגן הויז״.

דער האַלץ אינדוסטריאַל, בוענאָס איירעס
יחזקאל בראַנשטיין „אונטער איין דאַך״.

ניי היימיש, תל־אביב
יולי 1956. יחזקאל בראַנשטיין „אונטער איין דאַך״.

דער וועג, מעקסיקע
מאַי 30, 1953. נייער בוך פון י. בראַנשטיין מיט באַגייסטערטע עסייען וועגן אידישע שרייבער.

דער וועג, מעקסיקע
אָקטאָבער 15, 1960. „אינאיינעם און באַזונדער״ 10טער בוך פון יחזקאל בראַנשטיין, דערשינען.

זיד־אַמעריקע
(דאַטע אומבאַקאַנט). פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1935. וואַגאַבונדיאַדע. פון יחזקאל בראַנשטיין (יאמב).

דער טאָג, ניו־יאָרק
יוני 14, 1953. ליטעראַרישע נאָטיצן א ניי בוך פון יחזקאל בראַנשטיין.

טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק
אויגוסט 4, 1960. ניי בוך עסייען פון יחזקאל בראַנשטיין. (אינאיינעם און באַזונדער).

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע
יוני 27, 1924, ז׳ 5. „צווי וועלטן״, אָנגעוואָרפענע בלומען פון יחזקאל מ. בראַנשטיין.

מעקסיקאַנער לעבן
אָקטאָבער 15, 1960. „אינאיינעם און באַזונדער״ 10טער בוך פון יחזקאל בראַנשטיין.

ניי־היימיש, תל־אביב
יולי 1956, ז׳ 18. יחזקאל בראַנשטיין „אונטער איין דאַך״.

סיגנאַל, ניו־יאָרק
דעצעמבער 1935, ז׳ 17. די רעדאַקציע האָט דערהאַלטן.

די פּרעסע, בוענאָס איירעס
סעפּטעמבער 1, 1960. „אינאיינעם און באַזונדער", נייער בוך עסייען פון י. בראָנשטיין, דערשינען.

פאָלקסבלאַט, תל־אביב
יולי 7, 1960. יחזקאל בראָנשטיין — אינאיינעם און באַזונדער, עסייען.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק
נאָוועמבער 26, 1956. לאָס אַנדזשעלעס קאָנסיל פון פּרויען־קרייז עפנט זייער נייעם סעזאָן.

פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק
מאַי 2, 1941. ליטעראַרישער יום־טוב אין לאָס אַנדזשעלעס.

פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק
סעפּטעמבער 11, 1953. „יאָ און נישט־ניין" — נײַ בוך עסייען פון יחזקאל בראָנשטיין.

קאַליפאָרניער יום־טוב בלעטער, לאָס אַנדזשעלעס
(דאַטע אומבאַקאַנט). ביכער און שרײַבער.

קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל
מאַי 28, 1956. „אונטער איין דאַך", אַ בוך עסייען פון יחזקאל בראָנשטיין, דערשינען.

קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל
נאָוועמבער 3, 1959. (יחזקאל בראָנשטיין).

קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל
אָקטאָבער 17, 1960. „אינאיינעם און באַזונדער" — 5טער בוך פון יחזקאל בראָנשטיין, דערשינען.

קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל
יאַנואַר 22, 1963. „פון אייגן הויז", נייער בוך עסייען פון יחזקאל בראָנשטיין, דערשינען.

די שטימע, מעקסיקע
יולי 4, 1953, „יאָ און נישט־ניין" פון יחזקאל בראָנשטיין.

די שטימע, מעקסיקע
אָקטאָבער 15, 1960. „אינאייינעם און באַזונדער", — 5טער בוך פון יחזקאל בראָנשטיין.

די שטימע, מעקסיקע
יאַנואַר 19, 1963. „פון אייגן הויז", נייער בוך פון יחזקאל בראָנשטיין, דערשינען.

דער שפּיגל, בוענאָס איירעס
אָקטאָבער 1956. „אונטער איין דאַך", בוך פון יחזקאל בראָנשטיין.

ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייוו"אָ

וועגן בראָנשטיינען אין לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס און ביבליאָגראַפישע פּובליקאַציעס:

ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייוו"אָ
באַנד ו־1920. פאַרלאַג „קולטור ליגע", וואַרשע, 1928, ז' 221.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור
ערשטער באַנד. אַרויסג. פון אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, ניו יאָרק, 1956, שפּאַלטן : 444־445.

רייזען, זלמן
לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ערשטער באַנד, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1928, שפּאַלט : 407.

שטאַרקמאַן, משה

יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פּאָעזיע. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן — ה. דובנאָוו־פאַנד און ענציקלאָפּעדיע קאָמיטעט, ניו־יאָרק, **1957, ז' 132.**

י. עמיאָט:

וועגן דריי ביכער — יחזקאל בראָנשטיין: „פון אייגן הויז" עסייען, און מענטשן וואָס איך האָב געקענט. **פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב 963.**

„די צוקונפט", **נאָוועמבער, 1964 ז. 445,**

י. אָקרוטני:

מענטשן געזען פון דער נאָענט — **יחזקאל בראָנשטיין:** „פון אייגן הויז" **פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב 1963.**

„די יידישע צייטונג" **בוענאָס־איירעס, 2 אָקטאָבער 1964.**

„קענעדער אָדלער", **3טער יאַנואַר 1965.**

וועגן בראָנשטיינען אין פרעמדע שפּראַכן:

LIPTZIN, SOL:
The Winged World. Uuter Ein Dach, by Ezekiel Brownstone. In Jewish Bookland, New York, January 1958.

LIPTZIN, Sol:
Inaynem un Bazunder (United and Unique) by E. Browstone. California Jewish Voive, Los Angeles, April 26, 1963.

LIPZIN, Sol:
Keen Appraisals of Yiddish Lyricists. Inaynem un Bazunder (United and Unique), In Jewish **Bookland,** New York, May 1963, P. 3.

LIPZIN, Sol:
They Live Again as Colorful individuals. Fun Eign Hoyz, by E. Browstone. In Jewish Bookland, New York, Sep. 1963, P. 3.

LIPZIN, Sol:
Fun Eign Hoyz (Prodomo). by E. Brownstone, Tel Aviv, Hamnora 1963.

ROBACK, A. A.:
Syllabus of Yiddish Literature. Yiddish Poetry. Curiosities of Yiddish Literature, Sci-Art Publishers, Cambridge, MCMXXXIII, P. 201.

ROBACK, A. A.:
Recent Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, American Branch, New York, 1940, P. 295.

THE CALIFORNIA JEWISH VOICE: Los Angeles, Nov. 30, 1956. **Hail Yiddish Essaayist Dec. 5.**

THE CALIFORNIA JEWISH VOICE: Los Angeles, Feb. 8, 1952. **The Poet Sutskever.**

Ezekiel Brownstone: The Golden Peacock. A Worldwide Treasury of Yiddish Poetry, Compiled and Edited by Joseph Lefwich, P. P. 4073, New York—London, 1961.

דערשינענע ביכער פון יחזקאל בראָנשטיין

לידער:

פון דער פרעמד — 1929
וואַגאַבונדיאַדע — 1935
לידער פון אַ וואַגאַבונד — 1940
צווישן טאָג און נאַכט — 1949
דריי פרויען־פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן — 1952

עסייען:

אימפּרעסיעס פון אַ לייענער — 1941
געהיימשטאָט פון אַברהם סוצקעווער — 1952
יאָ און נישט — ניין — 1953
אונטער איין דאַך — 1956
אינאיינעם און באַזונדער — 1960
פון אייגן הויז — 1963
אין פּרדס פון יידיש — 1965

E. BROWNSTONE,
350 No., Sweetzer Ave, Los Angeles 48, Calif.

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה״:

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**
ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**
באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**
מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן).
ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומ־געוויינלעכן מענטש).
מיכאל וויכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**
מיכאל וויכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**
מיכאל וויכערט — **יידישע אַליינהילף.**
מיכאל וויכערט — **מלחמה 1939—1945,** זכרונות 3־טער באַנד.
אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**
שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום,** לידער.
לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער,** מיט אַ פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי.
אבא גאָרדין — **שלמה המלך,** היסטאָרישער ראָמאַן.
אבא גאָרדין — **משה,** זיין לעבן און לערע.
משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור) — העברעיש.
יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פרי־גני** (**פּירות פון מיין גאָרטן**), (לידער אין העברעיש).
ד״ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ,** אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער (פּרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).
מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).
אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** עברית־יידיש.
יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.
מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פּערזן. **2־טער באַנד.**
פּיאַטער ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).
רחל אוירבך — **מרד גיטו וארשה** (העברעיש).
דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן** (ענגליש).
הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.
י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.
י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.
א. בוסתן — **חיים וויצמאַן.** לעבן און ווערק.
יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס.** ראָמאַן.
ד״ר ח. שאַשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**
ד״ר ח. שאַשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאַשקעס** (העברעיש).
א. גאָפּלאַט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פרייליך.

ד״ר י. הרציג — **נדודי במלחמה ויאסלו יערי (העברעיש).**
ספר יזכור — **קוסוב** (הוצולסקי).
י. זשעמיאַן — **די פּאַפּיראָסן־הענדלער פון פּלאַץ דריי קרייצן.**
ב. אפשטיין — **בערבות הפאמפה** (העברעיש).
יוסף גאַר — **אַזוי איז עס געשען אין ליטע.**
ש. ראָזענבערג — **שבתי צבי.** היסטאָרישער ראָמאַן.
ז. בונין — **פון פרילינג ביז האַרבסט.** לידער און פּאָעמען.
מלכה חפץ טוזמאַן — **שאָטנס פון געדענקען.** לידער.
בעריש ווײַנשטיין — **באַשערטע לידער.**
יחזקאל בראָנשטיין — **אין פרדס פון יידיש.** עסייען.

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן.** 7 סיפורים און נאָך איינער.
א. בייזער — **פיר זענען זיי געווען.** ראָמאַן.
אפרים קאַגאַנאָווסקי — **אַ טונקעלע דירה.** דערציילונג.
ב. זאַלץ — **און די זון האָט געשיינט.**
ל. קוסמאַן — **בלעטער רוישן.** לידער.
יעקב כהן — **אויפן בראָך פון מיין פאָלק.** לידער.

צענטראַלע פאַרשפרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

ש. אַש — **דער נביא.**
מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך,** 2 בענדער.
מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועסן.**
יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**
יהשוע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**
ז. שניאור — **די משומדתטע.**
לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**
אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, 1963.
יוסף שטשאַווינסקי — **אונטער איין דאַך.** דערציילונגען.
דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע ווערק.**